STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06007

MUTER UN ZUN

Albin Bobruk

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלבין באָבּרוק

מוטער און זון

אויטאָריזירטע איבערזעצונג
פון ל. מ.

פארלאג „יידיש בוך" ווארשע 1953

ALBIN BOBRUK

MATKA I SYN

Redaktor: B. HELLER
Okładkę projektował: I. REJZMAN

רעדאקטאר: ב. העלער
הילע נעצייכנט: י. רייזמאן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa 1953 r

Nr zam. 397 Nakład 6.000 egz. Druk ukończono w czerwcu 1953 r.
Ark. druk. 11,6 Ark. wydawn. 10,5 papier druk. sat. V kl. 61x86 70 gr.
Druk. RSW „Prasa", Warszawa Tarczyńska 8. 4-B-51016

מיין מוטער
ווידמע איך די דאָזיקע זכרונות.

אויף דער פּאָרשטאָט און אויסער איר

מײַנע קינדער־יאָרן האָב איך פֿאַרבראַכט אין דאָרף. מײַן טאַטע איז געווען אַ לײַוואַנט־אַרבעטער פֿון עלטסטן דור. נאָך אין דער יוגנט איז ער געווען געצוווּנגען צו פֿאַרלאָזן דאָס דאָרף און זוכן, צוזאַמען מיט זײַנע דרײַ ברידער, אַרבעט אין שטאָט. די עטלעכע מאָרג פֿעלד־אַקער ערד האָבן נישט געקאָנט שפּײַזן די גרויסע משפּחה. אָבער די פֿעלד־אַקער שטעט, כאָטש זיי האָבן אין אָנהייב פֿון 20־טן יאָרהונדערט זיך געניטיקט אין אַ גרעסערער צאָל אַרבעטס־קראַפֿט, האָבן דאָך געצוווּנגען די אַרבעטער ווײַטער צו פֿאַרבלײַבן אין די גאָענטסטע דערפֿער. באַצאָלן דירה־געלט אין שטאָט האָבן זיך געקאָנט דערלויבן בלויז אַרבעטער, וואָס האָבן געהאַט אַ שטענדיקע באַשעפֿטיקונג. בלויז דאַן, ווי מ'האָט עס געזאָגט, האָבן זיי געקאָנט צונויפֿבינדן אַן עק מיט אַן עק.

קריגן אַ וווינונג אין אַ בײַשטאָטישן דאָרף איז נישט געווען שווער. די פּויערים האָבן גערן אויפֿגענומען לאָקאַטאָרן. אַ פּאָר רובל אָדער זלאָטעס האָבן אויך די פּויערים געגעבן אַ מעגלעכקייט צונויפֿצובינדן אַן עק מיט אַן עק. אין אַזאַ פֿאַל האָבן זיי זיך צונויפֿגעדרענגט מיט זייערע משפּחות, אַזוי ווי זייערע לאָקאַטאָרן, אין אײַנצלנע צימערן, וואַרטנדיק אויף בעסערע צײַטן.

אין אײנעם אַזאַ דאָרף, אין זשעטשיצע לעבן מעזריטש האָב איך אָנגעהויבן מײַן לעבן אַלס דריט קינד פֿון אַ משפּחה פֿון אַ טעסלער און שלאָסער צוזאַמען. „קיין וואַיאַקעס וועט שוין פֿון זיי נישט זײַן, ווײַבאַלד אַ מיידל גייט בראש" — האָט זיך געחכמעט מײַן טאַטע, אָנווײַזנדיק אויף מײַן עלטסטער שוועסטערוגעניען. „זיי האָבן נישט פֿאַר וואָס צו וואַיעווען" — האָט אים איבערגעריסן מײַן מאַמע, וועלכע האָט שטענדיק עפּעס גענייט — געלאַטעט אונדזער וועש און די צעריסענע קליידער.

ווען אין יאָר 1920 איז מײַן טאַטע געוואָרן אַרעסטירט און אַרײַנגעזעצט אין שעדלעצער תּפֿיסה, האָב איך מער געווען, אַז די אָפֿטע קריגערייען צווישן טאַטן און דער מאַמען וועגן דעם, צי מיר וועלן זיך טויגן „צום וואַיעווען", האָבן זיך גענומען פֿון דער ביקס, וואָס מײַן טאַטע האָט געהאַט. „איך האָב אים געזאָגט, לאָז אָפּ מיט די ביקסן" — האָט אָפֿט געטענהט די מאַמע, ווען מ'האָט געדאַרפֿט אײַנהייצן און אונדז אָנקאָרמענען.

דאן טאָקע בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אז די מאמע איז קליגער פון טאַטן, און איך האָב זיך געגעבן אַ וואָרט שטענדיק זי צו הערן, כדי אויסצומיידן די אומגליקן, וועלכע האָבן געטראָפן דעם טאַטן. און דאָס אומגליק, וואָס האָט דאָס מאָל געטראָפן דעם טאַטן איז געווען גאָר גרויס. אין אונדזער דאָרף זענען אָנגעקומען זשאַנדאַרן און א מיליטערישער פּראָקוראָר. זיי האָבן געמאַכט אַ רעוויזיע ביי אונדז אין דער כאַטע, אויפן בוידעם, זיי האָבן אָפּגעריסן די שינדלען, צעבראָכן די טעלערס און ארויסגעשלעפּט די שטיינער, אויף וועלכע עס האָט זיך געהאַלטן דער פונדאַמענט פון דער כאַטע. א גליק וואָס די כאַטע האָט געהערט צו א באַלעבאָס, וועלכער איז צוזאַמען מיט זיין משפּחה אַנטלאָפן פון דער דייטשישער אינוואזיע אין 1915 יאָר. ווען דער באַלעבאָס זאָל זיין, וואָלט ער זיכער ארויסגעיאָגט אזעלכע לאָקאַטאָרן. דאַן האָב איך עס צום ערשטן מאָל דערהערט דאָס וואָרט „באָלשעוויק". ארויסגעזאָגט איז עס געוואָרן ווי א זידל-וואָרט: די זשאַנדאַרן האָבן עס אויף פאַרשידענע אופנים ארויסגעשריגן, באַצייכענענדיק מיט אים דעם טאַטן מיט דער מאַמען. איך האָב געפּרוווט פרעגן ביי דער מאַמען וואָס דאָס דאָזיקע וואָרט באַדייט, אָבער זי האָט געשוויגן. זי האָט עס אוודאי אליין נישט געוווּסט, ווייל דער טאַטע האָט צו קיין פּאַרטיי אָדער אָרגאַניזאַציע נישט געהערט. ער איז בלויז געווען א נישט גלויביקער און האָט אָפט עפנטלעך אָנגערופן די קשיאָנהעם מיטן זידל-וואָרט: „גאָטס פעחד". פרומע ווייבער פלעגן אים אויסמיידן, גאָטספאָרכטיקע באַלעבאַטים פלעגן אים נישט געמען צו פאַרריכטן זייערע האַנט-מילן, שפּינדלען און שטשקע-שניידערס.

א יאָר מיט עטלעכע חדשים איז דער טאַטע געזעסן אין תפיסה ביזן פּראָצעס. מ'האָט אים געשענקט די שולד און נישט באַשטראָפט פאַר האָבן אַ ביקס. דער ריכטער האָט אים אָנגעזאָגט ער זאָל אויף ווייטער גיין אין קאַשטשאָל און דערביי געוואָרנט, אז אפּיקורסים און לומפּראַנער וועלן ווי צום שטרענגסטן באַשטראָפט ווערן.

— אייער גליק, וואָס מיר האָבן די מלחמה געוווּנען, איצט בעט גאָט פאַרן געזונט פון מאַרשאַלעק.

ביז דער טאַטע איז צוריקגעקומען פון תפיסה האָט די מאמע פאַרקויפט די אַלמער. דעם טיש און אַנדערע זאַכן אָן וועלכע, ווי זי האָט געזאָגט, מ'קאָן זיך באַגיין.

ווינטער-צייט איז זייער שווער געווען זיך צו דערוואַרטן דעם אָנקום פון פרילינג, ווען מ'קאָן שוין לעבן פון שוואָמען און יאַגדעס. איך האָב געוווּסט, אַז די מאמע וויל נישט דעם עלטערן ברודער „אָפּגעבן צו די פּויערים", ווי מ'האָט עס געזאָגט וועגן די, וועלכע זענען געגאַנגען פּאַשען בהמות ביי די האַרפּישע גבירים. אָנהייבנדיק פון העלפט-יוני פלעגט זי אונדז יעדן טאָג, באַגינען, מיטנעמען אין וואַלד. פאַרזיכטיק, כדי דער וואַלד-שומר זאָל אונדז נישט באַמערקן, האָבן מיר געקליבן יאַגדעס און שוואָמען און נאָכדעם פלעגן מיר

אַוועק אין שטאָט אויפן מאַרק. דאָרט פלעגט די מאמע עס פארקויפן פאר גראָשנס. נישט אָפט האָט דאָס אָפּגעלייזטע געסטייעט אויף א גרעסער לעבל ברויט אָדער אויף אביסל קאַרטאָפל, אויף זאַלץ און שוועבעלעך. זעלטן ווען פלעגן מיר אין שטאָט קריגן צו שטיקלעך פונעם געקויפטן ברויט.

— איר וועט עס דאָ אויפעסן, און אז מיר וועלן קומען אהיים און כ׳וועל געבן צו שטיקלעך מאַניעקן מיט טאָלעקן, וועט איר פאַרגעסן, אַז איר האָט שוין אייער פּאָרציע אויפגעגעסן. און בכלל — וואָס איז דאָס פאַר אַן עסן פרוקענערהייט — האָט זי צוגעגעבן, — מירן קומען אין שטוב וועל איך פאַר אייך מאַכן עפּעס וואַרעמס.

די יינגערע ברידער זענען געשלאָפן, וואַרטנדיק אויף אונדזער צוריקקומען. די פּענצטער זענען געווען אינגאַנצן פאַרשטעלט, און דאָס האָט זיי נישט געגעבן קיין מעגלעכקייט זיך צו דערוויסן, צי עס איז שוין טאָג. און ווייבאַלד עס איז נאַכט אין האָך באַוואַסט: מען טאָר זיך נישט רירן פון אָרט; פאַרשידענע באַבעס און געשפענסטער וואַרטן דאָך בלויז אויף דער געלעגנהייט. א סך מי האָט דער מאַמען געקאָסט, ביז זי האָט דאָס קליינוואַרג אין דעם איבערצייגט.

האָלץ צום הייצן פלעגן מיר זיך איינשאַפן אויף דעם זעלבן אופן, ווי יאַגדעס און שוואָמען. דאָס פלעגט אָפט דערפירן צו רעוויזיעס מצד די וואַלד־היטער ביי אונדז אין דער היים. נישט אַלעמאָל האָבן געהאָלפן אונדזערע טענות, אַז דאָס זענען צווייגן פון פויערישן וואַלד. ביי דערוויזן זיי, מיט וואָס עס אונטערשיידט זיך פויעריש האָלץ פון פּריצישן. „מיר האָבן בלויז רחמנות אויף אייערע קינדער — האָבן געטענהט די פאַנעס אין די גרינע מונדירן, — אַ נישט וואָלט איר געגאַנגען זיצן אין קרימינאַל פאַר גנבה“. צי קאָן מען דען לייקענען, אז די דאָזיקע לייט האָבן געהאַנדלט מיט חסד. זיי האָבן טאַקע געקאָנט אַנדערש טאָן...

אין חודש אויגוסט פון דעם זעלבן יאָר האָט אונדז די מאמע צונויפגענומען אויף עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געהאַט א פּנים פון א משפּחה־באַראַטונג. איך האָב געמיינט, אַז זי וועט אונדז געבן עצות אויף וואָס פאַר אַן אופן מ׳דאַרף צונויפנעמען זאַנגען אויף די פעלדער, נאָכן שניט, כדי מ׳זאָל אונדז נישט חושד זיין, אַז מיר גנבענען תבואה פון די סנאָפּעס. זי האָט אָבער לאַנג גערעדט וועגן דעם, אַז איינציקן וועט זיך אומקערן דער טאַטע, אַז אונדז וועט ווידער גוט זיין, אַז יעדן זונטיק וועלן מיר עסן קרויט מיט שמאַלץ און ברויט, אַז מיר וועלן זיין צוזאַמען, מיר וועלן אפילו מאַכן אַן אויספלוג קיין טשאַשטשע — און צום סוף האָט זי געזאָגט:

— איך האָב פאַר אייערטוועגן בלויז מיינע העמט און ס׳האַרץ, אָבער קיין ברויט האָב איך נישט. ס׳גייט דער ווינטער און מ׳דאַרף וועגן אים טראַכטן. קיינער פון אייך האָט נישט קיין שיך, קיין פּאַלטן. איצט איז נאָך וואַרעם און מ׳קאָן ווי נישט איז לעבן פון וואַלד, אָבער אַז עס וועלן אָנקומען די פרעסט, וואָס וועל איך דאַן טאָן מיט אייך? קיין קאַרטאָפל האָב איך פרילינג־צייט

נישט געזעצט, קיין געלט איז נישט געווען — נישט צום באארבעטן א שטיקל פעלד, נישט צום נעמען אין ארענדע. און מיט האָלץ איז אויך צרות. כ'האָב נישט קיין כוחות צו שלעפּן צווייגן און מאַכן א זאַפּאַס. דו, גענ֞יע — האָט זי ווייטער געזאָגט — וועסט גיין אין שטאָט אריין ניאַנטשען קינדער ביי די פּאַניעס און געניעקן וועל איך אוועקפירן אויף יענער זייט שטעדלעך צו א באַלעבאָס. איר וועט האָבן וואָס צו עסן. אפשר וועט איר נאָך עפּעס פאַר אונדז אויך פאַרדינען.

בײנאַכט האָבן מיר לאַנג געשמועסט וועגן לעבן ביי פרעמדע מענטשן. עס איז גוט, וואָס האָרט איז פאַראַן ברויט, מילך, אויבס. אָבער אָן דער מאַמען, ווער וועט אונדז די האָר אָפּשערן, די קעפּ אויסלויזן? אפשר וועט מען האָרט גאָר שלאָגן? וועגן אַנטלויפן קאָן קיין רייד נישט זיין. דער באַלעבאָס וווינט 15 וויאָרסט הינטער שטעדלעך, אין זשעשאָטקאָוו. די שוועסטער איז געווען אין א בעסערער לאַגע. צו דער שטאָט איז סך הכל געווען פיר קילאָמעטער.

— כ'וועל אָפט קומען צו אייך — האָט געזאָגט די שוועסטער — כ'וועל זיך צונייען הינטערן פאַרטעך אַ קעשענע, און וועל זאַמלען שטיקלעך ברויט פאַר דער מאַמען און פאַר די קינדער.

דריי טעג זענען אַדורך ביז די מאַמע איז צוריקגעקומען פון שטעדלעך. זי האָט געבראַכט מיט זיך געטריקנטן קעז און א לעבל ברויט. מיר האָבן זיך גאָרנישט געקאָנט אָפּהיטן פון דערפון, וואָס אונדזער ברודער וועט עסן צו דער זעט אזא מין ברויט, ער וועט טרינקען מילך, ער וועט אפילו האָבן האָניק אויך, ווייל דער ווייטער קוזין פון הינטער שטעדלעך האָט א מיל און א בינשטאָק.

נאָך דעם, ווי די שוועסטער און דער ברודער זענען אַוועק, בין איך געבליבן דער עלטסטער צווישן די קינדער. איך האָב דער מאַמען צוגעזאָגט אַנצוטראָגן האָלץ צום הייצן אויף א גאַנצן ווינטער און צונויפנעמען זאַנגען — צום וויניקסטנס אויף א פערטל קאָרן. איך האָב בעת מעשה געטראַכט, אז דאָס איז אוודאי די גרעסטע צאָל, וואָס עס קאָן האָבן א פאַרמעגלעכער ארבעטער. די מאַמע האָט אויסגעהערט מיינע פּראָיעקטן, א שמייכל געטאָן און צום סוף, אומדערוואַרט פאַר מיר, געזאָגט:

— אוי, זונעלע, דו מוזט אויך פאַרלאָזן די היים. איך האָב געבעטן געטראָפן אין שטאָט די מומע מיכאַלינע. זייער טשעשעק וועט גיין אין שול און דו וועסט ביי זיי פּאַשען די קי.

— און איך, מאַמעשי, איך וויל אויך גיין אין שול.

— דו האָסט קיין שיך נישט, זונעלע — האָט געענטפערט די מאַמע — האָסט נישט וואָס אָנצוטאָן און כ'האָב אויך נישט פאַר דיר אויף קיין ביכער און העפטן. דערצו נאָך — האָט זי געזאָגט — געהער די זייט גאַס, אויף וועלכער מיר וווינען, צו דער שטאָט, און אין דאָרף וועט מען דיך אָן געצאָלטס אין שול נישט אָננעמען.

ס'איז מיר שווער געווען עפעס וואָס צו ענטפערן דערויף. די מאַמע האָט אויך דערמאָנט, אַז די מומע האָט צוגעזאָגט ווינטער־צייט אונדז צו העלפן מיט עפעס וואָס.

— אַ מלבוש וועט מען דיר אויך קויפן, דאָרט וועט דיר נישט זיין שלעכט — האָט זי מיך געטרייסט. — אַ מומע איז נישט מער ווי אַ מומע, זוענד זיך בעסער, ווען דו וועסט עפעס דאַרפן, צו דער באָבען.

א פּאָר טעג נאָך דעם האָזיקן שמועס בין איך מיט דער מאַמען אוועק צו דער מומען, וועלכע איך האָב געקענט בלויז פון דערציילן. דאָס דאָרף אָסטרוווקי, ווו זי האָט געוווינט, איין פון אונדז ווייט געווען אַן ערך זיבעצן וויאָרסט. די ייִנגערע ברידער זענען געבליבן אויפן באַראַט פון דער שכנה וולאַדקאָווע, וועלכע איז רייכער געווען פון אונדז מיט אַן אייגענער כאַטע.

—אַ מורא נעמט מיך אָן — האָט די מאַמע געזאָגט אַביסל צו זיך אַליין און אַביסל צו מיר — איבערצולאָזן די קינדער אויף איר אויפזיכט. זיי האָבן זייער אייגענעם יאַנעקן, אונדז צו לאַנגע יאָר, געפּאָיעט מיט וואַסער און קאַלך. זיי האָבן קיין האַרץ נישט פאַר קיין קינדער.

אַזוי איז עס ווירקלעך געווען. אַלע האָבן וועגן דעם גערעדט. איך בין אַליין אַן עדות געווען, ווי זייער עלטסטע טאָכטער, וולאַדיסלאַווע, וועלכע איז געבליבן אין שטוב, כדי צו ניאַנטשען די פּיצלעך קינדער און האָט געהאַט פאַר זיי בלויז אַ ביסל פאַרוואַסערטע מילך, האָט דער ייִנגערער, יאַנעקן געגעבן מילך און דעם עלטערן ,יאַנעקן, וועלכער איז קראַנק געווען אויף דער ענגלישער קרענק, האָט זי געגעבן וואַסער מיט קאַלך, וואָס זי האָט אָפּגעסקראָבעט פון אויוון. דערביי נאָך האָט זי געזאָגט: „קיין מילך פאַר ביידן איז נישטאָ. יאַנעק איז אַ קראַנקער, אַ מיאוסער, ער וועט סיי ווי סיי שטאַרבן — דאַרף מען בעסער זאָרגן פאַר יאַנקען“.

דער האָזיקער טאָג איז מיר באַזונדערס בולט געבליבן אין זכרון. דאָס ווייטע און אומבאַשטימטע האָט שטאַרק געלאָקט. איך האָב זיך באַמיט מיט דער פאַנטאַזיע אַרומצונעמען דאָס קומענדיקע, זעלבשטענדיקע לעבן אָן דער מאַמען. מורא און נייגיר האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן אין מיינע געפילן. בין איך דערפאַר געלאָפן און זיך אומגעקוקט אויף דער מאַמען, וועלכע האָט שווער געשפּרייזט אויף דעם זאַמדיקן וועג.

— איל זיך נישט אַזוי, קינד מיינס — האָט מיך די מאַמע געוואָרנט — ווען כ'האָב געקענט אָפּגעפירט איז ער אויך אַזוי געלאָפן און נאָכדעם האָט ער זיך פאַרמאַטערט און איז מיר איינגעשלאָפן אין מיטן וועג. פופציק וויאָרסט אין איין טאָג איז צופיל פאַר אַזאַ קינד.

איך האָב זיך באַמיט צו גיין אַזוי ווי די מאַמע. אויפן צענטן קילאָמעטער האָב איך פאַרגעלייגט:

— לאָמיר אָפּרוען, מאַמעשי.

— מיר וועלן אָפּרוען לעבן וואַלד היטנטער שוסטקע — האָט זי געענטפערט.

— האָרט רו איך שטענדיק אָפּ, ווען איך גיי צו דער מומען.

צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך זיך געפילט פריי אין וואַלד. דער באַוווסטזיין, אַז כ'בין אַהער געקומען נישט נאָך קיין צווייגן אָדער יאַגדעס, אַז מיר דאַרפֿן קיין שום גענאַר נישט — האָט מיך, נישט געקוקט אויף דער מידקייט, געמאַכט זיכער אין זיך.

עס איז אָנגענעם געווען צו ליגן אויפן מאָך אונטערן ברייט־צעשפּרייטן דעמבענעם בוים, האַלטנדיק דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער מאַמעס קני. מיין בליק האָט געבלאָנדזשעט איבערן בלויען הימל, אויף וועלכן די וואָלקנס האָבן געצייכנט מערקווירדיקע, מעכטיקע פיגורן.

— צי איז אַסטראָווקע ווייטער פון אָט דעם וואָלקן? — האָב איך געפרעגט.

— ניין, מסתמא נישט ווייטער — האָט די מאַמע געענטפערט — און אפשר איז דער וואָלקן אַקוראַט איבער דעם דאָרף.

— און אַ רעגן פאַלט דאָרט מאַמעשי?

— ניין, דאָס איז נישט קיין רעגן־וואָלקן.

— צי ווייסטו פאַרוואָס עס בלאָזט אַ ווינט? — האָב איך געפרעגט און באַלד אַליין גענומען דערציילן, אַז דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס מענטשן אָטעמען כסדר און ווען דערפון ווערט אַ סך לופט, הייבט אָן צו בלאָזן אַ ווינט.

— עס קאָן זיין — האָט שלעפעריק געענטפערט די מאַמע.

איך האָב געקוקט אויף איר נאָך יונגן פּנים, וואָס איז שוין געווען צעאַקערט פון קנייטשן. „ניין, אַזאַ צווייטע מאַמע איז נישט פאַראַן — האָב איך געטראַכט. — זאָל נאָר דער טאַטע צוריקקומען, וועל איך גלייך זיך אומקערן אַהיים. איך וויל נישט קיין ברויט און מילך, וואָס די מאַמע זאָגט צו, אַז איך וועל האָבן ביי דער מומען. מיט דער מאַמען איז מיר צום בעסטן. אַוודאי, איצט מוז איך אַוועקגיין, אָבער דאָס איז אויך פאַר איר. איך וועל פאַרדינען אויפן ווינטער“. אין טרוים האָב איך שוין געזען, ווי איך פאָר אויף אַ וואָגן פול מיט האָלץ, קאַרטאָפל, מעל. די מאַמע קוקט אַרויס דורכן פענצטער. לכתחילה דערקענט זי מיך נישט. נאָכדעם דערפרייט זי זיך מיט מיר, עס באַגריסן מיך טאָלעק און מאַניעק. די מאַמע זאָגט, אַז כ'בין אַ גוט ייִנגל, אַז אין שטוב איז שוין קיין שום זאַך נישטאָ, אַז אין אָוונט איז שוין אפילו נישט געווען מיט וואָס איינצוהייצן דעם אויוון, אויף וואָס עפּעס אָפּצוקאָכן. די טונקעלע שטוב הילכט אָפּ מיטן אָפּקלאַנג פון פרייד. די ברידער באַטראַכטן מיך מיט שטאָלץ. איך בין גליקלעך...

די חזיר־ניסלעך, וואָס הענגען הויך אונטער טונקל־גרינע בלעטער נייגן זיך צו מאָדנע נאָענט צו מיר. ווען כ'וואָלט אַ שטייגער איצט זיך אומגעקערט אַהיים, וואָלט איך זיכער אָנגעריסן פולע קעשענעס, פאַר די ברידער, איך וואָלט זיי דערציילט וועגן מיין רייזע אין דעם וואַלד, אין וועלכן עס וואַקסן

דעמבעס. אין א געוויסן מאָמענט האָט זיך מיר אויסגעדאכט, אז דער גאַנצער שטח מיט די וואָלקנס און דעם דעמבענעם בוים געפינען זיך הינטער מיר. אלץ האָט זיך איבערגעקערט. איצט קוק איך זיך איין אין ענדלאָזער טיף. איך ווייס, אז עפּעס אויסערגעוויינלעכס איז געשען, אז דאָס איז נישט אזוי, ווי ס'וואָלט באַדאַרפט צו זיין. א לייכטער ריר פון דער מאמעס פוס — און אַט פּלי איך אין אָפּגרונט.

— האָסט איינגעדרימלט? — פרעגט די מאמע, ווען איך האָב א צאַפּל געטאָן און זיך מיט ביידע הענט אין איר אָנגעכאַפּט.

— ניין, מאַמעשי, מיר האָט זיך געדוכט...

— ...אז דו פאלסט — איז זי מיר פאָרויס פאַרלאָפן.

שפּעט נאָך מיטאָג־צייט זענען מיר אָנגעקומען צום ציל. די מומע האָט אונדז אויפגענומען אָן אומצופרידנע. זי האָט געקוקט אויף מיר, ווי אויף א סחורה ,פאר וועלכער זי האָט צו טייער באַצאָלט.

— ער וועט נישט קראַנק ווערן? — האָט זי געפרעגט. — אזא גליק האָב איך שוין, אז אלע ביי אונדז — אַנשטאָט צו ארבעטן קרענקען זיי גאָר, — האָט זי צוגעגעבן.

די מאמע האָט אין איר אריינגעטענהט, אז כ'בין גאָרנישט אזוי קליין, ווי איר דוכט זיך, אז איך האָב שוין צען יאָר און בלויז צוליבן שלעכטן עסן אין שטוב בין איך אזוי דאַר.

— ביי אייך וועט ער זיך פאַרריכטן — האָט זי געפרווט איבערצייגן דער מומען.

די מומע האָט מיט איר אויסזען מיר געוואלדיק דערמאָנט דעם קייזער ווילהעלם. זי איז געזעסן אויף א שטול אין מיטן שטוב, א דיקע און אַן ערנסטע. איר כעסדיק און שטרענג פּנים, אָן א סימן פון א שמייכל, איז געווען אָנגעגאָסן מיט גרוי־געלבלעך געשווילעכץ. פון אונטער אירע גרויע האָר און געדיכטע ברעמען האָבן דראָענדיק געקוקט אויף מיר אירע אויגן פון שטאָל־קאָליר. איך וואָלט דאַן נישט געקאָנט ענטפערן, ווער עס איז א גרעסערער הערשער: ער, דער קייזער ווילהעלם, אָדער זי, די מומע, די באַלעבאָסטע איבער א זעכצן מאָרגיקער ווירטשאפט. זיי ביידע האָבן געוואלדיק געדריקט אויף מיר.

די מאמע האָט נאָך דעם זעלבן טאָג צוריק זיך אומגעקערט אהיים.

— די קינדער זענען געבליבן נישט אין קיין זיכערע הענט — האָט זי געטענהט צו דער מומען, וועלכע האָט געפרווט צורעדן דער מאמען, זי זאָל עפּעס טאָן ביי איר און בלייבן נעכטיקן.

איך האָב נישט געוואגט אַרויסצוגיין אין הויף נאָך דער מאַמען, כדי די מומע זאָל נישט טראַכטן שלעכטס וועגן מיר. מיין גאַנצן ווילן האָט זי מיט איר בליק געבונדן. כ'וואָלט בעסער געוואָלט הערן נישט קיין פריינדלעכע רייד, איידער זען איר בליק.

אין דעם דאָזיקן טאָג האָט מיר דאָס ברויט מיט דער פרישער מילך נישט געשמעקט. ווען מ'האָט מיר אויסגעבעט אין אַלקער, האָב איך לאַנג נישט געקאָנט איינשלאָפן. איך האָב געהערט די אומענדלעכע תפילות פון דער מומען. וואַנצן האָבן מיך געביסן און געשורשעט ביי מיינע אויערן, קריכנדיק אויפן קישן. כ'האָב מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן, כדי נישט אַרויסצורופן דעם כעס פון דער מומען. ענדלעך האָבן זיך אירע תפילות געענדיקט. דורך דער אָפענער קיך־טיר איז צו מיר דערגאַנגען דער טויבער געריש פון פליגן אין די טעפּ.

— מאַמע — האָט מיט איר פאַרזשאַווערטער שטימע זיך אָפּגערופן די מומע — איר שלאָפט שוין?

— ניין — האָט געענטפערט די באָבע, וועלכע איך האָב נאָך נישט באַוויזן צו דערקענען.

— וואָס טראַכט איר וועגן נייעם פּאַסטעך? ער וועט זיך אַן עצה געבן?

— יאָ, יאָ, ער'ט זיך אַן עצה געבן — האָט הוסטנדיק געענטפערט די באָבע — וועראָניקעס קינדער זענען אַלע קלוגע, די נויט האָט זיי אויסגעלערנט.

— נישט וועגן דעם רעד איך. איר פאַרשטייט, מ'וואָלט באַדאַרפט אויך משאַרגאָטען העלפן. זיי האָבן דאָך אויך נישט קיין פּאַסטעך.

— אפשר איז דאָס טאַקע גלייך — האָט געענטפערט די באָבע — דאָס ייִנגל וואָלט אַ פּערטל קאָרן פאַרדינט אויפן ווינטער.

— אַהאַ, איר טראַכט נאָר וועגן אַנדערע — האָט כעסדיק אַ בורטשע געטאָן די מומע — וועמענס ברויט וועט ער עסן, וועראָניקעס צי מיינס?

— ס'וועט דערפאַר אויסקומען כאָטש איבערן ווינטער אים צו האַלטן — האָט ווייטער פאַרגעלייגט די באָבע.

— איך טראַכט אַפילו נישט צו קאָרמענען עמעצנס ממזרים. כל־זמן ער וועט פּאַשען די קי, וועט ער זיין ביי אונדז, ווען די בהמות וועלן בלייבן אין שטאַל — איז הייד'אַ — אַהיים, אַלעמען וועסטו נישט אָנקאָרמענען...

שפּעטער האָב איך זיך איבערצייגט, אַז די באָבע, וועלכע איז געווען פאַרנומען מיט רוימען און שפּינען, האָט אויך געלעבט אויפן חסד פון דער מומע מיכאַלינע. „מ'דאַרף גאָט דאַנקען, וואָס אויף דער עלטער האָט זי אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַ שטיקל ברויט" — פלעגט דערמאָנען די מומע, ווען אַ שלאָפקייט פלעגט אַנידערליגן די עטלעכע און זעכציק יאָריקע זקנה. איך האָב נישט געצווייפלט, אַז פאַר דער מומען דאַרף מען זיך אויסהיטן. איך האָב זי נישט ליב געהאַט אויך דאַן, ווען זי האָט מיר דערציילט וועגן גאָט, וועלכער האָט געהייסן ליב האָבן אַפילו די שונאים. באַלד אויף צומאָרגנס, נאָכן אַרויסיאָגן די בהמות אין פעלד, האָב איך אויסגעהערט אַ לעקציע, וועלכע מ'וואָלט געקאָנט אָנרופן: די פּרינציפּן פון אַ גוטן פּאַסטעך.

— אַ בהמה איז אַזוי ווי אַ מענטש, געדענק — זי פילט און טראַכט. גאָט האָט איר בלויז נישט געגעבן קיין לשון, אָבער אויך דערפאַר דאַנקט זי דעם אויבערשטן — האָט זי אין מיר אַריינגערעדט. — דו בעטסט נישט צו גאָט? דיין

מאַמע האָט דיך אַזוי אויסגעלערנט, וואָס? — האָט זי פּלוצים אָנגעהויבן מיך צו שטראָפן.

איך האָב אָנגעהויבן מיך צו פאַרענטפערן, אַז אין דערפרי, אויף אַ נייעם אָרט, האָב איך פאַרגעסן תּפילה צו זאָגן און כ'האָב זי פאַרזיכערט, אַז מיין מאַמע דאַווענט אויך צוויי מאָל אַ טאָג, כאָטש, דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך עס קיינמאָל נישט געזען...

— איז גוט — האָט זי געענטפערט — וואָס זי האָט נאָך אינגאַנצן נישט פאַרגעסן אין גאָט. אַ בהמה, אַז זי לייגט זיך שלאָפן און שטייט אויף, גיט זי אויך אַ קרעכץ.

דריי טעג האָט מיך מיט די קי באַגלייט אין פעלד דער פעטער — אַ הויכער און איינגעבויגענער, ווי פון אונטערטעניקייט צו דער מומען. זיינע קליינע און צוגעזשמורעטע אויגן האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן אַלץ באַמערקט. גערעדט האָט ער אָבער ווייניק, און נישט קוקנדיק אויף זיין גרויסן וווקס האָט ער אין מיר נישט דערוועקט קיין שרעק. צייטנווייז האָט זיך מיר אַפילו אויסגעוויזן, אַז זיין בליק דריקט אויס אַ מין פאַרלעגנהייט, ווען ער פלעגט באַגעגענען מיינע אויגן. ער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר צענדליקער ייִנגערע און דערוואַקסענע פּאַסטעכער.

— דאָס איז אונדזער פּאַסטעך — האָט ער געזאָגט — שלאָגט אים נישט.

איך האָב זיך שנעל באַפריינדעט מיט די ייִנגלעך. „קיין איינציקער פון זיי איז נישט ענלעך צו די קינדער פון זשעטשיצע“ — האָב איך געטראַכט.

מיין פריינדשאַפט מיט זיי איז בכלל געווען נישט סתם אַזוי זיך. עס האָט זיך צווישן זיי פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז פאַר אַ פּיצל ברויט, פאַר אַן עפּל אָדער באַרנע, בין איך שטענדיק גרייט צו גיין ווי ווייט עס זאָל נישט זיין און צוריק־ברענגען אַ קו, וואָס איז פאַרקראָכן אין תּבֿואה־פעלדער. באַזונדערס אַ סך בין איך געלאָפן האַרבסט־צייט, ווען אינדערפרי איז אָנגענעם געווען צו באַהאַלטן די באָרוועסע פיס אונטער אַ מלבוש, כּדי זיי צו באַשיצן פון דעם קאַלטן טוי. כּמעט אַלע פּאַסטעכער זענען געווען אָן שיך, אָבער איך בין נאָך דערצו געווען הונגעריק־לעך אויך. „געבן דיר אַ שטיקל ברויט? ווילסט ברויט?“ — האָט געפרעגט די מומע. איך האָב אַפילו זייער שטאַרק געוואָלט, אָבער כ'האָב נישט געוואַגט איר דאָס צו זאָגן און געענטפערט: „ניין“. ווען זי וואָלט מיר געגעבן אַ שטיקל ברויט אָן שום פרעגעס, וואָלט איך זיכער גענומען. דאָס וואָרט „יאָ“ האָט מיר נישט געקאָנט דורכקריכן דורכן האַלדז דאַן, ווען די מומע האָט געוואָלט הערן „ניין“.

מיט איר האַנדלונג איז זי געווען אַ פולשטענדיקע פאַרלייקענונג פון די פּרינציפּן, וועלכע זי האָט פאַר מיר אויסגעלייגט וועגן גאָטס גנאָד, וועגן באַרמ־הערציקייט, גוטסקייט און פאַרשטענדעניש פאַר מענטשן, ווי באַלד נאָר זי האָט מיט מעשים געדאַרפט באַשטעטיקן כאָטש איינע פון די דאָזיקע איינזאַפּן.

„ניין — האָט זי געזאָגט — איר פאַרשטייט נישט דאָס, וואָס שטייט געשריבן. נישט אין דער גרויס פון געשאַנק אַנטפּלעקט זיך די באַרמהאַרציקייט. דער

מענטש ווייסט נישט פון קיין מאָס און דערפאַר באַגייט מען די עבירה פון איבערפרעסן זיך, פון וווילטאָג און גייציקייט. מ׳דאַרף זיך באַגנוגענען מיט דעם, וואָס גאָט האָט באַוויליקט אונדז צו שענקען און מיט אונדז זיך צו טיילן".

די מומע האָט, ווייזט אויס, נישט געהאַט קיין צוטרוי צו גאָט, וויבאַלד זי האָט אַליץ אַליין צוגעטיילט. זי האָט זיך קיינמאָל נישט געשיידט מיט די שליסלען פון דעם שפּייז־קעמערל און פון שפּייכלער. זי פלעגט אַרויסגיין זען ווי די באָבע מעלקט די קי, צי זי טרינקט נישט קיין מילך, אָדער צו זי גיסט נישט אָן פאַר מיר אין פלעשלעך. „אַ מכשפה, נישט קיין טאָכטער — האָט זיך געקלאָגט די באָבע. אַליץ איז איר ווייניק". אין דעם דאָרף האָט מען פון דער מומען געהאַלטן ווי פון אַ קאַנדידאַט צו געהערן צו די רייכע באַלעבאַטים. עס זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז די באָבע פאַרמאָגט גאָלדענע רענדלעך, און אַז נאָך איר טויט וועט די טאָכטער, מיכאַלינע, צוקויפן זיך אַ חלק פון פּריצישן וואַלד.

טאָג און נאַכט האָט מען זיך ביי דער מומען געפּאָרעט אַרום דער באַלעבאַטישקייט. אין דעם שטילן הייפל האָט מען כמעט נישט געוווסט פון קיין אָפּרושעהן. אַליץ וואָס איז נייטיק געווען אין דער ווירטשאַפט, איז געמאַכט געוואָרן דורכן פעטער אַליין, אָדער פריער נאָך — דורכן זיידן, וועלכער האָט שוין נישט געלעבט. וועגענער, בראָנעס, שלעסער און אַנדערע זאַכן און געצייג, נייטיקע אין דער באַלעבאַטישקייט, זענען געמאַכט געוואָרן אין דער היים. דאָס איז גאָרנישט אַזוי שווער געווען, ווייל אַליץ איז כמעט געמאַכט געוואָרן פון האָליץ, אָן אייזן, אַינעם אַקער איז פון אייזן בלויז געווען דאָס מעסער. די וועגענער אויף הילצערנע אַקסן האָט מען געשמירט מיט אַלטן שעפּסנפעטס. האָליץ אויף ציין צו די בראָנעס און אויף אַנדערע האַרטע זאַכן האָט מען דאָ געטריקנט העכער אַ צענדליק יאָר. אַ דרעש־שטעקן און אַ שופליע האָט דאָ פאַרביטן אַ דרעש־מאַשין. ס׳איז גאָרנישט לאַנג, ווי אין אָסטראָווקע האָט מען אַלס אַ זינד באַטראַכט, ווען עטלעכע פויערים האָבן זיך באַנוצט בעתן שניט מיט קאָסעס. „דערויף זענען סערפּן פאַראַן — האָט מען געזאָגט. — ווער האָט עס געזען מען זאָל קאָסען תבואה? דאָס איז אַליץ איינס, ווי מ׳וואָלט ברויט געוואָרפן אויף דער ערד". איך האָב באַמערקט, אַז אַלע מאָל, ווען עס איז ביים פעטער אַראָפּגעפאַלן אַ שטיקל ברויט אויף דער ערד, האָט ער עס נאָכן אויפהייבן געקושט און איבערגעצלמט.

די איינציקע זאַכן, וואָס האָבן ביי דער מומען געשטאַמט מחוץ פון אירע אייגענע „וואַרשטאַטן" זענען געווען די אייזערנע טעפּ, די הייליקע בילדער, דאָס זיידענע טיכל, וואָס האָט געשטאַמט נאָך פון פאַר דער חתונה, דעם פעטערס שטיוול און עטלעכע צלמלעך. די שטיוול זענען געווען ווי נייע. צוויי מאָל אין יאָר — אויף די ווינטער־יום־טובים און ווייַנאַכטן פלעגט זיי דער פעטער אָנטאָן אויף אַ האַלבן טאָג, ווען ער איז געגאַנגען אין קאָשטשאָל. „זיי וועלן נאָך לאַנג אָנהאַלטן און וועלן צונוץ קומען פאַר סטאַכן — האָט ער געזאָגט. — ער וואַקסט און ער וועט זיי דאַרפן. אַזאַ לעדער איז איצט גאָרנישט בנמצא און וועט נישט

זיין". ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן, אַזוי ווי כמעט אַלע אין דאָרף — ווינטער אין לאַפּטשעס און זומער — באָרוועס.

איך האָב מקנא געווען דעם פּעטער פאַר דער האַרטער הויט אויף זיינע פיס. מיינע פּיענטעס פלעגן צעשטאָכן ווערן פון די פאַרטריקנטע האָר־שטעקעלעך. די מייז אין פעלד, אויף וועלכע כ'פלעג אָנטרעפן, האָבן מיך געביסן, כ'האָב געמוזט אַכטונג געבן אויף די דרימלענדיקע שלאַנגען. די הויט אויף מיינע פיס פלעגט אונטער דער ווירקונג פון טוי, פון ווינט און פון שמוץ פּלאַצן ביז בלוט. ביינאַכט, ליגנדיק אויפן געלעגער, פלעגן די וווּנדן פאַרטריקנט ווערן. אינדערפרי פלעגט יעדער ריר אַרויסרופן גרויס ווייטיק — די אָנגעשוואָלענע און פאַרטריקנטע הויט פלעגט דאַן פּלאַצן.

איך האָב געבענקט אַהיים. איך בין גרייט געווען צו הונגערן, אַבי נאָר צו זיין מיט די אייגענע. דאָ האָב איך געפילט אויף זיך די לאַסט פון דער נישט־גלייכקייט.

— פאַרוואָס האָט איר קיין ערד נישט? — פלעגן ביי מיר פרעגן די פּויערישע קינדער. — און אַ שטוב האָט איר? פאַרוואָס האָט איר נישט? אייער טאַטן האָט זיך אוודאי נישט געוואָלט אַרבעטן — האָבן זיי מיר פאָרגעוואָרפן.

עמעצער האָט אין פעלד געבראַכט די ידיעה, אַז מיין טאַטע זיצט אין תּפיסה. פון דאַן אָן האָט זיך די באַציונג פון די קינדער צו מיר פולשטענדיק געענדערט.

— גנבֿ, גנבֿ! — האָבן זיי צו מיר געשריגן.

— אָט זעסט, וואָס פאַראַ גוטער ער איז — האָט חוזקנדיק געזאָגט פראַניע, אַן עלטערע פון מיר, א טאָכטער פון אַן אלמנה. מיט פראַניען בין איך באַזונדערס נאָענט געווען. אירע בהמות האָב איך אָפטער פון אַלעמענס אַרויסגעטריבן פון דער תּבֿואה. זי איז געווען א קרענקלעכע. זי פלעגט געוויינלעך מיר אָפּגעבן כמעט איר גאַנצן פרישטיק, וואָס זי האָט געהאַט אין דער טאָרבע. געווען זענען דאָרט פּלעצלעך פון קאַרטאָפל און פון מעל, וואַלד־באַרעלעך, ברויט מיט בוראַקעס, זויערע אוגערקעס און אַ סך, אַ סך אַנדערע געשמאַקע זאַכן. איך האָב לגבי איר קיינמאָל קיין בעס נישט געפילט, אַפילו ווען זי פלעגט פאַרגעסן מיר צו באַצאָלן פאַר היטן אירע קי.

מע זאָגט, אַז שרעק כאַפּט אָן פאַרן האַלדז. איך האָב זי שטענדיק געפילט אין די קני. אונטערן איינדרוק פון די זידלערייען האָב איך זיך געטרייסלט פאַר שרעק; נאָכדעם האָט מיך אַרומגעכאַפּט עפּעס אַזא מין פאַרשטאַרטקייט, און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס אַלץ איז אַ חלום. „מע טאָר דאָך נישט אַזוי — האָב איך געטראַכט — אונדזער מאַמע איז דאָך די בעסטע אין דער וועלט". איך האָב אָפט וועגן דעם געשמועסט מיט מיינע ברידער. זיי האָבן אויך אַזוי געהאַלטן. „זי האָט אויך שיינע קינדער — פלעגן מיר זיך זאָגן בעת די שמועסן. — מאַניעק איז טאַקע אַ הינקעדיקער, אַבער דאָס איז גאָרנישט, ווען מיר

וועלן האָבן געלט, וועלן מיר אים אַוועקפירן קיין וואַרשע און דאָרט וועט מען אים אויסגלייכן דעם פוס".

— מיין טאַטע האָט גאָרנישט געגנבעט — האָב איך זיך פאַרטיידיקט, בעת מ'איז אויף מיר אָנגעפאַלן — ער זיצט פאַר אַ ביקס...

— אַזוי גאָר, פאַר אַ ביקס? — האָט מיט געלעכטער און חוזק איבערגעחזרט דער דיקלעכער און מיט פיגעס באַשפּרענקלטער גריץ — און וועמען האָט ער עס געוואָלט דערשיסן?

די דאָזיקע ווערטער האָבן מיך צום פייגלעכסטן געטראָפן. „ווי אַזוי קאָן ער עס אַזוי רעדן וועגן מיין טאַטן". — האָב איך אין די נעכט זיך געטראַכט. אין מיין לעבן האָב איך סך־הכל געזען צוויי מתים. דאָס זענען געווען די קאָמיסאַרן פון דער רויטער אַרמיי, וועלכע זענען געכאַפּט געוואָרן אין געפענגעניש אין צוואַנציקסטן יאָר און זענען דערשאָסן געוואָרן. מעגלעך, אַז די דאָזיקע מתים וואָלטן אויף מיר נישט געמאַכט אַזאַ איינדרוק, ווען נישט דער פאַקט, וואָס וועגן זייער טויט האָבן די ווייבער פון זשעטשיצע דערציילט, ווי אַזוי אין דער לעצטער מינוט פאַרן דערשיסן, ווען מע האָט זיי אויסגעטאָן און געלאָזט אין די בלויזע וועש, זענען זיי געגאַנגען דרייסט צום טויט, ווי אַזוי זיי האָבן זיך געוואָרפן איינער דעם אַנדערן אין די אָרעמס, ווי צום געזעגענען זיך און האָבן אויסגעשפּיגן אין דער זייט פון דעם עקזעקוציע־אָפּטייל. „צי וואָלט דען מיין טאַטע געקאָנט אין עמעצן שיסן?" — האָב איך זיך אַליין געפרעגט, ווען כ'בין געגאַנגען, שוין אָן אַ וועלכן ס'איז אָפּצאָל, אַרויסטרייבן די קי, וואָס זענען ווייט אַוועק פון דער סטאַדע.

איך האָב מיך אַלץ מער דערווייטערט פון דער קינדערישער חברה. אַליין איז מיר אָבער געווען שווער. איך האָב געזוכט אַ געזעלשאַפט. אינגיכן האָב איך מיך צונויפגעטראָפן מיט אינטערעסאַנטע איינוווינער פון די פּאָליאַשער לאָנקעס. דאָס זענען געווען פעלד־מייז, פייגל — אָפּטער פאַר אַלץ ווילדע קאַטשקעס און אַנדערע אייגנזעסנע באַלעבאַטים פון נישט אויסגעטריקנטע ראָוון. איך האָב נאָכגעקוקט די מייז, וואָס זענען געלאָפן דורך די פעלד־וועגן. זיי זענען געלאָפן שנעל, בעתן באַגעגענען זיך האָבן זיי אייגנע די אַנדערע געביסן און זיך געשפּילט ווי די קינדער. שעהן־לאַנג האָב איך זיך צוגעקוקט צום לעבן פון די פיש, פּיאַווקעס און וואַסער־פליגן.

עס איז געקומען דער הארבסט; נאָך עטלעכע וואָכן רעגנס האָט דער פראָסט אַ כאַפּ געטאָן דאָס וואַסער, מיט וועלכן עס זענען געווען פאַרגאָסן כמעט אַלע לאָנקעס און פאַשע־פעלדער. אַ העלפט פון דער אַקער־ערד פונעם דאָרף איז געווען פאַרגאָסן מיט וואַסער. ערשט אין העלפט מאַי, אויב דאָס יאָר איז נישט קיין פייכטס, פליסט דאָס וואַסער אָפּ. די בהמות זענען געבליבן אין די שטאַלן.

ביז צום „טאָג פון אַלע הייליקע" האָט די מומע געקוקט אויף מיר מיט אַ פילזאָגנדיקן בליק. נאָך יום־טוב האָט זי גענומען צושטיין צו מיר:

— פאַרוואָס קומט נישט דיין מאַמע? צי דויערט אַמאָל נישט אין זשעטשיצע דער זומער נאָך ביז איצט?

איך האָב פאַרשטאַנען איר אומרו. יעדער טאָג האָט איר געקאָסט אַ פענעץ ברויט, אַ לעפל קרויט, עטלעכע קאַרטאָפליעס און אַ סך מורא, טאָמער וועט די מאַמע זיך קענגשטעלן און נישט וועלן מיך צונעמען אויף ווינטער אַהיים. די מאַמע איז אָבער געקומען נאָך פאַרן שניי. עס האָט זי געבראַכט די גוטוויליקייט אָנצוקאָרמענען די יונגערע ברידער. זי האָט זיך געריכט דאָ צו באַקומען באַצאָלט פאַר דעם זון — דעם פאַסטעך.

— גוט, וואָס דו ביסט געקומען — האָט געזאָגט די מומע — דער פעטער (אַזוי האָט זי גערופן דעם אייגענעם מאַן) וועט נישט דאַרפן פאָרן און טרייבן אַ שטיק וועג די טראָגעדיקע קאָבילע.

זי האָט מיר אָנגעטאָן אַ פאָר נייע מעשטן, וואָס זי אַליין האָט אויפגענייט פון נייעם זאַק־מאַטעריאַל; דער פעטער האָט אין זיי איינגעשנורעוועט לאַנגע און שטאַרקע בענדלעך.

— האָסט געבראַכט מיט זיך אַ פלאַכטע? — האָט די מומע געפרעגט ביי מיין מאַמען.

זי האָט גענומען די פלאַכטע און איז אוועק אין שפּייז־קעמערל. די מאַמע האָט געכאַפּט אַ בליק אויף מיר און האָט זיך צעשמייכלט. איך האָב פאַרשטאַנען, וואָס דער דאָזיקער שמייכל באַדייט. „האָסט פאַרדינט, זונעלע מיינס" — האָט ער צו מיר גערעדט. די פרייד האָט מיך פאַרגאָסן מיט אַ וואַרעמער כוואַליע. „כ'וועל מיך אומקערן אַהיים — האָב איך זיך געטראַכט — דער טאַטע וועט צוריקקומען, ער וועט מיך לויבן פאַר דער הילף, וואָס כ'האָב געגעבן דער משפּחה, בעת ער איז נישט געווען".

שנעל איז די מומע צוריקגעקומען פון שפּייז־קעמערל. אַ נישט גרויס פּעקל האָט זי אַוועקגעלייגט אויפן באַנק. זי איז צו צו דער קיך, אָנגעגאָסן קרויט, אַוועקגעשטעלט אַביסל אַרבעס און אונדז געהייסן עסן. שפּעטער האָט זי לאַנג עפּעס געזוכט הינטער די הייליקע בילדער.

— געלויבט צו גאָט, ס'איז פאַראַן! — האָט זי אויסגעשריגן און מיר דערלאַנגט אַ געבעטס־ביכל — אָט האָסטו, כדי דו זאָלסט גאָט בעטן — האָט זי געזאָגט, כאַפּנדיק אַ קרומען בליק אויף דער מאַמען.

— דער זיידע, אונדז צו לאַנגע יאָרן, האָט געלויבט דאָס דאָזיקע ביכל און האָט עס מיר געשענקט פאַר זיין טויט. דיר וועט עס אויך צוניץ קומען — האָט זי זיך געווענדט צו דער מאַמען. — ווען דער אייבערשטער האָט באַשאַפן, דעם וועט ער נישט פאַרפייניקן דורך הונגער. קודם־כל דאַרף מען תפילה טאָן, און נאָכדעם ערשט נאָכגעבן דעם גוף — האָט זי געמוסרט. זי האָט צוגעזאָגט ווייטער צו העלפן. — אַז מיר וועלן פאָרן פרעסן אייל, וועלן מיר דיר ברענגען אַ פערטל קאַרטאָפל, און אויף ווייַנאַכט, אַז מיר וועלן קוילען אַ חזיר, וועלן מיר דיר געבן אַ פונט פעטס.

איך האָב זיך געפרייט: עגדלעך וועל איך זיין פריי. אַליין, וואָס האָט מיך ארומגערינגלט אין דער מומעס שטוב, האָט געפעגטעט דעם ווילן און די פרייד, וועלכע איז אָפט אויפגעקומען אין מיר, בעתן דערמאָנען זיך אין דער היים. ווידער בין איך געגאַנגען מיט דער מאמען כדי אָנצוהייבן אַן אַנדער, גליקלעכער לעבן. די לעקציע, וואָס כ'האָב באַקומען ביי דער מומען האָט נישט געקאָנט צעשטערן מיין האָפענונג. די וועלט איז געווען גרויס, געהיימנישפול און ס'איז נישט באַוווּסט, צי דער מאָרגן וועט נישט א סוף מאכן צו די אַלע נויטן. אפילו דער היינט איז שוין באַרמהאַרציקער. די מאמע טראָגט א פעקל אין דער פלאַכטע. שוין דאָס צווייטע יאָר ווי די האָזיקע פלאַכטע איז בײַ איהדן עפּעס א מין פאַרכישופטער דיוואַן. ווען מיר פירן קומט די מאמע און שלעפּט פון איר אַרויס שפּעטער און שמעקנדיקע סאָסנע־צווייגן. עס איז אָנגענעם צו וואַרעמען די פאַרפרוירענע הענט ביים אויוון. צעשמייכלטע רינגלען מיר אַרום דעם פריילעכן פלאַם, מיר כאַפּן אויף זיין וואַרעמקייט אויף די באַקן, אויף די אויגן און אָפּט פאַרגעסן מיר, אַז די באָרוועסע פיס זענען בלוי פון דער קעלט, וואָס ציט פון דער ליימענער פּאָדלאָגע. וויפל מאָל, ווען מיר האָבן שוין געהאַט פאַרלירן די האָפענונג אויף דעם איינציקן טעגלעכן „מאָלצייט", וואָס איז באַשטאַנען פון א פּאָר קאַרטאָפּליעס, און מיט א שווער געמיט זיך געגרייט צו לייגן שלאָפן, האָט זיך באַוויזן די מאמע און האָט פון דער פלאַכטע אַרויסגעשלעפּט ברויט. ווי גרויס איז געווען די פרייד! העכער פון אַלעמען איז מאַגיעק אונטערגעשפּרונגען. דעמלט האָט ער אפילו נישט באַדאַרפט קיין קוליעס, אויף וועלכע ער פלעגט זיך אָנשפּאַרן. ניין, אין שטוב איז נישט געווען שלעכט!

איך האָב דערציילט דער מאמען, אַז נאָר די באָבע האָט מיך ליב געהאַט. די באָבע האָט אָבער אויך מורא געהאַט פאַר דער מומען, און דעריבער האָט זי ווייניק וואָס מיר געקאָנט העלפן. ווען מיר זענען צוגעקומען צום צווינטער נאָענט פון דאָרף שוסטקע, זענען מיר מיט דער מאמען אריין אין דער צווינטער־קאַפּליצע. דאָרט האָט די מאמע אָנגעהויבן באַטראַכטן וואָס אַלץ עס געפינט זיך אין דער פלאַכטע. עס איז דאָרט געווען א טאָפּ ווייץ־מעל, א האַלבער לעבל ברויט, אביסל געטריקנטע פעלד־באַרנעלעך, א פּאָר הייזלעך מיט שעלקעס, אַן אַלט רעקל, פון וועלכן דער מומעס זון איז אויסגעוואַקסן, און צוויי העמדער פון פּויערישע לייוונט, וועלכע זענען איבערגעבליבן געוואָרן פון דער באָבעס העמדער.

— אָט האָט זי אונדז אָנגעגעבן, אַז עס זאָל איר... — האָט די מאמע איבערגעריסן, באַטראַכטנדיק דעם געשאַנק פון דער מומען. זי האָט מיר געגעבן א פעלד־באַרנעלע און אַליין האָט זי אויך גענומען קייען, אַרומקוקנדיק זיך אין דער קאַפּליצע. צוועלף אַפּאָסטאָלן האָבן פון די ווענט געקוקט אויף מיר. צום מערסטן האָט מיך פאַראינטערעסירט דער אַפּאָסטאָל, אַרום וועלכן עס זענען געלעגן קי מיט קעלבלעך. א שרעק האט מיך אַרומגענומען, ווען די מאמע האָט

זיך דערנענטערט צום געבעט־שטענדער. „בלויז דער קשיאַנדז האָט דאָך אַ רעכט אַהין צוצוגיין" — האָב איך געטראַכט. איך האָב מיר אָבער שנעל פאַרענט־פערט, אַז מיין מאַמע איז נישט ערגער פון קשיאָנדז.

אַ פּאָר טעג נאָך מיין אָנקומען אַהיים איז אַראָפּגעפאַלן אַ געדיכטער שניי. אין אונדזער כאַטע האָט די קעלט זיך אַלץ מער געלאָזט פילן און אונדז געשפּייניקט. דער 2־יאָריקער טאַלעק האָט מיט די פיסלעך צעוואָרפן די לאַבעס, אין וועלכן ער איז געווען איינגעוויקלט, ער האָט גענומען פרירן און האָט זיך צעשריגן מיט אַ באַנומען קול: „עסן!". די מאַמע איז געווען פאַרנומען מיט ברענגען האָלץ פון וואַלד. זי האָט אָנגעזאָגט צוצודעקן דאָס קינד און שפּילן זיך מיט אים. דערמיט בין איך געווען פאַרנומען אַ גאַנצן טאָג. מאַניעק האָט מיר אָפּט אַרויסגעהאָלפן, ער האָט געוויגט דעם ברודערל, ווען עס וואָלט געקאָנט באַרואיקן בלויז אַביסל געקעכטס. דערפאַר האָב איך געמוזט מאַניעקן אָפּצאָלן מיט דערציילן אים וועגן לעבן פון די פאַסטעכער. קיין עסן, מיט וואָס צו באַרואיקן דאָס קליינוואַרג, איז נישט געווען.

ווען הינטערן אויוון האָט זיך אָנגעקליבן אַ זאַפּאַס האָלץ און אין פּאָדער־הויז זענען שוין אויך געלעגן עטלעכע ביגטלעך צווייגן האָט די מאַמע, איבער־לאָזנדיק עטלעכע קילאָ קאַרטאָפל, אונדז אָנגעזאָגט זיך צו האַלטן רואיק. נישט שפּילן זיך מיט קיין פייער, אָפּהיטן טאַלעקן און אַליין איז זי צוריק, ווי זי האָט געזאָגט, אויף צוויי טעג. זי האָט נישט געוואָלט זאָגן, וווהין זי גייט. „אוודאי צום טאַטן" — האָב איך ביי זיך געטראַכט. כ'האָב מיך בלויז געוווּנ־דערט, וואָס זי נעמט נישט קיין זאַך מיט זיך. געוויינלעך פלעגט זי אים אָוועק־טראָגן עטלעכע פונט ברויט און אַ גרויסן טאָפּ געקאָכטע קאַרטאָפל.

— מאַ, ווו די מאַ־אַ־מע — האָט טאַלעק געפרעגט יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט זיך אויפכאַפּן און אַחוץ אַ פּאָר קאַרטאָפל — אַמאָל קאַלטע, אַמאָל הייסע — האָט ער גאָרנישט נישט באַקומען.

— זי איז געגאַנגען קויפן ברויט — האָט מאַניעק אים געענטפערט.

— דיב בויט, דיב בויט! האָט דאָס קינד שוין־לאַנג געבעטן.

געווען איז אַזוי, אַז ווען ער האָט זיך שטאַרק צעשריגן, האָט מאַניעק אויך אָנגעהויבן צו וויינען. איך האָב דאַן איינגעהייצט די קיך און אויף דער הייסער פּלימע אָנגעהויבן באַקן קאַרטאָפל־פּענעצלעך. די געשמאַקע שטיקלעך האָבן ביידן באַרואיקט.

אַזוי האָבן מיר דריי טעג געוואַרט אויף דער מאַמען. זי איז געקומען פאַרנאַכט שלעפּנדיק אויף די פּלייצעס אַ נישקשהדיקע משא. זי האָט געריבן אַ האַנט אין אַ האַנט, פרווונדיק זיי דערוואַרעמען, געכאַפּט אַ קוק אויף אונדז אַלעמען. „נו, וואָס הערט זיך" — האָט זי געפרעגט. דער מאַמעס פלאַכטע האָט אָנטדעקט פאַר אונדז אַ גאַנצן אוצר. עס זענען דאָרט געווען קאַרטאָפליעס, שטיקלעך ברויט — אַ סך שטיקלעך אין פון די פאַרשיידנסטע מינים, געבאַקענע אויף בלעטער, אויף אַש. עס איז אפילו געווען אַ ווייס פּענעצל.

„צי דען זשע איז די מאמע געגאַנגען איבער די הייזער“? — איז מיר אַדורך אַ געדאַנק. דאָס געשמאַקע, שמעקנדיקע האַלב־קאָרענע ברויט האָט פּלוצים פאַרלוירן זיין טעם. איך האָב אויפגעהערט צו עסן און האָב געקוקט אויף דער מאַמען, נישט האָבנדיק די דרייסטקייט זי צו פרעגן. „מיר זענען בעטלערס“ האָבן מיר אין די אויערן געקלונגען די אייגענע, נישט אַרויסגעזאָגטע ווערטער. אַ קליין זעקעלע מיט די פאַרשידענסטע גרויפּן — האָגערנע, גרעטשענע, הירזשענע, האָט באַשטעטיקט מיין חשד. אין דער פלאַכטע זענען נאָך געווען בוראַקעס, ציבעלעס און אַ קליין שטיקל חזיר־פעטס.

איך האָב געהערט דאָס פריילעכע פלוידערן פון מאַניעקן, איך האָב אָבער גלייכגילטיק געקוקט אויפן ווייסן ברויט אין טאַלעקס הענט. איך האָב זיך ווידער געוואָלט אָפּגעחוזקט דורך די קינדער, דאָס מאָל דורך די קינדער פון אונדזערע שכנים — אַזעלכע אָרעמעלייט, ווי מיר. איך האָב זיך ענדלעך אנט־שלאָסן צו דערוויסן, גיכער ענדגילטיק צו באַשטעטיקן מיין חשד. איך האָב געפרעגט:

— ווו ביסטו געווען, מאַמע, אַזוי לאַנג?

— ווייט זונעלע — האָט זי געענטפערט און שטיל געבליבן.

איך האָב נישט נאָכגעגעבן.

— און ווער האָט עס דיר געגעבן ברויט? — האָב איך געפרעגט.

— זע נאָר, סאַראַ נייגעריקייט — האָט זי זיך אָפּגערופן און גענומען זיך פאָרען אין שטוב.

ווען איך האָב שוין פאַרלוירן די האָפענונג צו באַקומען אַן ענטפער, האָט די מאַמע אומדערוואַרט זיך אָפּגערופן הויך און אייליק:

— דאָס ברויט האָב איך געקויפט ביי אַן אַלטן בעטלער. ער איז געגאַנגען און נישט געקאָנט דערטראָגן. ער האָט מיר פאַרקויפט פאַר זייער ביליק.

איך האָב שוין מער זיך נישט נאָכגעפרעגט פון וואַנען די מאַמע האָט געהאַט העלפֿ געלט. צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך נישט געגלייבט אירע ווערטער.

פון דאַן אָן האָט זיך די מאַמע נאָך עטלעכע מאָל געלאָזן אין וועג אריין און יעדעס מאָל מיט אַלץ קלענערע רעזולטאַטן. די מאַמע איז געוואָרן אַלץ טרויעריקער און קאַרטאָפל האָבן מיר געגעסן אַלץ זעלטענער. אָנשטאָט קאַרטאָפל האָבן מיר געכליאָבעט זופּ. „איר וועט שוין ווי נישט איז דורכקומען — האָט די מאַמע געזאָגט — פאַרן קליינוואַרג דאַרף מען זאָרגן“.

ציימנווייז פלעגט פון שטאָט קומען די שוועסטער. זי פלעגט ברענגען עטלעכע שטיקלעך צוקער, ברויט, אַביסל זאַלץ, נאַפט פאַרן קאָפּטשערל. זי איז שטענדיק געווען פריילעך און געטרייסט דער מאַמען.

— אַלץ וועט נאָך גוט זיין, מאַמע — האָט זי געזאָגט — די מלחמה האָט זיך געענדיקט, און אַמעריקע וועט שיקן פאַר די אָרעמע עסנוואַרג און קליידונג. מיר זענען דאָך אָרעם, וועלן מיר באַקומען.

— אז דו וועסט אליין נישט האָבן, וועט מען דיר א סך אָנגעבן... וועסט האָבן צו האַלטן — זהאָט איר געענטפערט די מאַמע. — אוי, ווי דו וואָלסט מיר צוגעזאָגט געקומען אין דער היים! איך וואָלט געגאַנגען, א זוך געטאָן איבער דער שטאָט, אפשר וואָלט איך געקריגן עפּעס אַן ארבעט.

— ארבעט? — האָט זיך געחידושט די שוועסטער — איצט באַקומען ארבעט? אפילו מענער זיצן דאָך אין די שטיבער. קיין וועש צום וואַשן וועסטו אויך נישט באַקומען. צו מיינע הערשאַפטן קומען יעדן טאָג ווייבער זיך בעטן, מ'זאָל זיי געבן וועש צו וואַשן.

ווייט זוכן ביישפּילן, אַז די שוועסטער איז גערעכט, האָט מען נישט געדאַרפט. אונדזערע נאָענטע שכנים זענען טאָג־איין טאָג־אויס אומזיסט געגאַנגען אין גראַף פּאָטאָצקיס פאָרטאַק, אין זיין ביר־ברויז, אין וואַלד... דער ענטפער איז געווען אייניק: „ביז פרילינג זעט זיך נישט פאַר קיין אַרבעט פאַר אייך". די מערהייט פון די, וואָס האָבן געזוכט אַרבעט, זענען נאָך ביזן אָנקומען פון פרילינג אַריינגעפּאַקט געוואָרן אין אַרעסט צוליבן גנבענען האָלץ, קאַרטאָפל, תבואה און חזירים פון פּויערישע שטאַלן. זיי האָבן געגומען דאָרט, ווו עס איז עפּעס געווען צום נעמען. קיין אַנדער וועג ווי אַזוי אונטערצוהאַלטן די נשמה האָבן זיי פאַר זיך נישט געזען.

אין אונדזער דאָרף איז אייגעשטאַנען אַ מיליטערישער אָפּטייל. א סך יונגע פרויען און מיידלעך האָבן דעם גרעסטן טייל טאָג פאַרבראַכט מיט די זעלנער. מ'האָט געטרונקען סאַמאַגאָן, זיך איבערגעטאָן אין זעלנערישע קליידער, געגאַנגען באַפן עופות — די מער דרייסטערע האָבן געשאָסן אין די ביימער ביים וועג און געהאַט זייערע קאָנקורענטקעס. ס'פלעגן טרעפן, אַז בייגאַכט האָבן שיכורע אָפּיצערן זיך אריינגעריסן צו אונדז מיט א געשריי:

— ווו איז אייער טאָכטער?

— זי איז נישטאָ — האָט געענטפערט די מאַמע.

— וואָס הייסט זי איז נישטאָ? דו אַלטע מכשפה, מ'האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז זי איז געווען.

די מאַמע האָט זיך געפּרווט אויסטענהן, אַז זי האָט בכלל נישט קיין דערוואַקסענע טאָכטער, אַז איר קינד ארבעט אין שטאָט, ביי רייכע לייט. איך האָב אָפּט געהערט, ווי די מיליטער־לייט האָבן גאָכן אַרויסגיין פון אונדז זיך געלאָזט צו אונדזער שכן, און ווען די טויט־איבערגעשראָקענע וואַצלאַוואָווע האָט פאַרריגלט די טיר, האָבן זיי געהראָט, אַז אויב אירע טעכטער וועלן תיכף נישט אַרויסקומען צו זיי, וועלן זיי אונטערצינדן די שטוב. ס'פלעגט טרעפן, אַז די מאַמע האָט אונדז גאַנצע נעכט געהאַלטן גרייט צום פאַרלאָזן די כאַטע אין פאַל פון אַ שרפה. מיר האָבן זיך געטרייסלט פון שרעק און די מאַמע האָט געשאָלטן די גאַנצע וועלט.

אַזוי איז אַדורך אַ טאָג נאָך אַ טאָג. דער חודש פעברואַר האָט מיט פראָסט צוגעשמידט די טייכן. ער האָט אויך הרוב געמאַכט דער מאַמעס פּלענער, ווי אַזוי

צו באקומען ברויט און האָלץ צום הייצן. די מאמע האָט נישט געהאט נישט קיין ווארעמע קליידער, נישט קיין שיך. אַנשטאָט שלאָפן, פלעגט זי אין די נעכט אַלץ אָפטער און אָפטער יאָמערן.

— וואָס וועל איך טאָן, וואָס זאָל איך טאָן? ווי אַזוי וועל איך דערלעבן ביז פרילינג, דערלעבן אַביסל שטשאַוו, אַביסל ווארעמקייט פאַר די קינדער? — איך האָב געהערט איר יאָמערן נישט אויסגעבנדיק מיט קיין ריר, אַז איך שלאָף נישט. — הו מאַטערסט זיך דאָרט, פרירסט און הונגערסט, און איך דאָ, בין אינגאַנצן הילפלאָז... מיכאל, מיכאל מיינער! כ׳קאָן מיט גאָרנישט העלפן, כ׳האָב נישט וואָס מאָרגן צו געבן די קינדער אין מויל אַריין.

קיין שום שרעק האָט מיך נישט אַזוי געשטיקט, אַזוי נישט אויפגעשוידערט מיט קעלט, ווי די ווערטער פון דער יאָמערנדיקער מאַמען...

עס איז אָנגעקומען אַ טאָג, ווען ביי אונדז איז שוין נישט געווען נישט קיין קאַרטאָפליע, נישט קיין שוועבעלע, נישט קיין ביסל זאַלץ. די מאַמע האָט אונטערגעהייצט דעם אויוון מיט שטרוי, אַרומגעוויקלט די פיס מיט שמאַטעס, טאָלעקן האָט זי גענומען אויפן האַנט אונטערן טיכל און זיך געקליבן אַוועקצוגיין.

— כ׳וועל באַלד צוריקקומען — האָט זי געזאָגט. — כ׳וועל גיין צו די שכנים, כ׳וועל זאָגן, אַז כ׳בין געקומען גלאַט אַזוי, אַביסל אונטערזיצן, אפשר וועלן זיי געבן טאָלעקן אַ שטיקל ברויט אָדער אַ טראָפן מילך. זיי האָבן דאָך אַ קו.

פאַרנאַכט איז זי צוריקגעקומען.

— זיי האָבן גאָרנישט נישט געגעבן — האָט זי געזאָגט — זיי האָבן זיך געהייסן ברענגען קאַרטאָפל-שאָלעכץ, וועלן זיי דאַן געבן מילך.. קאַרטאָפלשאָלעכץ, — האָט זי איבערגעחזרט — ווען איך וואָלט עס געהאט, וואָלטן דאָך די קינדער געהאט קאַרטאָפל און זופּ.

טאָלעק האָט נישט געוויינט. ער האָט געשוויגן. מיט אַ גלייכגילטיקן בליק האָט ער זיך אַרומגעקוקט אַרום שטוב און האָט מאָרגע זיך געקרימט, ווען כ׳האָב צו אים גערעדט. די מאַמע איז אַרומגעגאַנגען, זיך האַלטנדיק פאַר דער גאָמבע. דאָס איז געווען קעגן איר געוווינהייט. געוויינטלעך פלעגט זי זיצן, עפּעס נייען, לאַטן אונדזערע מייטקעס אָדער געזעסן אַ פאַרשטאַרטע.

עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, ווען זי האָט איבעראַניים גענומען אַרומוויקלען די פיס ד. ה. צוגעבן נייע שמאַטעס צו די, וועלכע זי האָט שוין פון פריער געהאַט אויף זיי. זי האָט גענומען די שנירלעך פון מיינע טרעפּעס, אַרומגעוויקלט מיט זיי די פיס, אויף זיך האָט זי אַרויסגעצויגן דעם צעריסענעם וואַטע-שפּענצער, אַרומגעגאַרטלט זיך מיט אַ האַנטעך, נאָכדעם האָט זי פון אונטערן בעט ארויסגעצויגן אַ האַק, מיט דער פלאַכטע האָט זי צוגעדעקט די פּלייצעס און ווענדנדיק זיך צו אונדז האָט זי געזאָגט:

— איך קאָנט נײַן שלאָפֿן. אַז כ'וועל צוריקקומען, וועל איך אײַך מאַכן עפּעס צום עסן — זי האָט נישט געהייסן פֿאַרשפּאַרן נאָך זיך די טיר.

ווען איך בין אויפֿן בעט געזעסן, האָב איך אָבסערווירט אַלע אירע באַוועגונגען. איך האָב אָבער בשום אופֿן נישט געקאָנט טרעפֿן, וואָס זי האָט בדעה צו טאָן און וווהין זי לאָזט זיך. איך האָב מורא געהאַט. דער מאַמעס פּנים האָט זיך פּולשטענדיק געענדערט. זי האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט אונדז גאָרנישט באַמערקט.

איך האָב לאַנג נישט געקאָנט אײַנשלאָפֿן. מיטן אָטעם האָב איך אָפּגעהויכט דעם פֿראָסט פֿון די שויבן, אָדער דורכן גלאָז האָב איך געזען בלויז דעם שניי־פֿליין אויף מזרח־זײַט און דאָס טונקעלע דאָרף אויף דרום און מערב. א פּאַרמאַטערטער פֿון וואַרטן אויף דער מאַמען בין איך אײַנגעשלאָפֿן.

כ'האָב זיך אויפֿגעכאַפּט פֿאַרטאָג, אַזוי אַלנפֿאַלס האָט זיך מיר געדאַכט. דורך די פֿאַרפֿרוירענע שויבן איז אין דער כאַטע דורכגעדרונגען דער אָפּשײַן פֿון דער לבֿנה. צו מיר איז קלאָר דערגאַנגען דאָס באַקאַנטע קלעטשקען פֿון קאַרטאָפֿל, ווען זיי קאָכן זיך אין טאָפּ. כ'האָב אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ. דער אָפּשײַן פֿונעם פּייער אין דער קיך האָט געטאַנצט איבער דער וואַנט און איבערן סופֿיט. דאָס קאָפּמשערל האָט נישט געברענט. איך האָב קוים באַמערקט די סילועטקע פֿון דער מאַמען. זי איז אַן אומבאַוועגלעכע געזעסן בײַ דער קיך און זיך אײַנגעקוקט אין דעם פּייער. זי האָט מיך באַמערקט און פֿליסטערנדיק געפֿרעגט:

— שלאָפֿסט נישט?

— נײַן — האָב איך געענטפֿערט.

— און עסן ווילסטו?

— יאָ, מאַמעשי.

— קום אַהער. ס'איז שוין וואַרעם אין שטוב — האָט זי געזאָגט.

כ'בין אַרויסגעשפּרונגען פֿון בעט, אַזוי ווי כ'בין געווען, — אין העמד, כ'האָב זיך אַוועקגעזעצט בײַ דער קיך און נישט געקאָנט זיך אָפּוווּנדערן דערפֿון, וואָס עס קאָכן זיך אַזש גאַנצע צוויי טעפּ קאַרטאָפֿל. מיט אַ הילצערנעם קאָכלעפֿל האָט די מאַמע געפּרוווט, צי די קאַרטאָפֿל זענען שוין פֿאַרטיק. זי האָט אַרויסגענומען איין קאַרטאָפֿל, אַרויפֿגעשאָטן אַביסל זאַלץ און מיר געגעבן:

— עס — האָט זי געזאָגט מיט דעם זעלבן פֿליסטערנדיקן קול — נישט אַלע ווערן עפּעס פֿאַרטיק מיטאַמאָל.

די קאַרטאָפֿליע איז געווען זיס.

— פֿאַרוואָס עפּעס איז זי זיס? — האָב איך געפֿרעגט.

— געפֿרוירענע, אָבער ס'איז גאָרנישט. כ'וועל אײַך מאַכן לאַטקעס — האָט זי געענטפֿערט.

לאַטקעס האָבן בײַ אונדז געהייסן געריבענע רויע קאַרטאָפֿל, געמישט מיט געקאָכטע. כ'האָב דער מאַמען געהאָלפֿן שיילן קאַרטאָפֿל, און ווען די זון איז אויפֿגעקומען זענען שוין געווען פֿאַרטיק לאַטקעס אויף אַ גאַנצן טאָג.

אײדער די ברידער זענען אויפגעשטאַנען האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די קאַרטאָפל האָט די מאַמע געבראַכט פון גראַבאָוויעץ — פונעם פאָלוואַרק, וואָס איז זיבן קילאָמעטער ווייט פון אונדז. זי האָט זיי אַרויסבאַקומען פון די פּריצישע גריבער, וועלכע זענען געווען הויך באַדעקט מיט שניי. מיט אַ האַק האָט זי זיך געדאַרפט דורכשלאָגן אַ וועג צום גרוב. זי האָט געדאַרפט דורכברעכן אַ דיקן שיכט ערד. זי האָט זיך באַגאָסן מיט שווייס ביי דער דאָזיקער אַרבעט, די כוחות זענען איר אויסגעגאַנגען, זי איז געווען נאָענט פון פאַרצווייפלונג, אָבער קיין אַנדער אויסוועג איז נישט געווען.

— מ׳דאַרף דאָך אײַך ראַטעווען — האָט זי צו מיר געטענהט, אַנפאַרטרויענדיק זיך פון דעם פאַרברעכן — דאָס איז נישט קיין עבירה — האָט זי געזאָגט — אויב ס׳איז אַפילו אַן עבירה צו נעמען פרעמדס, איז עס אָבער נישט דאָ, ווען מען נעמט ביי די, וואָס האָבן אַזוי פיל, אַז זיי ווייסן אַפילו נישט וויפל זיי האָבן, גאָט איז אַ גערעכטער, און די זינד וועל איך אָפּקומען מיט דער שרעק, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, מיט דער שרעקלעכער האָרעוואַניע: כ׳האָב געמוזט גיין דורך די פאַרשנייטע פעלדער, אויסמײַדנדיק דעם גלייכן וועג, וווּ מ׳קאָן זיך באַגעגענען מיט מענטשן.

זי האָט גערעדט צו מיר נישט ווי צו איך קינד, נאָר ווי צו אַ פריינד, פאַר וועלכן זי האָט זיך אַנפאַרטרויט.

אין מאָרגן איז צוריקגעקומען דער טאַטע. דאָס געריכט האָט אים אָנערקענט פאַר אומשולדיק און נאָך אַ יאָר האַלטן אין תפיסה אים אַרויסגעלאָזט. דער טאַטע איז צוריקגעקומען אַן אויסגעשעפּטער, אַ קראַנקער.

— ראַטעווע מיך — האָט ער געזאָגט צו דער מאַמען.

די מאַמע איז מיטן טאַטנס אַ בריוו אַוועק צו דער מומע מיכאַלינאַ. זי האָט פון איר געבראַכט קרייטעכצער צו געשווילעכץ, ליין-אייל, אַנדערהאַלבן פונט חזיר-פעטס און עטלעכע פונט ליין-קערנער. דאָס אַלץ איז געווען פאַרן טאַטן. די מאַמע האָט געריבן די קאַרטאָפל, וועלכע זי האָט אין די נעכט געבראַכט פון דעם גראַבאָווצער גרוב. די געריבענע קאַרטאָפל האָט זי צוזאַמען מיט ציבעלעס געבאַקן אין אײַזערנעם טאָפּ. דאָס איז געווען זייער אַ געשמאַק עסן. „דאָס גיט מען בלויז קראַנקע“ — האָט מיר מאַגיעק אַרײַנגעפּליסטערט אין אויער אַרײַן. מיר האָבן געגעסן זופּ און קאַרטאָפל געריבענע צוזאַמען מיט געמאָלטע ליין-קערנער. איך האָב געזען, אַז די מאַמע גייט איצט אין די נעכט אַ סך גערנער נאָך עסנוואַרג. פון דער וואָלענער באָרדאַ-ספּודניצע האָט זי דעם טאַטן אויפגענייט אַ פּאָר הויזן, אויסגעשטריקט אים פון פאָדים אַ פּאָר שטעק-שיך און צוגעזאָגט אים אויפצונייען אַ מאַרינאַרקע. ערגער איז געווען מיט שיך.

מיטן מאָמענט, ווען דער שניי איז אַראָפּ, איז אויך פאַרשוווּנדן דער קוואַל פאַר אונדזער באַשפּייזונג. די קאַרטאָפל האָט מען אַרויסגעפירט פון פעלד אין די סטאַדאָלעס. מ׳האָט געדאַרפט זוכן אַן אַנדער קוואַל פון חיונה.

— פּעמס און ווייסלעך דאַרף איך — האָט דער טאַטע געזאָגט צו דער מאַמען — גיי אויפֿן פּאַשע־פֿעלד, אין די ראָוועס איז פֿאַראַן זשאַבע־רויג, נעם עס צונויף, כ׳וועל עס עסן. כ׳מוז דאָך געזונט ווערן און נעמען פֿאַרדינען פֿאַר די קינדער, פֿאַר דיר.

נישט געקוקט אויף די שווערע באַדינגונגען איז דער טאַטע דאָך געקומען צו די כוחות, דאָס געשווילעכץ איז אַראָפּ, ער האָט גענומען אַראָפּגיין פֿון בעט. ער האָט אונדז דערציילט מעשהלעך, צייטנווייז פֿלעגט ער נעמען מאַכן פּלענער, וואָס יעדער פֿון אונדז וועט זיין, ווען ער וועט אויסוואַקסן.

— דו וועסט זיין אַ בעקער — האָט ער צו מיר געזאָגט — דו וועסט האָבן נישט וויסן פֿון דאָס ערגסטע — פֿון הונגער. אין לעבן דאַרף מען געפֿינען אַ גוטן פּלאַץ. אָט, למשל, אַ קשיאַנדז, אים איז געווען גוט ביים רוס, ביים דייטש, ס׳איז אים איצט גוט און ווען ס׳וואָלטן געקומען די טערקן, וואָלט זיך גאָרנישט געענדערט אין זיין לעבן. אפֿשר — האָט ער ווייטער גערעדט — וועסטו נאָך אַמאָל ווערן אַ קשיאָנדז, מירן זען.

כ׳האָב געלאַכט פֿון זיינע פּלענער. כ׳האָב זיך שוין געזען אין אַ שוואַרצער סוטאַנע און ס׳האָט מיר מאָדנע אויסגעזען, וואָס איך וועל פֿאָרן מיט גאָט צו אַ קראַנקן. כ׳וועל כאָטש זען, ווי דער האָזיקער גאָט זעט אויס — האָב איך זיך געטראַכט — כ׳וועל קומען קיין זשעטשיצע, אַלע וועלן זיך פֿאַר מיר בוקן, אַפֿילו די, וואָס רופֿן מיך איצט „בעטלער“, „גנב“.

וועלנדיק אונטערהאַלטן די כוחות ביים טאַטן, האָט די מאַמע אָנגעהויבן צו באַנייען איר קענטשאַפֿט פֿון פֿאַר צוואָנציק יאָרן. זי איז צופֿוס געגאַנגען אויף יענער זייט שעדלעץ, פֿון וואַנען זי האָט געבראַכט אנדערהאַלבן פּוד מעל. צוויי טעג האָט זי דאָס מעל געטראָגן און דערטראָגן אַ גליקלעכע, וואָס זי האָט פֿון וואָס צו קאָכן פֿאַרן טאַטן אַביסל טייגעכץ און באַקן פּלעצלעך אויף דער קיך. זי האָט אונדז דערציילט וועגן געגעסן.

— אָט האָט ער עס אַ לעבן! — האָט זי געזאָגט מיט התפּעלות — ער האָט מילך, ברויט, קניידלעך. אָט פֿאַר דיר, מיכאַל, וואָלט עס געווען אַן אָרט. וואָלסט גיך געזונט געוואָרן.

— כ׳האָב דאָרט געהאַט געבויט אַ מיל — האָט לעבהאַפֿט זיך אָפּגערופֿן דער טאַטע. — ווען אויף דער וועלט וואָלט געווען יושר, וואָלט איך געדאַרפֿט עפּעס האָבן דערפֿון.

צוזאַמען מיט דער פֿרילינג־וואַרעמקייט האָט זיך צום טאַטן אומגעקערט דאָס געזונט. ער האָט געפֿונען אַרבעט ביים בויען אַ ווינט־מיל אין דעם דאָרף לוזקי. פֿון דאַן אָן איז אונדזער לעבן געוואָרן אַ בעסערס, אַ פֿריילעכערס. יעדע וואָך האָט די מאַמע געבאַקן ברויט. דער טאַטע האָט פֿון דאָרף געבראַכט גריפּן, קאַרטאָפֿל, אַמאָל חזיר־פֿעטס. אַלע שכנים האָבן אונדז מקנא געווען. זיי פֿלעגן קומען זונטיק צו אונדז „פֿאַרדרייען אַ פּאַפּיראָס“, ווי זיי האָבן געזאָגט.

— ווער עס האָט אַ פאַך אין האַנט, דער וועט נאָך געפינען עפּעס אַן ארבעט, ווער ס'האָט אָבער קיין פאַך נישט מוז אומקומען — האָבן זיי זיך געקלאָגט. — בשעת מלחמה איז בעסער געווען. מ'האָט זיך געממיתט, געממיתט און אַלץ איינס, צופיל מענטשן פאַראַן — האָבן זיי געטענהט.

— ס'איז אָבער נישט דערפאַר — פלעגט געוויינטלעך איבעררייסן די מאַמע. — אָט, אַמאָל איז גוט געווען אָן אַ מלחמה. — זי האָט דערמאָנט די קוילעטשן, די זיסוואַרגן, וואָס מ'פלעגט קויפן אויפן מאַרק און דערביי איבערגעחזרט: — יענע צייטן וועלן שוין אַוודאי נישט צוריקקומען.

דער ווינטער פון 1921 יאָר האָט שוין ביי דער מאַמען נישט דערוועקט קיין פחד און אומרו פאַר דער שטוב, פאַר די קינדער. „דער טאַטע ארבעט, ווי נישט איז וועלן מיר זיך איצט שוין אַן עצה געבן" — האָט זי געזאָגט. וואָס אַן אמת, קיין שיך, קיין וואַרעמע קליידער האָבן מיר נאָך אַלץ נישט געהאַט, מיר האָבן דעריבער נישט געקאָנט גיין אין שול. די מאַמע ווידער האָט נאָך אַלץ געמוזט זאָרגן וועגן האָלץ צום הייצן. אַזוי ווי אַמאָל פלעגט זי איצט אויך גיין אין וואַלד, שלעפּן פון דאָרט צווייגן. ווען דער טאַטע האָט אויסגעענדיקט די אַרבעט ביים בויען די ווינטמיל, האָט ער אָנגעהויבן צו אַרבעטן אויף דער עלעקטראָווניע. „ער האָט זיך איינגעסטאַטקעוועט, האַלט דאָס וואָרט, וואָס ער האָט מיר געגעבן אין תפיסה, אַז ווען ער וועט אַרויסגיין אויף דער פריי, וועט ער נישט שיכורן, וועט ער זאָרגן פאַר דער שטוב" — האָט זיך די מאַמע געריימט פאַר די שכנות. דער הונגער איז פון אונדזער שטוב פאַרטריבן געוואָרן.

צומערסטן פלעגן מיר דעם טאַטנס צוריקקומען אָפּוואַרטן פרייטיק. דאַן פלעגט ער מיט זיך ברענגען דעם הומאָריסטישן זשורנאַל „מוכאַ" און פלעגט פון אים לייענען פאַר דער מאַמען אויפן קול. מיר האָבן געהערט די קאָמישע און נישט פאַרשטענדלעכע זאַכן. נאָכדעם האָבן מיר באַקוקט די מאָדנע בילדער. לייענען האָב איך געקענט און ביי דער געלעגנהייט פלעג איך אויסטראַכטן די פאַרשידנסטע מעשיות פאַר דעם ברודער מאַניעקן, וואָס האָט ביי מיר כסדר געבעטן, אַז כ'זאָל אים נאָך דערציילן. דערפאַר האָט ער מיר געמוזט צוזאָגן, אַז ער וועט מיר העלפן שיילן קאַרטאָפל, אויסקערן די שטוב און נאָכרוימען טאַלעקן. יעדן פרייטיק פלעגט די מאַמע פאַרראָשטשינען ברויט אין שבת צום באַקן.

אין איינעם אַזאַ מערץ-פרייטיק איז דער טאַטע נישט צוריקגעקומען פון דער אַרבעט. עס איז שוין געווען נאָך 10 אַזייגער. די מאַמע האָט אָנגעהויבן זיך באַאומרואיקן. דאָס ברויט איז שוין לאַנג געווען פאַרראָשטשינעט, אינעם לאָמפּ האָט מען אויסגעברענט דאָס רעשט ביסל נאַפט. מיר זענען געלעגן אין בעט און שווייגנדיק געוואַרט צוזאַמען מיט דער מאַמען. אין דרויסן איז געווען שטיל.

ענדלעך האָבן זיך אויפן הויף דערהערט שטימען. נישט שוין זשע האָט זיך דער טאַטע צוריקגעקערט צוזאמען מיט א חברה? אויב יאָ, איז ער מסתמא שיכור. נישט אָנקלאַפּנדיק זענען אין שטוב אַריין צוויי מענער מיט אַ לאַמטערנע.

— דאָ וווינט באַברוק וועראָניקע? — האָבן זיי געפרעגט.

— יאָ האָט די מאַמע געענטפערט — וואָס איז געשען? — האָט זי אַ בלייבע און ציטערנדיקע געפרעגט.

איינער פון די מענער האָט אָנגעהויבן טענהן צו דער מאַמען, אַז זי זאָל זיך נישט שרעקן, וואָרום קיין שום אויסערגעוויינלעכס איז נישט געשען.

— מיכאלן האָט עס אביסל צוגעקוועטשט — האָט ער געזאָגט. — מ'דאַרף נאָר מיטנעמען מיט זיך וועש, אַ ליילעך און גיין אין שפּיטאָל.

די האָזיקע ווערטער האָב איך אויסגעהערט אינגאַנצן זיך טרייסלענדיק. נישט די ווערטער פון דעם מאַנספּאַרשוין האָבן אין מיר דערוועקט די שרעק, וואָס האָט מיך אינגאַנצן געליימט, נאָר די האַלטונג פון דער מאַמען. זי האָט נישט געקאָנט נישט אָנטאָן די שיך, נישט געפינען די נייטיקע זאַכן.

— גאָט מיינער, גאָט! — האָט זי איבערגעחזרט — איך דערציילט מיר נישט דעם אמת. וואָס איז מיט אים געשען, וואָס איז געשען? קינדער, בלייבט אין שטוב — האָט זי זיך צו אונדז אַ קער געטאָן.

זי האָט אויסגעדרייט דעם לאָמפּ און איז אַרויס פון שטוב, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט פּחד, אין דער פינצטערער און שרעקלעכער נאַכט.

זי איז צוריקגעקומען אויפן דריטן טאָג. מיר האָבן געוואַרט אויף איר מיט בענקשאַפט און מיט אומרו פאַרן טאַטן. זי איז געווען בלאַס, אינגאַנצן אַ געענדערטע. זי האָט אויף אונדז געקוקט, ווי מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, מיט אַ גלייכגילטיקן בליק. לאַנג איז זי אַזוי געשטאַנען ביי אונדזער בעט, ענדלעך האָט זי זיך געווענדעט צו דער שוועסטער געניע, וועלכע איז אַריינגעקומען אין שטוב.

— האָסט זיי אָנגעקאָרמעט?

— יאָ, — האָט געענטפערט די שוועסטער — און וואָס איז מיטן טאַטן?

די מאַמע האָט גאָרנישט געענטפערט. זי האָט זיך צוגעזעצט ביי דער קיך. איך האָב געזען, אַז זי מיידט אויס אונדזערע בליקן.

— מאַמע, רעד — האָט געפאָדערט די שוועסטער.

די מאַמע האָט זיך שווייגנדיק אויפגעהויבן, אָפּגעדעקט דאָס טיכל, מיט וועלכן זי איז געווען איינגעהילט און פון די הענט אַרויסגעלאָזן אויף דער ערד אַ קליין פּעקעלע, און אַליין איז זי שלוכצנדיק אַנידערגעפאַלן אויפן בעט. מיר האָבן אַלע געוויינט, האָבנדיק דאָס פאָרגעפיל, אַז ס'איז געשען דאָס ערגסטע. מיט אויגן פול מיט טרערן האָב איך געקוקט אויף דער שוועסטער. זי האָט גענומען פאַנאַנדערבינדן דעם שרעקלעכן קנויל, אָבער אויך זי האָט עס באַלד אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. אין די פאַרבלוטיקטע, צעפליקטע שטיקער האָב איך דערקענט דעם טאַטנס אָנצוג. דאָרט איז אויך געווען דאָס אייזערנע מאַכאָרקעקעסטעלע; ס'זענען אויף אים קענטיק געווען סמנים פון קלעפּ. ווייטער בין איך שוין נישט בכוח געווען גאָרנישט צו זען.

אויף צומאָרגנס אינדערפרי האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער טאַטע לעבט מ'האָט אים אין וואַרשע אַראָפּגענומען די רעכטע האַנט און דעם רעכטן פוס, אַז

דער לינקער פוס איז ביי אים צעבראָכן, אָבער נישט געקוקט דערויף פילט ער זיך נישט שלעכט. אַזוי האָט אונדז פאַרזיכערט די מאַמע. זי האָט דערציילט וועגן טאַטן, אַז ער וויל אונדז זייער זען. ער האָט ביי איר געבעטן, אַז זי זאָל כאָטש מאַלעקן ברענגען מיט זיך. ער האָט איר אָנגעזאָגט נישט צו קלערן זיך צוליבן אומגליק, וואָס האָט אים געטראָפן.

— „כ'וועל קריגן רענטע, האָט ער געזאָגט, און וועל לערנען די קינדער. כ'האָב דאָך איין האַנט אַ געזונטע, וועל איך האָבן מיט וואָס צו ווייזן“. דער טאַטע איז אַ פאַרביסענער. ס'וועט אונדז נאָך גוט זיין — האָט אונדז די מאַמע געטרייסט.

אויף דעם זעקסטן טאָג נאָך דעם אומגליקס־פאַל איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע, אַז דער טאַטע איז געשטאָרבן. עס איז ביי אונדז פאַרשווּנדן דער לעצטער פונק פון האָפענונג.

מיר האָבן געטראַכט, אַז מער קאָן שוין קיין בייז נישט געשען, עס איז אָבער געשען — און גראָד דעמלט, ווען מיר האָבן שוין אָנגעהויבן צו זען די קאָנטורן פון ווייטערדיקן לעבן. די טעלעגראַמע האָט אונדז אויפגעפאָדערט צו באַצאָלן פאַרן טאַטנס זיין אין שפּיטאָל און צו פאַרנעמען זיך מיט זיין לוויה. איך האָב געזען, ווי אַזוי עס וואַרפט דער מאַמען דער ווייטיק און די זאָרג, ווי אַזוי צו באַקומען געלט. אין שטוב זענען ווי געוויינלעך נישט געווען קיין שום זאַפּאַסן. דער אייגנטימער פון דער עלעקטראָווניע האָט מסכים געווען צו געבן אַ קליינע סומע אַלס אַן אַדערויף פאַר אַנטשעדיקונג, אָבער דער ארבעטס־אינספעקטאָר אין שעדלעץ האָט אונדז פאַרבאָטן דורכצוקומען מיטן באַלעבאָס. דאָס געריכט האָט לויט אים געדאַרפט באַשטימען „וועגן דער גרויס פון דער רענטע פאַר דער אַלמנה און פאַר די קינדער נאָכן טראַגיש־פאַרשטאָרבענעם“ — האָט ער אַמטלעך געמאָלדן.

דער פּראָצעס האָט געקאָנט פאָרקומען אין אייניקע וואָכן אַרום, אָדער אין אייניקע חדשים. דער באַשלוס פון אַרבעטס־אינספעקטאָר האָט ביי דער מאַמען צוגענומען די מעגלעכקייט צו פאָרן אויף דער לוויה פון טאַטן. הונדערט פופציק קילאָמעטער גיין צופוס איז פאַר דער מאַמען געווען אוממעגלעך צוליב די צעריסענע שיך און אויך צוליב דעם, ווייל אין שטוב איז נישט געווען קיין ביסל עסנוואַרג פאַר אונדז. אַזוי אַרום איז דער טאַטע באַגראָבן געוואָרן אויף אַן אומבאַוווסטן פאַר אונדז אָרט. קיינער פון דער משפחה און פון באַקאַנטע האָבן אים נישט אַרויסבאַגלייט.

אינעם לעבן פון דער מאַמען האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ צייט, ווען זי האָט געמוזט זוכן טויזנטערליי אופנים, ווי אַזוי אונדז צו דערהאַלטן ביים לעבן. אַזעלכע אופנים זענען מעגלעך געווען. ס'איז נאָר נישט מעגלעך געווען צו געפינען אַרבעט, אַ פּאַרנאָסע. כדי צו וויסן, אַז מאָרגן אָדער אין אַ וואָך אַרום

וועט זיין פאַרוואָס צו קויפן קאַרטאָפל, ברויט, זאַלץ, אָדער באַצאָלן דירה=געלט. דאָס איז געווען אַן אוממעגלעכע זאַך. און דער דאָזיקער לאַגע האָט בלויז די האָפענונג צו באַקומען רענטע צוגעגעבן דער מאַמען נייע כוחות, כדי צו קריגן פאַר אונדז שפּייז.

— אַבי נאָר דערציען ביז צום פּראָצעס — האָט זי כסדר איבערגעחזרט — מיר וועלן דאַן אָנהייבן צו לעבן ווי מענטשן. ס'וועט זיין ברויט, איר וועט נישט דאַרפן הונגערן — האָט זי אונדז געטרייסט.

אָפט פלעגט זי אונדז איבערלאָזן אַליין און פלעגט זיך אומקערן אין אַ פּאָר טעג אַרום מיט מעל, ברויט, קאַרטאָפל. פאַר איר אַוועקגיין פלעגן מיר זי געוויינלעך בעטן, זי זאָל פאַר אונדז לייען אַ קאַלענדאַר צום לייענען. אין דאָרף זענען געווען עטלעכע אַזעלכע פּויערים, וואָס האָבן יעדעס יאָר געקויפט אַ קאַלענדאַר. די דאָזיקע פּויערים זענען געווען באַרימט אַלס באַלעזענע, פאָרגעשריטענע. די דאָזיקע עטלעכע קאַלענדאַרן האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די ביבליאָטעק פון דאָרף, וועלכע קינדער און דערוואַקסענע פלעגן ממש אויסכאַפּן. דאָס לייענען האָט לייכטער געמאַכט איבערצוטראָגן דעם הונגער.

נאָכן טאַטנס טויט האָב איך שוין נישט געקאָנט מער זאָגן, אַז כ'וועל עסן מיטאָג, אָוונטברויט אָדער פרישטיק. אַלץ איז איצט אָפּהענגיק געווען דערפון, צי דער מאַמען וועט זיך איינגעבן געפינען אַן אופן, ווי אַזוי צו קריגן פאַר אונדז מיטלען צום לעבן. מיט כיטרעקייט אָדער מיט כוח דורך דערוועקן רחמנות ביי עמעצן און נאָך זעלטענער — דורך פאַרדינען. זי פלעגט, למשל, גיין צו רייכע באַלעבאַטים, ביי וועלכע זי האָט קינדווייז געפּאַשעט קי. זי האָט זיי געלאָזט אין זיך דערמאָנען, זי האָט דערציילט וועגן זיך, דערמאָנט די יונגע יאָרן פון די איצט אַלטע באַלעבאַטים. דאָס זעלבע האָט זי געטאָן ביי די מילנער, ביי וועלכע דער טאַטע האָט געאַרבעט. „ס'גייט מיר נישט וועגן קיין נדבה, — האָט זי געזאָגט. — אַט איז אַ פּאַפּיר פון אַרבעטס=אינספּעקטאָר. כ'וועל האָבן רענטע“. זי האָט פאַר די מענטשן און פאַר זיך געלייענט די קאָפּיע פונעם דאָקומענט, ווו עס האָט זיך גערעדט וועגן אונדז אַלעמען, וועגן די קינדער און דער מאַמען. פאַר יעדן פון אונדז איז געווען באַשטימט אַ סומע, וועלכע מ'האָט אונדז געדאַרפט אויסצאָלן ביזן 16=יאָריקן עלטער. די גענויקייט אין דעם דאָזיקן דאָקומענט האָט געוועקט צוטרוי: וועגן אַלץ האָט זיך אין אים גערעדט זייער פּינקטלעך. ס'איז אַפילו געווען אָנגעוויזן די סומע פאַרן קינד, וואָס האָט געדאַרפט געבוירן ווערן. פאַר אים טאַקע איז געווען באַשטימט די העכסטע סומע. „ס'וועט כסייען פאַר מיר און אייך אויך אומצוקערן אייך דאָס, וואָס איר וועט מיר הייַנט לייען“ — האָט געזאָגט די מאַמע.

אָבער דער טערמין פונעם פּראָצעס איז כסדר געענדערט און אָפּגעלייגט געוואָרן. אַזוי איז אָנגעקומען דער זומער. דער ענין האָט אָנגעהויבן צו ווערן קאָמפּליצירט. עמעץ האָט געעצהט: נעמען אַן אַדוואָקאַט. די מאַמע האָט פאַר=

קויפט דאָס לעצטע פון פאַרמעגן — די פערנע און צוויי קישנס. ווינטער־צייט האָבן זיי אונדז פאַרבאָטן די וואַרעמקייט פון אַ געהייצטן אויוון און טיילווייז אויך עסן, אָן זיי וואָלט אונדז דעמלט אוממעגלעך געווען צו לעבן. דער אַדוואָקאַט האָט זיך נאָך געפילט באַוווּלהט.

— ס'איז ווייניק — האָט ער געזאָגט — אָבער פאַר איך, אַן אלמנה, וועל איך עס טאָן.

צום פּראָצעס איז אָבער אויך דאָס מאָל נישט דערגאַנגען. דער אייגנטימער פון דער עלעקטראָווניע האָט ספּעציעל אָפּגעשלעפּט, אַזוי ווי אַלע דעמלט, וואָס האָבן געהאַט חובות צום באַצאָלן: ס'איז אַוועק אַ יאָר אָדער עטלעכע חדשים און די גרעסטע סומע איז געוואָרן קליין — אַזוי שנעל איז געפאַלן דער ווערט פון געלט. צום פּראָצעס איז אייגנטלעך קיינמאָל נישט דערגאַנגען. שטענדיק האָבן דעם גערוכט עפּעס געפעלט און שטענדיק איז אין דעם שולדיק געווען די מאַמע. יוריסטן האָבן געטענהט, אַז דאָס איז אַן ענין — אַ געוווּנענער. קיינער פון זיי האָט אָבער דעם ענין נישט געוואָלט נעמען אַפילו פאַרן גרעסטן פּראָצענט פון דער סומע, וואָס האָט געדאַרפט צוגעמשפּט ווערן.

אין דער דאָזיקער צייט בין איך געווען אַ פּאַסטעך אין שכנותדיקן דאָרף ווינגאַנקע ביים זייער אָרעמען פויער בראַדאַווקאַ. געהאַט האָט ער איין קו. הונגע־ריק בין איך געווייגלעך געווען אַזוי ווי דער באַלעבאָס אַליין, וועלכער האָט אין משך פון גאַנצן זומער געגעסן סך־הכל צוויי מאָל קרויט מיט חזיר־פעטס. די סמעטענע און פּוטער האָט נישט געסטייעט אויף באַצאָלן די שטייערן. נישט קיין אָפּגעצויגענע מילך פלעגט באַקומען בלויז זיין צוויי־יאָריק קינד.

נאָך איידער כ'בין צוריקגעקומען אַהיים האָט די מאַמע אָפּגענומען מייך גאַנצן פאַרדינסט — אַ קערן קאַרטאָפל און אַ פערטל קאָרן — כדי אויסצוהאַלטן די משפחה. א צוויי צענדליק בינטלעך האָלץ, וואָס איז אין דער שטיל געבראַכט געוואָרן פון וואַלד, איז געווען אונדזער גאַנצער זאַפּאַס אויפן ווינטער. דער מאַמען האָב איך עטלעכע חדשים נישט געזען. עס האָט מיך געוווּנדערט, וואָס זי, די שטענדיק באַוועגלעכע, איז געוואָרן א שטאַרק פאַמעלעכע און דיקע. איר פּנים איז געווען בלאַס און באַדעקט מיט טונקעלע פלעקן. די מאַמע פלעגט איצט זעלטן פאַרפירן מיט אונדז א שמועס, זי פלעגט אונדז שוין נישט דער־ציילן וועגן די פאַרגאַנגענע, גוטע צייטן. אַמאָל פלעגן מיר ליב האָבן צו הערן וועגן יענע צייטן, ווען ביי אונדז איז געווען איבערגענוג מעל און ברויט, און אז אויף ווייַנאַכטן האָט מען צוויי מאָל געבאַקן פלעצלעך, וועלכע האָבן אויף לאַנג נאָך יום־טוב געסטייעט. איך האָב אָנגעהויבן זי אָנצייען אויף א שמועס. זי האָט מיך אָבער נישט געהערט, זי איז געווען דענערווירט און פלעגט שפּעט אין דער נאַכט אריין זיצן ביים אָפּגעקילטן אויוון.

ענדלעך האָב איך פאַרשטאַנען די סיבה פון דעם דאָזיקן צושטאַנד. איך האָב אונטערגעהערט, ווי זי האָט געשמועסט מיט א שכנטע וועגן קינד, וואָס דאַרף אינגיכן געבוירן ווערן.

— ביי אזא לאַנגע וועט אויסקומען אויף זיכער אומצוקומען מיט אים אײנײנעם — האָט זי געזאָגט. — אויב איך וועל דעם ווינטער איבערלעבן, וועט עס זײן א נס. כ׳וועל דאַן אָנהייבן צו דאַווענען.

פון דעם מאָמענט אָן בין איך אויך געוואָרן א שטילער און שווייגנדיקער. כ׳האָב מורא געקריגן פאַרן לעבן פון דער מאַמען. צוזאַמען מיט איר האָב איך אין די לאַנגע אָוונטן געטראַכט וועגן דאָס אוממעגלעכע, וועגן דעם ווי אַזוי צו באַקומען ברויט, האָלץ, ווי אַזוי צו שאַפן א דערטרעגלעך לעבן פאַר איר און פאַרן קלײנעם קינד.

אַלץ וואָס איז אײנגעקויפט געוואָרן פאַר דער קראַנקער מאַמען און פאַרן נײ־געבוירענעם קינד איז באַשטאַנען פון אײן פונט פערל־קאַשע, א האַלבן פונט פלײש און אַביסל רומיאַנעק. אין דער מאַמעס שיך בין איך געלאָפן נאָך דעם אַלעמען אין שטאָט אַרײן, האַלטנדיק פעסט אין די הענט די מאַרקן, וואָס די מאַמע האָט מיר געגעבן. די דאָזיקע מאַרקן האָט די מאַמע צוגעגרײט שוין פון לאַנג, טאַקע ספּעציעל צו דער קימפּעט, און אײדער זי האָט זײ מיר געגעבן האָב איך אויסגעהערט איר אָנזאָג וועגן דער באַדײטונג פון די דאָזיקע פּאַפּירלעך.

אויב דו וועסט זײ פאַרלירן, וועל איך ניט געזונט ווערן — האָט זי מיך געוואָרנט — וועסט בלײבן אַלײן מיט די קינדער.

אויפן דריטן טאָג, ווען ס׳איז שוין ניט געווען קײן גרויפּן און קײן פלײש, האָט די מאַמע מיך געהייסן אכטונג געבן אויף די קינדער און אַלײן איז זי אַוועק אין שטאָט. צוריקגעקומען איז זי פון דאָרט אין אָוונט. זי האָט אויפגע־זוכט מאַניעקן און טאָלעקן — זי האָט געבראַכט ברויט און סאַכאַרין. א גליק איז איר געשען אין דעם דאָזיקן טאָג. זי האָט געדונגען די שטיבער ביי סוחרים און פאַרדינט אויף א פאָר פונט ברויט.

דער ווינטער פון יאָר 1922 האָט זיך אונטערגעשיידט פון די פריערדיקע מיטן פעלן פון דער פערנע, מיטן געשריי פון נאָך א הונגעריק קינד און מיט די רעדערייען וועגן מילך, וואָס איז נייטיק פאַרן קינד, און איז ניט געווען. אויסער דעם האָבן מיר דעם דאָזיקן ווינטער פאַרבראַכט אַזוי ווי די פריערדיקע — אין קעלט און אין הונגער. אינעם לעבן פון דער מאַמען האָט דער דאָזיקער ווינטער נאָך א ווייטיקן פאַקט געבראַכט: ער האָט צעקלאַפּט דער מאַמעס האָפענונג אויף באַקומען רעגמע נאָכן טאַטן.

קײן שום זאַך האָט שוין איצט ניט געבונדן דער מאַמען מיט זשעטשיצע; זי האָט באַשלאָסן זיך אַריבערצוציען וואָס ווײטער פון דער שטאָט. זי האָט געטראַכט, אַז אין א דאָרף, ווו ס׳איז נישטאָ אַזויפיל אַרבעטער, וועט זײן לײכטער צו לעבן. זי האָט גערעכנט, אַז ביי די רייכע באַלעבאַטים וועט זי קריגן אַרבעט. האָבן מיר טאַקע אין פרילינג פון 1923 יאָר זיך אַריבערגעטראָגן אינעם דאָרף לוזקי, זיבעצן קילאָמעטער ווייט פון מעזריטש.

אין דעם דאָזיקן יאָר האָב איך געפּאַשעט בהמות ביי א רייכן פּויער אינעם דאָרף קאַנקאָלאָוויצע. ווען כ'בין האַרבסט־צייט צוריקגעקומען אהיים האָב איך זיך דערוווּסט, אַז פון דער מאַמעס פלענער — פאַרזייען אַן אייגענעם חלק קאַרטאָפל אַלס געצאָלט פאַר דער אַרבעט ביי די באַלעבאַטים — איז גאָרנישט נישט געוואָרן. דער ווינטער האָט אונדז ווייטער געטראָפן אָן שום שפּייז־זאַפּאַסן. זומער האָט די מאַמע געאַרבעט ביים קאָסיען היי און ביים אַראָפּנעמען די גערעטעניש. פונעם פאַרדינסט האָט זי אויסגעהאַלטן די קינדער, אָבער צום איינשאַפן זיך א פּאָר צענטנער קאַרטאָפל אויפן ווינטער — האָט זי בשום אופן נישט געקאָנט דערגרייכן. מיט האָלץ איז אויך געווען צרות — דער וואַלד איז דאָ געלעגן פינף קילאָמעטער פון דאָרף און איז געהיט געוואָרן דורכן פּריצס שומרים. די איינציקע דערלייכטערונג אויפן נייעם אָרט איז געווען, וואָס פאַר דער דירה האָט די מאַמע געצאָלט מיט אָפּאַרבעטן צוויי טעג אין חודש, און דער צייט ווען אויפן אַלטן אָרט האָט זי געדאַרפט צאָלן מיט באַר געלט.

אין דער כאַטע, וואָס מיר האָבן געדונגען, האָבן די פריערדיקע וווינער דורכגעלויכטן. מ'האָט זיי געדאַרפט פאַרשטאָפּן, כדי זיך צו באַשיצן פון קעלט. איך האָב געהאָלפן דער מאַמען טראָגן בלעטער פון וואַלד. די וואַלד־שומרים האָבן אונדז דערפאַר געטריבן. מיר האָבן עס געפּרוווט טאָן ביינאַכט, אָבער דאָס איז נאָך געפערלעכער געווען, ווייל די שומרים האָבן אונדז אָנגענומען אַלס גנבים פון געהילץ און אָפט געשאָסן אָן א שום וואָרענונג.

טאַקע אין דעם דאָזיקן האַרבסט פון 1923 יאָר האָבן איך צום ערשטן מאָל דערפילט דעם ווערט פון מיין פראַצע. די לעכער אין דער כאַטע זענען א דאַנק מיר פאַרשטאָפּט געוואָרן. אָפט האָב איך אַליין געבראַכט שפּייז. איך האָב עס „אַנטדעקט" אויף די גערטנער, אויף וועלכע דאָס גרינס איז שוין געווען אַראָפּגענומען. כ'האָב דאָרט געפונען א שפּאָר ביסל ציבעלעס, בוראַקעס, מערן און קאַרטאָפל.

די דאָזיקע „אַנטדעקונג" האָב איך געמאַכט בעת די מאַמע איז א לענגערע צייט נישט געווען אינדערהיים. ווען זי איז אַוועק, האָט זי געזאָגט, אַז זי וועט קומען אויף צומאָרגנס אין אָוונט. זי האָט איבערגעלאָזט א קוואַטירל מילך פאַר דער שוועסטער, א טאָפּ קאַרטאָפל פאַר אונדז און אביסל האָלץ. דעם דאָזיקן זאַפּאַס האָבן מיר פאַרנוצט באַלד דעם ערשטן טאָג. נאָך א גאַנצער נאַכט נישט שלאָפן, באַרואיקנדיק כסדר די וויינענדיקע שוועסטער, בין איך אינדערפרי אַוועק אין וואַלד.

עס איז געווען דער ערשטער פּראָסטיקער טאָג. דער צפון־ווינט איז מיר דורכגעקראָכן דורך דער דינער מאַרינאַרקע. מיטן ביסל האָלץ בין איך געגאַנגען נישט מיטן וועג, נאָר דורך די פעלדער. איך האָב געזען, ווי פון דער ערד האָט אַרויסגעשטאַרצט פאַרפרוירענע קאַרטאָפל. אָנקלויבן זיי האָב איך נישט געקאָנט, ווייל דאָס בינטל האָלץ איז געווען א צו שווערס. צום שווערסטן איז מיר געווען עס אויפצוהייבן. כ'האָב מיך געמוטשעט אויסציען אויף דער ערד, אַרויפקייקלען

אויף זיך דאָס בינטל האָלץ און מיט גרויס מאַטערגיש זיך אויפשטעלן. גישט געקוקט אויף דער קעלט איז דאָס העמד אויפן לייב געווען נאַס פון שוויים און, ווען כ'פלעג זיך אָפּשטעלן אָפּרוען מיטן בינטל האָלץ אויף די פּלייצעס, פלעגט עס אויף מיר פאַרפרוירן ווערן. כ'האָב זיך געאײַלט, געוואָלט באַווייזן נאָך איידער עס וועט צופאַלן די נאַכט אָנקלויבן אביסל קאַרטאָפל און מאַכן עפּעס צום עסן, איידער די מאַמע וועט קומען. כ'האָב אויך געוואָלט זי זאָל מיך לויבן דערפאַר.

ביים אריינגיין אין הויף האָב איך באַגעגנט אַן אומבאַקאַנטן מאַנספּאַרשוין אין א ברוינער קאַפּאָטע און אין לאַפּטשעס.

— אזא קליינער און טראָגט אַזעלכע גרויסע בינטלעך האָלץ — האָט ער מיך פאַרטשעפּעט. — ביסט וואָראָניקעס זון? — האָט ער נאָכדעם געפרעגט.

— יאָ — האָב איך געענטפערט א צופרידענער, וואָס מיין פראַצע ווערט גוט אָפּגעשאַצט.

— ווו ביסטו עס זומער צייט געווען? מ'האָט דיך נישט אָנגעזען — האָט ער אָנגעהויבן מיט מיר א שמועס.

איך האָב דאָס בינטל אראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד און אים געענטפערט, אַז כ'האָב געפאַשעט בהמות און איצט בין איך צוריקגעקומען, כדי צו העלפן דער מאַמען ארומזען די כאַטע אויף ווינטער און אָנטראָגן אביסל האָלץ.

— אַהאַ ,אַהאַ — האָט ער איבערגעחזרט — זאָג מיר נאָר, גרויסע זאַפּאַסן אויפן ווינטער האָסטו געבראַכט?

— אַ פערטל קאָרן און אַ קערץ קאַרטאָפל, חוץ דעם אַ פּאָר מייטקעס און אַ העמד. זיי האָבן זיך אָבער שוין צעריסן — האָב איך געענטפערט.

— אזויפיל וואָלט איך אויך געגעבן, ווען דו וואָלסט גוט געפאַשעט. אפשר וועסטו זיך ביי מיר אָנדינגען אויפן פרילינג? — האָט ער געפרעגט.

— כ'קאָן באלד גיין צו אייך, כ'וועל נאָר ענדיקן פאַרשטעקן די שפּאַרעס אין די ווענט — האָב איך געענטפערט.

— וויפל יאָר ביסטו אלט?

— צוועלף — האָב איך געענטפערט.

— ע, וועסט זיך מיט די בהמות קיין עצה נישט געבן. מיט תבואה איז היינטיקס יאָר נישט גאָר גוט — האָט ער פאַמעלעך געזאָגט — איך בין א דאַנק גאָט אַליין אויך נישט קיין שוואַכער. א צווייטן וואָכן פאַרן ארויסטרייבן די בהמות אין פעלד וועל איך דיך נעמען. קום אריין אמאָל צו אונדז, כ'וווין אָט, דאָרט... — און מיטן שטעקן האָט ער אָנגעוויזן אויף דער דריטער שטוב נאָך אונדזערער.

שוין פון פאַרהויז איז צו מיר דערגאַנגען דער איינטאָניקער הייזעריקער געשריי פון פונעם שוועסטערל און דער וויינענדיקער קול פונעם ברודער.

— וו=יי=ן נישט, זאָשע, וויין ני=שט. די מאַמע וועט קומען... אוי, אוי, דער פּוס, דער פּוס — האָט ער פאַר זיך אליין זיך געקלאָגט. — קא=אלט און

דו זיצט אַזוי לאַנג אין וואַלד — האָט ער אויסגעבליבט זיין טענה צו מיר, ווען כ'האָב דאָס בינטל האָלץ אריינגעצויגן אין שטוב.

ער איז געזעסן אויפן הויכן, קאַלטן פּיעקעליק, האַלטנדיק מיט ביידע הענט די קני פונעם פוס, וואָס איז געווען אויסגעטריקנט פון א. לאַנגער קראַנקהייט. מיטן לינקן פוס האָט ער געשאָקלט דאָס וויגל פון וועלכער עס האָט פון הויפן שמאַטעס געפּרוווט אַרויסקריכן אונדזער שוועסטערל.

— וואָס ווייניסטו? — האָב איך אים געשטראָפט, כאָטש מיך אין דער נאָז האָט עס ווי מיט עסיק מיר א ברי געטאָן און טרערן זענען מיר אָנגעלאָפן אין די אויגן. ווייגען האָט אָבער נישט געפּאסט. כ'בין עלטער געווען פאר זיי און פון מיר איז אָפּהענגיק געווען צו פארטרייבן די קעלט און דעם הונגער.

— כ'וויין פון כעס. מיינסט, אז מיר ווילט זיך עסן? כ'וויין, ווייל זי וויל עסן — האָט ער גערעדט דורך טרערן, ווייזנדיק אויפן קינד.

— אפשר וועלן מיר איר געבן קאַרטאָפל? — האָב איך פאָרגעלייגט.

מיטן ברודערס מיינונג האָב איך זיך געוויינלעך גערעכנט וואָס שייך דעם, ווי אזוי מ'דארף זיך באַגיין מיט קינדער. ער איז געווען אַן עקשן און האָט שטרענג אָפּגעהיט דער מאַמעס אָנזאָג. אויף מיין פאָרשלאַג האָט ער געענטפערט מיט א פרעגנדיקן בליק. די טרייסלענדיקע ליפּן האָט ער צוגעשטשעמעט מיט דער אויבערשטער ריי ציין. זיין פּנים איז גרוי געווען פון שמוץ און בלויז די טרערן האָבן דורכגעוואַשן העלע פּאַסן לענגויס די באַקן. כ'האָב מורא געהאַט, אז ער וועט מיך אָנהייבן צו מוסרן און זידלען, וואָס ער פלעגט געוויינלעך טאָן, ווען ער איז געווען אויפגערעגט.

— קאַרטאָפל — האָט ער איבערגעחזרט — וואָס, דו ווייסט נישט, אז זי איז א קליינע? פון קאַרטאָפל באַקומט מען די ענגלישע קרענק. זי וועט האָבן קרומע פיס און קיינער וועט נישט וועלן מיט איר חתונה האָבן — אין זיין שטים האָב איך דערפילט א וואָרענונג, אז כ'זאָל נישט זיין לייכטזיניק.

— אויב אזוי לאָמיר איר געבן קניידלעך פון קאַרטאָפל — האָב איך ווידער פאָרגעלייגט.

— קניידלעך זענען נישט קיין קאַרטאָפל, דאָס קאָן מען געבן — האָט ער נישט טראַכטנדיק געפּסקנט. ער איז פלינק אראָפּ פון פּיעקעליק און אָנגעהויבן מיט א שטעקן צו שארן פון אונטערן בעט, ווו ס'פלעגט געוויינלעך ליגן קאַרטאָפל. דאָס מאָל איז אָבער גאָרנישט נישט געווען. — אָט דאָס הינטל האָט נעכטן אויפגעגעסן דעם לעצטן קארטאָפל — האָט ער אויסגעשריגן זיך לאָזנדיק מיט אַן אויסגעצויגענער האַנט צום שלאָפנדיקן טאָלעק.

— שלאָג אים נישט! — האָב איך אויסגעשריגן.

— כ'האָב אליין געזען, ווי ער האָט געבאַקן אין אש — האָט ער געפּרווט פאַרענטפערן זיין כעס.

— ער איז דאָך קליין, ווייסט ער נישט, וויפל ער דארף אויפעסן — האָב איך פאַרטיידיקט טאָלעקן.

— קליין איז ער, אויך מיר א קלייגער, פיר יאָר איז ער אַלט און ער איז נאָך אַליין א קלייגער. איצט האָט זאָכע נישט וואָס צו עסן.

— קיין קניידלעך וועסטו דאָך פון פינף קאַרטאָפל נישט מאַכן — האָב איך אים געפּרוּווט איבערצייגן.

מיר האָט זיך איינגעגעבן איינצורעדן דעם ברודער ער זאָל זיך נעמען אָנהייצן דעם אויוון. אביסל פייער האָב איך געליען ביי א שכן. אליין האָב איך זיך געלאָזט אין פּריצישן פעלד, כדי עפּעס וואָס דאָרט צו געפינען. דער נאָענטסטער וועג צום קאַרטאָפל-פעלד האָט געפירט פארביי דעם שייער פון מיין קומענדיקן ברויט-געבער קלים פּאַנאַסיוק. ווען כ'בין אריין אין הויף האָט מיך אָנגענומען א חשק ארייצוקוקן אין זיין שטוב. איך האָב בלויז מורא געהאַט, אז זיי קאָנען דאָס אָננעמען אַלס א באַזוך, כדי ביי זיי עפּעס אויסצו-בעטלען. „אפשר וועלן זיי געבן א האלבן ליטער מילך" — האָב איך גלייב-צייטיק געטראַכט. איך האָב נישט געקאָנט זאָגן, וואָס האָב איך מער געגאַרט אין דער דאָזיקער מינוט: באַקומען דאָס ביסל מילך אָדער אויסמיידן אונטער-טעניקייט, דערנידעריקונג ביים נעמען די מילך.

שווער איז מיר אָנגעקומען דער באשלוס אריבערצושפּרייזן די פרעמדע שוועל. ווען כ'האָב די טיר געעפנט האָט דאָס הארץ אין מיר אומרואיק געקלאַפּט. דער גערויש פונעם בלוט אין די אויערן האָט פארטויבט דעם אָנזאָג פון דער מאַמען: „געדענק — פלעגט זי מיך געווייגליצד דערמאָנען — אין לוזקי זענען די מענטשן פרום, זאָג זיי שטענדיק „זאָל זיין געלויבט...". אזוי ווי א לונאַטיק בין איך אריין אין שטוב. די הייליקע בילדער האָרט ביים סופיט האָבן זיך אין מיינע אויגן צונויפגעגאָסן אין איין פילקאָליריקער ריי. די ווארעמע פארע פון די טעפּ, אין וועלכע עס האָט זיך געקאָכט קאַרטאָפל פאר די בהמות, דער שאַרפער ריח פון קרויט, דער אויסזען פונעם טיש, אויף וועלכן עס איז געלעגן צוגעדעקט מיט אַ טיישטעך אַ גרויסער לאַבן ברויט, די הילצערנע פּאַרלאָגע און די שפּינדלען מיט גרויסע בינטלעך שפּינעכץ זענען פאר מיר אין דער רגע געווען די פארקערפּערונג פון אומגעהויערער פארמעגלעכקייט.

— זאָל זיין געלויבט... — האָב איך אויסגערופן נישט זעענדיק. קיינעם.

— דו ביסט וועראָניקעס? — האָב איך אלס ענטפער דערהערט.

נישט באַלד האָב איך באַמערקט די פרוי, וועלכע האָט מיך געפרעגט. ערשט ביים צווייטן מאָל פרעגן האָב איך דערזען דאָס געל, צעקניטשט געזיכט, וואָס האָט זיך ארויסגעבויגן פון הינטער דעם שפּינדל. איר שטים האָט געקלונגען ווייך און באַרואיקנדיק.

— קלים האָט מיר געזאָגט — האָט ווייטער גערעדט די אויסגעדארטע אַלטיטשקע — אז דו האָסט מסכים געווען צו פאַשען ביי אונדז.

— יאָ, כ'וואָלט עס געוואָלט — האָב איך געענטפערט.

— עס וועט דיר גוט זיין ביי אונדז — האָט זי געזאָגט. — דיין מאַמע איז געזונט?

— יאָ, געזוגט.

— און די ברידער, די שוועסטער אויך? זאָג איר מאַמען, אַז זי זאָל אַרײַנקומען צו אונדז.

— די מאַמע איז נישטאָ — האָב איך איר געענטפערט און דערציילט וועגן איר פּאַשפּאָרט זיך.

די באַלעבאָסטע האָט זיך באַנגעפרעגט, ווער ס'קאָכט פאַר אונדז און פאַרנעמט זיך מיט די קינדער, נאָכדעם האָט זי געבראַכט אַ האַלבליטערדיק פלעשל מילך און אַ פּענעץ ברויט. כ'האָב מיך באַפרייט פון דער פאַרלעגנהייט. דער געדאַנק האָט געגומען זוכן אַן אויסוועג, ווי אַזוי דאָס אַלץ ברענגען אַהיים. איך האָב אָבער קיין ישום זאַך נישט געקאָנט צוטראַכטן, כדי אויסצומיידן די בקשה כ'זאָל עס קאָנען מיטנעמען מיט זיך. כ'האָב באַשלאָסן דאָס ברויט אויפצועסן. כ'האָב עס געגעסן און געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז כ'פאַרטרינק מיט מילך. כ'האָב נישט געוואָלט דאָ טרינקען די מילך אין דער צייט, ווען זאַשע איז בלוי געווען פון הונגער און געוויין. איך האָב אָבער אַלץ אָפּגעשלעפּט מיט דער בקשה וועגן דערלויבן מיטנעמען די מילך אַהיים, איך האָב אָפּגעשלעפּט נישט קאָנענדיק ביי זיך באַשליסן צו זאָגן, אַז אַנדערש טאָן קאָן איך נישט. איך האָב מיך באַמיט דאָס ברויט צו עסן וואָס לענגער. איך האָב אָבער אַלץ געהאַט דעם איינדרוק, אַז יעדער ביסן צעשווימט זיך אַליין ביי מיר אין מויל, ווערט פאַרפאַלן און די באַלעבאָסטע קוקט אויף מיר און זעט מיין גיריקייט. צום סוף, צונויפנעמענדיק דעם גאַנצן ווילן, האָב איך מיט איין אָטעם אַרויסגעזאָגט:

— די מילך וועל איך מיטנעמען פאַרן שוועסטערל. זי איז הונגעריק.

די גאַנצע לאַסט איז פון מיר איצט אַראָפּגעפאַלן, איך האָב מיך דערפילט דרייסט.

— כ'וועל דיר געבן פאַרן קינד. טרינק. דו ביסט אויך אַ קינד — האָט די באַלעבאָסטע געזאָגט מיט דעם זעלבן ליבן קול.

איך האָב נישט געוואַרט.

— אַ דאַנק — האָב איך אויסגערופן און בין אַרויסגעלאָפן פון שטוב אַ גליקלעכער, וואָס איך האָב מילך פאַר די קינדער.

אין פאַרערהויז ביי אונדז זענען געשטאַנען מילשטייגער. אונדזער באַלעבאָסטע פלעגט מיט זיי מאָלן קאָרן אויף ברויט און פאַשע פאַר די חזירים. טראָגנדיק די מילך איז מיר געקומען אויפן געדאַנק, אַז אַ קליין קינד דאַרף דאָך נישט קיין סך מעל. בעת דער ברודער האָט אויפגעקאָכט די מילך אויף אַ העלפּט געמישט מיט וואַסער, האָב איך אַרונטערגעשטעקט די האַנט אונטערן שטיין, כ'האָב אויסגעקערט אַלץ, וואָס איז דאָרט געווען און אַזוי אַרום צונויפגעשאַרט אַביסל מעל. דאָס מעל איז געווען זייער גוט. עס האָט געשמעקט מיט אַרבעס און ווייץ. כ'האָב פאַרשאַפט דערמיט די אויפגעקאָכטע מילך מיט וואַסער און אין אַ רגע אַרום איז עס שוין געווען גרייט צום עסן.

מיין ברודערל מאָלעק איז אַרויסגעקראָכן פון אונטער דער „פּערינע“, וואָס איז געווען געמאַכט פון ווייסע האָבערנע פּלעווע, און האָט געדולדיק געוואַרט אויף זיין ריי. די שוועסטער האָט געגעסן שטאַרק גיריק און האָט זייער ערנסט געקוקט אויפן ברודער, וועלכער האָט איר געקאָרמעט. ווען זי האָט דערזען, אַז דער ברודער פּרוווט ענדיקן קאָרמענען האָט זי אָנגעהויבן וויינען. דאָס טעפּל איז איינגיכן געבליבן פּוסט. מאָלעק האָט זיך באַפרידיקט מיט אָפּלעקן דאָס געשמאַקע געקעכץ פון דער שוועסטערלס מויל און מיטן פּאַרטרינקען אביסל מילך. פאַר אָפּלעקן דעם שוועסטערלס מויל האָט זיך געוויינלעך געפירט אַ קאַמף צווישן מאַניעקן מיט מאָלעקן. ווען די ריי צו קאָרמענען דאָס שוועסטערל פלעגט קומען צו מאַניעקן, פלעגט ער ספּעציעל צעשמירן דאָס עסן אויפן קינדס פּנים, „כדי עס זאָל זיין וואָס צו לעקן“ — ווי ער פלעגט עס זאָגן.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן בין איך צוריקגעקומען פון פעלד; איך האָב געבראַכט עטלעכע קילאָגראַם האַלב־געפרוירענע קאַרטאָפל און נישט קיין גרויסע באַניע. אין אַ רגע איז פאַרטיק געוואָרן אַ געשמאַקער אָוונט־ברויט. עס איז פרייליכער געוואָרן אויפן האַרצן. אין שטוב איז געווען וואַרעם און די אָנקומענדיקע נאַכט האָט אונדז שוין נישט אָנגעפילט מיט קיין שרעק.

די מאַמע איז געקומען אויף צומאָרגנס. זי האָט אונדז דערציילט, אַז זי האָט אין געריכט אין ביאַלע־פּאָדליאַסקע געפרוווט נאָך אַמאָל אָנהייבן דעם פּראָצעס וועגן רענטע. געגאַנגען איז זי אַהין צופוס. זי האָט זיך אָבער איבערצייגט, אַז אָן אַן אַדוואָקאַט קאָן מען זיך נישט דערוויסן, פאַרוואָס דער גאַנצער ענין איז פאַרהאַלטן געוואָרן.

— כ׳וועל מער אַהין נישט גיין, סיי ווי וועט דערפון גאָרנישט אַרויס — האָט זי געזאָגט.

יעדן טאָג זענען מיר איצט געגאַנגען שלעפּן קאַרטאָפל פון די גריבער און האָלץ פון'ם וואַלד. אויף די געהעכטנער האָבן מיר נאָך צונויפגענומען ביי אַ צוויי צענדליק קילאָגראַם ציבעלעס, מערן און בוראַקעס. צוזאַמען מיט קאַרטאָפליעס האָבן מיר איצט געהאַט עסנוואַרג אויף אַ פּאָר וואָכן. אמת, קיין פעטס און מעל האָבן מיר נישט געהאַט, אָבער אויך אָן דעם האָט מען געקאָנט זיך באַגיין, באַזונדערס ווען די באַלעבאָסטע האָט גענומען אויפזיכט אויף זאַכען און אלע טאָג געגעבן אומזיסט אַ קוואַרטירל מילך.

קיין נאַפט, צוקער — ווי אַנדערע שטאָטישע אויסאַרבעטונגען, חוץ זאַלץ אין אַ זייער באַגרענעצטער מאָס — האָבן מיר בכלל נישט באַנוצט. ווי נאָר דער אָוונט פלעגט צופאַלן פלעגן זיך ענדיקן אַלע אַרבעטן. אין אויסנאָם־פאַלן פלעגט די מאַמע אָנצינדן דאָס קאָפּטשערל. נישט מיר אַליין פלעגן אַזוי שפּאָרן מיט ליכט. די באַלעבאָסטע ביי וועלכער מיר האָבן געוווינט, האָט געהאַט 8 מאָרג ערד, צוויי קי, אַ פערד — אויך זי האָט זיך באַמיט וואָס ווייניקער צו ברענען די לאָמפּ. „אַ שאָד דער נאַפט“ — פלעגט זי זאָגן. אפילו צוליב די צונויפקומען פון די יונגע שפּינערקעס פלעגן פאָרקומען קרינעדייען מיט די עלטערן, וועלכע

האָבן אויסגעטרעדט זייערע טעכטער, אַז זיי זענען לייכטזיניקע און צעטרעגצלטע האָס געלט, וואָס עס קאָסט אַ האַלבער ליטער נאַפט אויף אַזאַ מין צונויפקום.

מיין זיין אין לוזקע געדענקט זיך מיר אויך דערפאַר, ווייל אין דעם יאָר האָב איך צום ערשטן מאָל גענומען גיין אין שול. לייענען און שרייבן האָט אונדז אין דער היים געלערנט די מאַמע. דערפאַר האָט מען מיך גלייך אָנגענומען אין צווייטן קלאַס. קיין ביכער און העפטן האָב איך נישט געהאַט. א טאַפל האָט מיר געשאָנקען דער לערער און ביכער האָב איך אויסגעליען ביי די קינדער פון די רייכערע באַלעבאַטים. זיי האָבן עס געטאָן נישט גערן און כ'בין שטענדיק אָפּהענגיק געווען פון זייער קאַפּריז. כ'האָב אויך נישט געהאַט קיין שיך און קיין וואַרעמע מלבושים. אין די פרעסט בין איך געלאָפן האַלטנדיק די הענט אין די קעשענעס פון רעקל און דאָס היטל האָב איך אַראָפּגערוקט איבער די אויערן. אָפט פלעגן ביי מיר צעריסן ווערן די מעשטן, וואָס זענען געווען געמאַכט פון שמאַטעס און אהיים פלעג איך צוריקקומען מיט אָפּגעפרוירענע פיס. איך האָב אָבער שטאַרק געוואָלט לערנען זיך ווינטער-צייט, ווייל פרילינג און זומער האָבן מיינע באַלעבאַטים נישט מסכים געווען, אַז איך זאָל גיין אין שול. דערפון וואָלטן געליטן זייערע בהמות.

ערב דעם טאָג פון „אַלע הייליקע“ האָט די באַלעבאָסטע פאָרגעלייגט דער מאַמען, אַז זי זאָל מיך מיט דעם ברודער אַרויסשיקן אין שכנותדיקן דאָרף דרעלוו, וווּ עס האָט זיך געפונען דער פּאַראַפיע-קאָשטשאָל.

— מאַניעק איז אַ קאַליעקע און מענטשן וועלן אויף אים רחמנות האָבן. איר וועט זען, וויפל ברויט איר וועט פון דאָרט ברענגען — האָט זי געזאָגט.

פון אָנהייב האָט די מאַמע נישט געוואָלט מסכים זיין דערויף, ווען מיר זענען אָבער אליין געבליבן האָט זי צו אונדז געזאָגט, אַז דער ווינטער איז שוין נאָענט און מען דאַרף עפּעס טאָן, כדי נישט צו שטאַרבן פון הונגער.

— כ'וואָלט אליין געגאַנגען — האָט זי געזאָגט — און וואָלט אייך נישט געמאַרנעוועט, אָבער איך בין נאָך יונג און מיר וויל מען קיין נדבות נישט געבן.

אַ טאָג איז עס פאַר מיר געווען — דער שווערסטער נאָך דעם פאַל מיטן טאַטן. מיטן שכל האָב איך זיך קיין דין-וחשבון נישט אָפּגעגעבן, פאַרוואָס איך שרעק זיך אַזוי צו בעטן נדבות. דאָס געפיל, וואָס האָט מיך באַהערשט איז געווען ענלעך צום געפיל פון א פלוצימדיקער, אומפאַרשטענדלעכער מורא. עס איז מיר א רחמנות געווען אויף דער מאַמען. זי האָט דאָס געבעטן און איך האָב קיינמאָל זיך נישט געקאָנט פאַרשטעלן, אַז מ'קאָן איר עפּעס וואָס אָפּזאָגן, אָבער אין דעם פאַל האָב איך נישט געקאָנט באַשליסן מסכים צו זיין.

— דו וועסט דאָך נישט בעטן — האָט זי מיך גענומען איבערצייגן זעענדיק, אַז כ'קעמף מיט זיך אליין — דו וועסט בלויז העלפן מאַניעקן דערגיין אַהין און ברענגען אַלץ, וואָס מ'וועט אים געבן.

מאַניעק האָט מסבים געווען. ער האָט בלויז געפאָדערט, אַז איך זאָל מיט אים מיטגיין, ווייל ער האָט נישט געוווסט, ווו דאָס דאַרף געפינט זיך. ער האָט אויך געשטעלט א תנאי, מע זאָל אים מאכן א קוליע, ווייל אָן איר האָט ער זיך נישט געקאָנט באַוועגן. איך האָב פאַר אים געמאַכט א קוליע, צושלאָגנדיק מיט א פאַרזשאַווערטן משוואָק א ברעטל צו אַ שטעקן, וואָס האָט אים דער־גרייכט ביזן אָרעם. איך האָב גענומען א זעקל, און ווי עס האָט גאָר אָנגעהויבן צו טאָגן זענען מיר ארויס דורכצומאַכן די פיר קילאָמעטערדיקע וואַנדערונג.

דער וועג הינטערן דאָרף איז געווען שטאַרק צעווייקט. די קאַלטע נעץ איז דורכגעדרונגען דורך די שמאַטענע מעשטעס. דעם ברודערס קוליע איז טיף געקראָכן אין באָדן, פון וואַנען ער האָט מיט מי זי צוריק ארויסגעשלעפּט. מיר האָבן זיך זייער פּאַמעלעך באַוועגט.

איינמיטן וועג האָט זיך דאָס ברעטל פון דער קוליע אָפּגעבראָכן. כ׳האָב געפּרווט עס צובינדן מיט אַ שטריקל פון די מעשטן, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. מיר זענען געווען נאָענט פון פאַרצווייפלונג. מיר וועלן נישט דערגיין, אָדער מיר וועלן פאַרשפּעטיקן צו דער צייט, ווען מ׳גיט פאַר די נשמות וועגן. כ׳בין געווען געצוווּנגען אראָפּצונעמען די אָניטשעס פון די פיס, מיט זיי האָב איך גראָב ארומגעדרייט דעם עק פון שטעקן, אויף וועלכן דער ברודער האָט זיך אָנגעשפּאַרט און אזוי ארום זענען מיר נאָך דריי שעה גיין אָנגעקומען צום ציל.

פון ביידע זייטן אריינגאַנג אין קאָשטשאָל האָט זיך געצויגן א לאַנגע ריי בעטלערס, וועלכע זענען געקומען פון די ארומיקע דערפער און אפילו פון די שטעטלעך. דער ברודער האָט פאַרנומען אן אָרט ביים סוף פון דער ריי, אביסל פון הינטן. ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין שטעקן מיט דער טאָרבע אין דער האַנט און האָט אין פאַרלעגנהייט זיך צוגעקוקט צו די תפילות, וואָס זענען אָפּגעריכט געוואָרן און צו די באַוועגונגען פון די דערפאַרענע בעטלערס. איך בין געשטאַנען אנטקעגן אים הינטער א גרויסן קאַשטאַן־בוים און אים געגעבן צייכנס, אַז ער זאָל זיך דערנענטערן צו דער ריי און בעטן, אזוי ווי אלע. ער האָט מיך פאַרשטאַנען. ער האָט אויסגעצויגן זיין האַנט, ווען עס איז אָנגעקומען אַ נדבה־געבער מיט א קוישל, פון וועלכן ער האָט געטיילט שטיקלעך קוילעטש, אַפילו קישקע מיט גרעטשענע קאַשע. כמעט אַלע האָבן אויסגעמיטן דאָס קינד, וואָס האָט נישט געדאַווגט. „אזוינעם געבן — קיין שום נוצן וועט דערפון די נשמה נישט האָבן“. אין אויסנאַם־פאַלן בלויז איז אין ברודערס האַנט עפּעס אריינגעפאַלן. איך האָב זיך צוגעקוקט צו זיין פּנים. איך האָב געהערט די ווערטער, מיט וועלכע ער האָט זיך געווענדעט צו די דורכגייער. עס איז איצט קיין סימן אין אים נישט געווען פון זיין געוויינלעכער אַנטשלאָסנקייט. היינט ווייס איך, אַז ער האָט אויף אלעמען געקוקט און האָט נישט געוואָלט זיך באַגע־גענען מיט קיינעמס בליק. ווען איך זאָל דאָרט נישט זיין, וואָלט ער זיכער גלייך אַוועק.

נאָך האַלבן טאָג איז דער פּלאַץ פאַרן קאַשטשאָל געבליבן א ליידיקער. אונטער א בוים ביים וועג האָבן מיר געגומען באַרעכענען די באַקומענע נדבות. עס איז געווען אַן ערד ביי א דריי קילאָגראַם ברויט. קיין איין שטיקל קוילעטש. נאָענט ביים סאַמע אונדזער דאָרף האָב איך דערפילט דעם הונגער. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף א פּיען פון אַן אויסגעטריקנטן טאָפּאָל־בוים און האָבן אויפגעגעסן אַ פּיצל ברויט. ערשט איצט האָב איך דערפילט, וואָס פאַר א באַדייטונג עס וועט האָבן פאַר אונדזער שטוב דאָס צונויפגענומענע ביסל ברויט.

די מאַמע האָט אויף אונדז געוואַרט ביים ברענענדיקן קאַפּטשערל. זי האָט פון אונדז אראָפּגענומען די דורכגענעצטע און צעריסענע שמאַטעס, אַוועקגעזעצט אונדז לעבן ברענענדיקן אויוון און מיט די הענט געריבן אונדזערע געפרוירענע פיס.

— אָרימע קינדער מיינע — האָט זי געזאָגט — כ'וועל אייך מער נישט שיקן. אזוי פיל קלעמעניש האָב איך געהאַט צוליב אייך.

דער ווינטער איז דאָס יאָר געווען זייער א שטרענגער. דאָס האָלץ, וואָס די מאַמע האָט פאַרגרייט, האָט נישט געסטייעט אויף באַהייצן דאָס שטיבל. און איך האָב איר נישט געקאָנט העלפן, ווייל כ'האָב נישט געהאַט קיין וואַרעמע קליידער, כדי צו קאָנען גיין אין וואַלד. מיר האָבן דעם גרעסטן טייל טאָג פאַרבראַכט אין בעט.

אינעם פּריצישן הויף

עס האָט געפּלאַצט דער מאַמעס האָפענונג צו פאַרזיכערן אונדז און זיך אַ בעסער לעבן ווייטער פון שטאָט. אויך דאָ האָט דאָס האַרץ געהאַט אַ סך ערדלאָזע אָרעמקייט — אמת, וויניקער אַביסל, ווי אין די הינטערשטאָטישע דערפער. די נישט זיכערקייט אין דעם מאָרגן האָט איצט אָפּגעשוואַכט דער מאַמעס כוחות; זי האָט דעריבער באַשלאָסן צו פרילינג זיך אַריבערטראָגן אין אַ פּאָלוואַרק. נאָך פיל וואָכן וואַנדערן האָט זי ענדלעך געפונען אַ פריי אָרט פון אַפּריל חודש אָן אַלס מעלקערין אינעם פּאָלוואַרק אַלעקסאַנדרוווקע. דער איינגנמי־מער פוגעם מאַיאָנטעק האָט אָבער געשטעלט אזא באַדינג, אז די מאַמע זאָל מיט זיך מיטברענגען דעם ברודער עוגעניוש און די שוועסטער עוגעניע אַלס פּאַראָבקעס.

מיט אומגעדולד האָט די מאַמע געוואַרט אויפן איבערטראָגן זיך אינעם פּאָלוואַרק. זי האָט אונדז דערציילט, אז כאָטש די אַרבעט איז אַ שווערע, לעבן אָבער די מענטשן דאָרט נישט שלעכט, זיי האָבן ברויט, קאַרטאָפל, אַ דאַך איבערן קאָפּ, קאָנען האַלטן אַן אייגענע קו, האָדעווען עופות. „וועסט זיך טאַקע אָנהאָרעווען — האָט זי געזאָגט — אָבער וועסט כאָטש אָפּעסן ווי אַ מענטש“. מיט פרייד האָב איך אָנגענומען דער מאַמעס פאָרשלאָג צו בלייבן אין האָרף און פּאַרן פּאַשען קי זאָל איך באַקומען אַ קעלבל און מיר וועלן מיט דער צייט האָבן אַן אייגענע בהמה. דער באַלעבאָס קלים פּאַנאַסיוק איז דערויף איינגעגאַנגען און ס'איז געשלאָסן געוואָרן אַ מינדלעכער אָפּמאַך, אז כ'וועל באַקומען אַ זעקס־וואָכיק קעלבל, אַ פּאָר מייטקעס און צוויי העמדער.

אין אָנהייב אַפּריל האָט די מאַמע מיט די קינדער זיך אַריבערגעצויגן אין פּאָלוואַרק. בלויז איך בין געבליבן וווינען ביים נייעם באַלעבאָס, וועלכער איז אין מיינע אויגן געווען אַ גרויסער בעל רחמים. אַדאַנק אים וועלן מיר דאָך האָבן אַן אייגענע קו, הערצו נאָך האָט ער מיך באַלד גענומען צו זיך, פּאַרן אַרויסטרייבן די בהמות אין פעלד.

די באַלעבאָסטע איז געווען אַ געוואַלדיק פרומע. איר איז געפעלן געוואָרן מיין אינטערעס צו ביכלעך און מיין האַנטשריפט. מיר איז באַזונדערס צום האַרצן געווען איר באַציונג צו ייִדן נאָר אַן אַנדערע ווי דער מומעס. זי האָט

געזאָגט דערפאַר, אַז איך זאָל ניט זיין הונגעריק, זי האָט מיר ניט געשטעלט אַזעלכע אומבאַקוועמע פראַגעס, ווי: צי פאַרלאַנג איך עפּעס. אָן ווערטער פלעגט זי מיר געבן געטריקנטע באַרנעס, צווישן מיטאָג און אָוונט־ברויט — אַ טעפּעלע מילך. זי האָט מיר געקויפט אַ שול־ביכל. דערפאַר האָב איך גערן איבערגעשריבן צענדליקער תפילות.

דעליקאַט האָט זי מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז זי האַלט ניט פון די ביכלעך, וועלכע איך לייען. כ'האָב דאָן געלייענט זשול ווערנען.

— אָט ווען דו וואָלסט געלייענט — האָט זי געזאָגט — וועגן לעבן פון די הייליקע, האָסט געפינט דער מענטש דעם וועג צו דער אויסלייזונג. ווער האָט עס אָבער געזען מ'זאָל פאָרן אויף דער זון? איבער דער זון איז אַ באַלעבאָס בלויז גאָט — האָט זי מיר אויפגעקלערט.

אונטער דער ווירקונג פון איר דערציילן וועגן אייביקן לעבן און גאָטס שטראָפן האָב איך מיט דער צייט אָנגעהויבן מורא צו האָבן פאַר מיינע פריער־דיקע זינד. צום מערסטן האָב איך מורא געהאַט, וואָס פאַר דער ערשטער קאָמוניע האָב איך זיך אָנגעגעסן מיט ברויט ווייסנדיק, אַז דאָס טאָר מען ניט.

אינמיטן זומער האָב איך פון דער מאַמען באַקומען אַ בריוו. זי האָט אין דעם דאָזיקן בריוו געבעטן די באַלעבאָסטע, אַז זי זאָל מיך באַפרייען אויף איין טאָג. זי האָט געגעבן צו וויסן, אַז דער ברודער מיט דער שוועסטער זענען צוזאַמען מיט איר און ווילן זיך מיט מיר זען. דעם וועג אין פּאַלוואַרק האָב איך געקענט. ער איז געלעגן ניט ווייט פון דאָרף אָסטרוווקע. די באַלעבאָסטע האָט גערן מסכים געווען „איבערצונעמען" ביי מיר די בהמות אויפן זונטיקדיקן טאָג.

דער זומער אין לוזקע איז געווען דער בעסטער זומער פון מיין קינדהייט. דער באַלעבאָס איז געווען אַ גוטער, כ'האָב געהאַט וואָס צום עסן. כ'האָב געלייענט צענדליקער ביכער, וואָס כ'האָב געליען ביים אָרטיקן לערער, אָבער צו דער מאַמען בין איך געלאָפן, ווי צו ליכט און פרייד. אין מיינע געדאַנקען זענען אויפגעקומען צענדליקער אופנים, ווי אַזוי זיך באַגריסן מיט איר און מיט מיינע אייגענע, און יעדער אופן האָט מיר אויסגעזען אַלס ניט קיין געהעריקער אויף אויסצודריקן די געפילן, וועלכע איך האָב געהאַט פאַר זיי.

דער פּאַלוואַרק אַלעקסאַנדרווקע איז געשטאַנען צווישן נידעריקע פּליינען. דער פּאַרק האָט פון דרום און מזרח פאַרשטעלט דעם אויסבליק צו די צונויפגע־פּרעסטע שטיבלעך פון די פּאַראָבקעס. פון ערשטן באַגעגנטן מאַנספּאַרשוין האָב איך זיך דערוווסט, ווו עס וווינט די מאַמע. דער אַריינגאַנג אין דער כאַטע איז געווען אָפן. כ'בין אַריינגעלאָפן מיט אַ צעשטראַלט פּנים פון שמחה, אָבער אינעווייניק האָב איך ניט געטראָפן ניט דער מאַמען, ניט קיינעם פון די אייגענע. דאַקעגן איז לעבן פענצטער געזעסן מיט אַ ביכל אין האַנט אַן אומבאַ־קאַנט דערוואַקסן יינגל. מיר האָבן איינער דעם צווייטן אָנגעקוקט.

— אַנטשולדיקט — האָב איך געזאָגט —. כ'האָב זיך טועה געווען. מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָ וווינט באַברוק.

— אודאי ווינט דאָ באַברוק — האָט געענטפערט דאָס ייִנגל.

כ'האָב זיך ארומגעקוקט איבער דער שטוב. יאָ, דאָס קופערל מיט די אייזערנע רייפן, דאָס צונויפגעשטעלטע בעט, אויף וועלכן מיר זענען געווייגלעך געשלאָפן אין דער בריט, אויף דער קיך דער אייזערנער טאָפּ מיטן אויפשריפט „פּאַרעמבא". דאָס זענען אלץ אונדזערע, פון לאַנג מיר באקאנטע זאכן

— און ווו איז די באַברוקאָווע? — האָב איך ווייטער געפרעגט.

— צו וואָס דארפסטו די באַברוקאָווע? — האָט האַרט מיך געפרעגט דער אומבאקאנטער.

איך האָב זיך געוווּנדערט, וואָס א פרעמדער קאָן אזוי זיכער זיך פילן נישט ביי זיך אין דערהיים.

— איך בין איר זון — האָב איך געענטפערט.

— א זון? אפשר אַלבין? — האָט מיך ווידער געפרעגט דאָס ייִנגל.

— יאָ, אַלבין, וואָס איז דען?

— און איך בין גענֿיעק, אויך באַברוקאָווס א זון.

איך האָב מיט אומצוטרוי געקוקט אויף אים. ער האָט מיט גאָרנישט דערמאָנט אין דעם ברודער, מיט וועלכן איך האָב זיך געזעגנט אין 1920 יאָר. ער איז געווען א פעסטער, זיין גאַנצער אויסזען און ווקס האָבן געדעדט וועגן זיין רייפקייט. איך האָב אים געקענט אלס קינד און נישט איינמאָל האָבן מיר זיך גענומען פאר די פלייצעס צו זען, ווער ס'איז שטאַרקער.

ווען ער האָט מיך אפילו גענומען קושן און ספּעציעל אַ טרייסל געטאָן באַוויזנדיק זיין כוח, האָב איך נאָך אלץ נישט געקאָנט גלייבן, אז דאָס איז ער.

— דו גלייבסט נישט, אז דאָס בין איך! — האָט ער געפרעגט. — זע, אָט איז די שאוורצע בראָדאַווקע אויף מיין גאָמבע.

איך האָב זיך צוגעקוקט און טאַקע דורך דער בראָדאַווקע האָב איך זיך אָנגעהויבן צו דערמאָנען אלע איינצלהייטן פון זיין פּנים. די פאָרם פון זיין מויל, זיין בליק.

— יאָ, דאָס ביסטו — האָב איך געזאָגט.

עס איז אָנגעקומען די מאמע. כ'האָב זיך באגריסט מיט איר, פארגעסנדיק דעם צוגעטראכטן אופן פון באגריסן זי. אזוי איז עס ארויסגעקומען קעגן מיין ווילן און צוליב אומבאוווּסטע פאר מיר סיבות.

באטראכטנדיק אלץ בין איך געקומען צום אויספיר, אז אין שטוב זענען ווידער פאראן די אלע צרות פון די פריערדיקע יאָרן: ברויט צו מיטאָג האָט די מאמע געליען ביי א שכן. דאָס ברויט האָט זי צעטיילט יעדן לויטן עלטער און לעבן מיר האָט זי אוועקגעלייגט דעם גרעסטן חלק. כ'בין געווען א גאסט.

— איצט איז אונדז בעסער — האָט זיך די מאמע פאר מיר אָנפאַרטרויט. — אמת, קיין ברויט האָבן מיר נישט, אָבער נאָכן שניט וועלן מיר באַקומען א שפּאָר ביסל קאָרן. קארטאָפל האָב איך פארזייט און ווינטער צייט וועט זיין וואָס צו עסן.

אלע האָבן זיך ביי מיר נאָכגעפרעגט, וואָס עס הערט זיך מיטן קעלבל, וועלכן איך דאַרף באַקומען, צי וועט עס זיין פון א גוטער קו, פון וואָס פאַר קאָליר, און ווען וועט מען עס קאָנען צונעמען אהיים.

צוממערסטן איז מיר געפעלן געוואָרן דער ברודערס געניטעק. ער האָט געפירט א חשבון פון די ביכער, וואָס ער האָט דורכגעלייענט — אַן ערך דריי הונדערט. ביים געזעגענען זיך האָבן מיר איינער דעם צווייטן צוגעזאָגט, אַז ווינטער, ווען כ'וועל צוריקקומען, וועלן מיר זיך דערציילן וועגן דעם, וואָס מיר האָבן דורכגעלייענט, ווייל אין פּאָלוואַרק זענען קיין ביכער נישט פאַראַן.

פאַרן פאַשען די בהמות האָב איך געדאַרפט באַקומען באַצאָלט אין האַרבסט. דער באַלעבאָס האָט נישט געקאָנט — ווי ער האָט געזאָגט — ריזיקירן מיט אָפּצאָלן פאַר דער צייט. איך האָב דאָך געקאָנט קראַנק ווערן — האָט ער מורא געהאַט — דערפון דאַרף זיין ווירטשאַפט נישט ליידן. האַרבסט־צייט איז אָבער אין זיין באַלעבאַטישקייט נישט געווען קיין זעקסוואָכעדיק קעלבל. עס איז דאַקעגן געווען אַ האַלב־יעריקס — דערפאַר האָט דער באַלעבאָס געפאָדערט מ'זאָל אים צוצאָלן. נאָכן פאַרשטענדיקן זיך מיט דער מאַמען בין איך דערויף מסכים געווען, און דער גאַנצער זאַפּאַס קאָרן, וואָס מיר האָבן דערוואַרט פון זומער, איז אַפּגעגעבן געוואָרן אלס צולייג צו מיין זיבן חדשימדיקער פראַצע. דער צוצאָל האָט באַטראָפן צוויי קערץ קאָרן.

פון דאַן אָן האָבן מיר, ווי די מאַמע האָט געזאָגט, געהאַט „אַן אייגענעם ווײדל". די ברידער און די שוועסטער זענען גאַנצע טעג אָפּגעזעסן ביים קעלבל, עס געריניקט און געקעכלט. זיי האָבן עס אפילו אריינגעטראָגן די ביסנס ברויט, וואָס די מאַמע האָט פאַר אונדז זעלטן אויסגעטיילט און האָבן געוואַרט, ווען פונעם קעלבל וועט ווערן א קו.

גלייך נאָך מיין אָנקומען איז צום פּאָלוואַרק דעראַנגעגען א בריוו פון דער שול אין דעם דאָרף וואָרסי, וואָס האָט דערמאָנט דער מאַמען, אַז איך בין אין שול־עלטער. איך האָב צוליב צוויי סיבות נישט געקאָנט גיין אין שול. איך האָב נישט געהאַט קיין שיך און כ'האָב געמוזט גיין ארבעטן אין שייער. דאָס האָבן געפאָדערט דער איינגטימער פון מאַיאָנטעק און די שלעכטע פאַרדינסטן פון דער מאַמען און פון ברודער און דער שוועסטער, — זייערע פאַרדינסטן זענען נאָך קלענער געוואָרן צוליב דער הוצאה אויף צוצאָלן פאַרן קעלבל.

דער לעצטער פוד קאָרענע מעל איז אויסגעבאַקן געוואָרן צו די ניי־יאָר יום־טובים. פון דאַן האָט זיך ביי אונדז אָנגעהויבן די צייט, ווען געשפייזט האָבן מיר זיך בלויז מיט נישט געשמאַלצענע קאַרטאָפל, זייער זעלטן מיט ליין־אייל. צוויי מאָל א טאָג זופּ און איינמאָל אויף טרוקן. אַנדערש וואָלט עס נישט געסטייעט אַפילו ביז די פרילינג־יום־טובים. אמת, קיין שום גוטס האָבן אונדז די פרילינג־יום־טובים נישט געקאָנט ברענגען, אָבער פון דאַן איז וואַרעמער געוואָרן, ממילא איז לייכטער געוואָרן אַריבערצוטראָגן די נויט.

כדי גיין צו דער ארבעט האָט מען געדאַרפט האָבן שיך. דער דאָזיקער ענין איז פאַר מיר געלעזט געוואָרן דאַן, ווען דער אייגנטימער פון פאָלוואַרק האָט פאַרגעלייגט אָפּצוקויפן ביי אים אַ פּאָר שיך. דאָס זענען, וואָס אָן אמת, געווען פרויען־שיך, אָבער פאַר אַזאַ סמאַרק — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט — דאַרף מען קיין בעסערע נישט. דערפאַר האָט ער זיך געהייסן באַצאָלן 18 זלאָטעס. דאָס זענען געווען די ערשטע שיך אין מיין לעבן, וועלכע זענען ספּעציעל פאַר מיר געקויפט געוואָרן. כ'האָב זיך מיט זיי שטאַרק געפרייט, כאָטש זיי האָבן געהאַט דעם חסרון, וואָס צוליב די הויכע אָפּצאַסן האָב איך נישט געקאָנט צופעסטיקן צו זיי די גלימשערס, וואָס כ'האָב אַליין אויסגעמייסטרעוועט.

אינעם פאָלוואַרק האָב איך צום ערשטן מאָל זיך געטראָפן מיט דעם, וואָס עס הייסט אַ סיסטעם און אַ רעזשים אין דער ארבעט. אין דאָרף איז דער אופן פון אונדזער האַנדלען געווען אָפּהענגיק פון אונדז אַליין. פון דעם, לויט וואָס פאַר אַ סדר מיר האָבן געטאָן און וואָס פאַר אַ באַשלוס מיר האָבן אָנגענומען האָט זיך וויניק וואָס געקאָנט ענדערן. דאָ אָבער האָט יעדע האַנדלונג לויטן אייגענעם אייגזען געקאָנט ברענגען אַזעלכע פלוצימדיקע רעזולטאַטן, וועלכע האָבן אונדז געקאָנט ארויסרייסן פון דעם ביז־איצטיקן לעבנס־אופן. אַ קליינע פאַרשפּעטיקונג צו דער ארבעט איז חוץ די געלט־שטראָפן באַגלייט געוואָרן אויך מיט אַזעלכע אויסרופן פונעם זשאַנדרצע, ווי „איר, קורווישע בייגער, זין פון אַ הינטישער מאַמען" — דערביי האָט ער געשריגן מיט אַזאַ קול, אַז מ'האָט עס געהערט אין אַלע כאַטעס פון די פאַראַבקעס. און דאָס איז געווען בלויז אַן אריינפיר. נאָכדעם זענען געקומען ווייטערדיקע פּראָצעדורן. די, וואָס האָבן זיך פאַרשפּעטיקט, האָבן אין אָוונט געמוזט זיך שטעלן פאַרן „פּאַן פּריץ" — אַזאַ טיטל האָט געמוזט באַנוצט ווערן בעתן רעדן מיטן אייגנטימער פון פאָל־וואַרק — און דאָרט האָט מען אונטערטעניק געמוזט איבערבעטן אים און די „פּאַני פּריזהטע", קושנדיק זיי די הענט. אָפט האָט דער אייגנטימער געהייסן איבערחזרן נאָך זיך עפּעס ענלעכס אויף אַ שבועה: „איך אַזאַ און אַזאַ, זאָג צו צו זיין געהאָרכזאַם, ארבעטסזאַם אאַוו". יינגלעך און מיידלעך האָבן אַזעלכע צוזאָגן געגעבן אויף די קני. ווען יעדן אַזאַ פאַל האָב איך געוווסט דער ערשטער, ווייל די מאַמע האָט חוץ העם, וואָס זי איז געווען אַ מעלקערין, געמוזט אויך אומזיסט ארבעטן אין קיך און האָט מיט אויפרעגונג אונדז דערציילט וועגן די שיינע מעשים פונעם אייגנטימער פון פאָלוואַרק.

איידער עס איז אָנגעקומען דער טערמין פון באַצאָלן מיט פּראָדוקטן און מיט געלט, האָט דער „פּאַן פּריץ" געהייסן צונויפרופן אַלע פאַראַבקעס און געמאָלדן, אַז אויב עס געפעלט נישט עמעצן אין זיין גוט, קאָן ער אים אָן שום שוועריקייטן און אפילו באַלד באַפרייען.

— מענטשן שלאָגן זיך דערפֿאר — האָט ער געמאָלדן — כּדי אָנצוקומען צו מיר. און דאָס אַזעלכע פּאַראָבקעס, וואָס גיבן צו דריי און פֿיר טאָג־נאָרמעס. דערבײַ זענען זיי געהאָרכזאַם און נישט אַזעלכע פּויליאַקעס ווי איר.

קיין בעלנים זענען נישט געווען. אַ סך פֿון די איצטיקע פּאַראָבקעס האָבן אין די פֿאַרגאַנגענע יאָרן זיך באַפֿרײַט. זיי האָבן זיך אָבער איבערצייגט, אַז צווישן די פּריצים פֿון עטלעכע פּאָוויאַטן איז פֿאַראַן אַ קעגנזײַטיקער אָפּמאַך וועגן צונעמען צו דער אַרבעט. אַ צווייטן מאָל ריזיקירן האָבן זיי שוין נישט געוואָלט.

דער „פּאַן פּריץ" האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן די שווערקייטן, וואָס פּוילן האָט צוליב די באָלשעוויקעס פֿון 1920 יאָר אָן, און וואָס זענען נאָך איצט פֿאַראַן, כּדי דערבײַ צו מעלדן, אַז אַזעלכע שווערקייטן האָט אויך זײַן מאַיאָנטעק.

—כ'וועל נישט קאָנען — האָט ער מודיע געווען — אויסצאָלן דאָס, וואָס עס קומט אײַך. קיין תּבֿואה אויפֿן סקלאַד האָב איך נישט. מ'דאַרף וואַרטן ביזן שנים. אַז גאָט וועט געבן אַ גערעטעניש, וועל איך פֿאַר אײַך אײַנאָרדענען אַ פֿריילעכן שנים־יום־טובֿ.

צווישן עולם איז געוואָרן טומלדיק.

— און פֿון וואָס וועלן מיר לעבן? — האָבן זיך באַקלאָגט ווײַבער.

— מיר האָבן גענוג געוואַרט, מיר קאָנען שוין נישט מער.

— איר ווילט אונדז צוגעווינען צו דעם זעלבן, וואָס דער ציגײַנער זײַן פֿערד!

דער אײַגנטימער פֿון פֿאָלווארק האָט נישט נאָכגעגעבן, ער האָט זיך אויפֿגעהויבן און אויסגעשריגן:

— איר וועט אַנטשוויגן ווערן, צי נישט! — עס איז שטיל געוואָרן. — איר מיינט, אַז איך האָב אויפֿגעהערט צו זאָרגן פֿאַר אײַך. ווער, אויב נישט איר, זענט שולדיק, וואָס כ'קאָן גאַנצע נעכט נישט שלאָפֿן צוליב די דאגות? איך ווייס, וואָס איר טראַכט און וואָס פֿאַר אַ שמועסן איר פֿירט צווישן זיך. איך ווייס, וואָס פֿאַראַ זאַפּאַסן איר האָט, וויפֿל חזירים ס'איז בײַ יעדן איינעם פֿון אײַך פֿאַראַן. ווען האָט איר עס צו פֿאַרדאַנקען, אויב נישט מיר! — האָט ער אויסגעשריגן. — איך גיב האָד אײַך דאָס בעסטע פֿעלד אויף קאַרטאָפֿל, מיטן בעסטן קאָרן באַצאָל איך דאָך אײַך, האָלץ צום הייצן... — ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן המון און האָט ווײַטער גערעדט. — איצט האָב איך אויך געטראַכט וועגן אײַך, איך האָב שוין באַשטעלט אין שטאָט געבײַטלטע מעל און רײַז פֿאַר די, וואָס האָבן נישט מיט וואָס צו דערציִען ביזן נײַעם גערעטעניש. נו, וואָס זאָגט איר?! — האָט ער טריומפֿירט — איך זאָרג, צי איך זאָרג נישט פֿאַר אײַך?

אַ פּאָר אומטערלעקערס צווישן די פּאַראָבקעס האָבן געגומען הויך אויסדריקן זייער הכנעה און אָנערקענונג.

— דער יאַשגיע פֿאַן האָט געזאָגט, אַז ווען עם געפֿעלט נישט, זאָל ער זיך גיין וווּ ער וויל.

א סך בויטלײַדנדיקע איז געווען און זיי אַלע האָבן זיך געטראַכט, אַז דער פּריץ רעדט האַר עפּעס וועגן הילף פֿאַר זיי אַלע. זיי האָבן דעריבער געשוויגן און שטיל זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען.

נישט קיין רײַז — טוכלע סחורה איז עס געווען. דער פּריץ האָט עס איינגעקויפֿט פֿאַר א ביליקן פּרייז און די פֿאַראָבקעם האָט ער געהייסן צאָלן ווי פֿאַר גוטן רײַז. הערצו נאָך איז דער סוחר אין שטאָט געווען מלא גדולה — ער איז פּטור געוואָרן פֿון דער קאַליע געוואָרענער סחורה און דערבײַ נאָך גוט פֿאַרדינט. אָט אויף אַזאַ אופֿן האָט מען עס דערזען רײַז אין די שטיבלעך פֿון די פֿאַראָבקעס.

מיר דוכט זיך, אַז אין דער גאַנצער געגנט אַרום איז דער פּריץ געווען באַקאַנט אַלס אומטערדריקער. ווי איך באַגרײַף הײַנט זײַנע דעמלטיקע מעשים איז דאָס געווען אַ טיפּ, וואָס האָט מיטן גאַנצן האַרצן פֿײַנט געהאַט אַלע, וועלכע האָבן געלעבט פֿון אײַגענער האַרעוואַניע. א הויכער, א גרויליבער, א יאָר פֿופֿציק אַלט — האָט ער אויסגעזען ווי אַ פּראַנט. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געשיידט מיט זײַן רוט. זײַן הויפּט־באַשעפֿטיקונג איז געווען גיין אויף יאַגד, פֿאַרנעמען זיך מיט הינט. אין זײַן הויף האָט ער געזאַמלט די פֿאַרשידנסטע מינים וועגענער, קאָטשן, אַמעריקאַנקעס, קאַרעטעס, וואָלאַנטן און דערבײַ אַלעמען געצוווּנגען זיי צו רייניקן. טאָמער חלילה האָט ער דאָס מינדסטע שפּרענקעלע געפֿונען אויף א געשפּאַן, האָט ער געשלאָגן און געזידלט די שמייסערס מיט אַזעלכע ווערטער, ווי „נישט געטויפֿטע כאַמעס", „הינטישע זין" אאַז״וו.

דער אַלטער שמייסער האָט זיך באַרימט, ווי אַזוי דער פּריץ האָט אים שוין עטלעכע מאָל געגעבן אין די ציין און געטראָטן מיט די פֿיס און נאָגעם, פֿאַרשטייענדיק, אַז אַזוי טאָר מען זיך נישט אומגיין מיט מענטשן, האָט ער אים גערופֿן צו זיך, אים אָנגעגאָסן אַ גלעזל בראָנפֿן און געהייסן טרינקען צוזאַמען מיטן לאָקיי. עס פֿלעגט טרעפֿן, אַז דורך דעם זעלבן לאָקיי האָט ער אים צוגעשיקט געלט אין א קאָנווערט.

— מענטשן דאַרף מען קענען פֿאַרשטיין — האָט באַלערנדיק געזאָגט דער אַלטער משרת. — א גוט קעלבל זייגט צוויי מאָל — האָט ער צוגעגעבן.

אין חודש אַפּריל זענען אין פֿאָלוואַרק געקומען צוויי אומבאַקאַנטע מענטשן און געמאָלדן, אַז אין אָוונט וועט פֿאָרקומען אַן אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג מכּוח אויסצאָלן דעם לוין און מכּוח דעם, וואָס דער פּריץ און די אַדמיניסטראַציע באַהאַנדלען שלעכט די מענטשן. דער פּריץ איז דעם טאָג נישט געווען אין פֿאָלוואַרק. דער אַדמיניסטראַטאָר און דער עקאָנאָם האָבן געראָטן די אַרבעטער נישט צו גיין אויף דער פֿאַרזאַמלונג. זיי האָבן אַפֿילו לענגער ווי שטענדיק געהאַלטן אַלעמען אין פֿעלד. נישט געקוקט דערויף איז די פֿאַרזאַמלונג דאָך

פאַרגעקומען. נישט קיין סך מענטשן זענען געווען און געדויערט האָט זי נישט מער, ווי א שעה.

די געקומענע האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז זיי זענען פון פאריין פין די לאַנדווירטשאַפטלעכע ארבעטער און זיי זענען געקומען אהער, כדי העלפן די היגע צו צווינגען דעם פריץ ער זאָל אָפּהיטן די אָפּמאַכן און א סוף מאַכן צו די מעשים פונעם אדמיניסטראַטאָר, וועלכער דערלויבט זיך צו שלאָגן די פאַראָבקעס. זיי האָבן אַזויפיל צוגעזאָגט, אז די פארזאמלטע האָט זיך עס נישט געלייגט אויפן שכל. דערהביי האָבן די צוזאָגן געזאָלט אויסגעפירט ווערן דורך די דעלעגאַטן גופא, אויב נאָר די פארזאמלטע וועלן אונטערשרייבן א דעקלאראַציע, אַז זיי טרעטן אריין אין פאריין און א געהעריקע פעטיציע צום פריץ, וועלכע מ'האָט הויך אויפן קול איבערגעלייענט פאר אלעמען.

קיינער פון די פארזאמלטע האָט זיך נישט אנטשלאָסן צו לייגן אזש צוויי אונטערשריפטן מיט איין מאָל.

— ווי אזוי וועט איר עס מאכן, אז דער פריץ זאָל אייך הערן? ער האָט זיך זיין דעה און קיינער וועט אים נישט איבערצייגן.

— מיר קענען דעם פריץ בעסער, ווי איר — האָבן געענטפערט די געקומענע.

אייגער פון די פאַראָבקעס, וועלכער איז אין פאָלוואַרק געווען באַוווסט מיט זיינע באַרימערייען וועגן „וועלט־קענטעניש“ און האָט דעם פריץ קיינמאָל נישט אונטערגעשפילט, האָט אָנגעהויבן לאנג צו דערציילן וועגן דער געשיכטע פון בונטן קעגן די פריצים, ער האָט אפילו דערמאָנט סטיענקע ראזינען און איז געקומען צום אויספיר:

— אייך ווילט זיך אויך זיין מאגיסטאָרן (מיניסטאָרן), פאלעטן (פאָעטן) און אונדז קומט אייביק אוים צו האָבן צו טאָן מיט די, וועמענס ברויט מיר עסן.

אן עלטערער פאראָבעק האָט צוגעגעבן:

— פארוואָס מיינט איר עס, אז מיר דארפן נישט מורא האָבן פאר די פאַנעס, די פריצים. וואָס אן אמת — מ'קאָן אונטערשרייבן, אַבער איר — היינט זענט איר מיט אונדז און מאָרגן נעמט איר דעם היינטן אין די הענט — און אָט דאָס איז אלץ, וואָס מיר ווען פון אייך זען. ווער וועט אונדז דעמלט באשיצן? מירן נישט אונטערשרייבן.

זיי האָבן נישט אונטערגעשריבן זיכער נישט דערפאר, ווייל עס האָט זיי אויסגעפעלט דרייסטקייט. איך האָב געקענט פיל, וועלכע האָבן אין זייער אומבאַוווסטזיניקייט אפילו פלאַנירט צו דערמאָרדן דעם אדמיניסטראַטאָר. פון דעם דאָזיקן פלאַן האָבן זיי אָפּגערעדט זייערע אייגענע כלות, מאַמעס, טאַטעס.

עס האָט זיי געפעלט אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס וואָלט בכוח געווען צו פאַר־אייניקן און קערעווען זייער דרייסטקייט אויפן ריכטיקן וועג פון קלאַסן־קאַמף.

אזוי האָט זיך אָנגעהויבן, איז פאָרגעקומען און זיך פאַרענדיקט די ערשטע פאַרזאַמלונג אין מיין לעבן, וועלכע איז געווען געווידמעט דער פראַגע פון קלאַסן־קאַמף.

ערב מאַי זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען וועגן אַרבעטער־יום־טוב. ערגעץ ווו האָבן געזאָלט זיין אַזעלכע אַרבעטער, פאַר וועלכע די פּאַנעס האָבן מורא געהאַט. מ'האָט געזאָגט, אַז די אַרבעטער זענען אין דעם דאָזיקן טאָג געגאַנגען מיט רויטע פענער און האָבן געטראָגן רויטע שניפּסן.

נאָך דעם פּריליגג־פּאַרזיי, בעת וועלכן איך בין געגאַנגען נאָך דער קיי־מאַשין, האָט דער אַדמיניסטראַטאָר מיר געהייסן פאַשען די סטאַדע. איך האָב זיך געשראָקן פאַר די יונגע צעבריקעטע פערד. קוים מיט צרות האָב איך צוגעוווינט צו זיך די סאַמע שטילסטע צווישן זיי. איך האָב דעריבער זעלטן געקאָנט מיט זיי אָנגיאָגן די צעבריקעטע סטאַדע. א פּאָר טעג נאָכדעם, ווי איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס פּאַסטעך, האָט דער „יאַשנויע פּאַן" פאָרגעלייגט, אַז מיין ברודער מאַניעק זאָל זיך נעמען פּאַשען חזירים.

— דאָס, וואָס ער איז אַ קאַליעקע — האָט ער געזאָגט — וועט אים נישט שטערן. חזירים לויפן נישט שנעל און איך וועל אייך דערפאַר געבן אַנדערהאַלבן ליטער מילך א טאָג.

מיר פלעגן שטענדיק עסן פּאָסנע קאַרטאָפליעס, דערפאַר האָט מילך געהאַט ביי אונדז א באַזונדער חשיבות. די מאַמע איז מסכים געווען אויפן פּריצס פאָרשלאָג. אַזוי אַרום האָט אונדזער משפחה געגעבן דעם פּריץ פיר טאָג־אַרבעטער, א מעלקערין און א קיד־העלפּערין.

דער ערשטער האָט מיט אַזא לאַגע נישט געוואָלט מסכים זיין מיין ברודער מאַניעק. ער האָט אוועקגעוואָרפן דעם פאָלוואַרק און איז צוריק אוועק קיין שעדלעץ. דער באַלעבאָס האָט אים צוגעזאָגט, אַז פאַר נאָך איין יאָר אַרבעט וועט ער אים אָפּגעבן אויף דער לער צו א באַלמעלאָכע. די מאַמע האָט זיך נישט קעגנגעשטעלט.

— ווייניקער הונגעריקע וועט זיין צווישן אייך — האָט זי געזאָגט.

פון פעברואַר ביז מאַי איז ביי אונדז קיין ברויט נישט געווען. אין מאַי האָט דער פּריץ געהייסן אַרויסגעבן צו עטלעכע קילאָגראַם פון דעם צוגעזאָגטן געביילטן מעל און ביטערלעכן רייז. דאָס איז געווען אַזא סכום, אַז קיין געריכטע און זאַטע עסנס, וועגן וועלכע מיר האָבן עטלעכע חדשים געטרוימט, האָט מען דערפון נישט געקאָנט מאַכן. ברויט איז געוואָרן עפּעס אַזוינס, צו וואָס עס איז גאָרנישט מעגלעך געווען זיך צו דערשלאָגן. ווען צו אונדזער דער־וואַקסענער שוועסטער געניע פלעגט קומען דעם אַלטן שמייסערס זון, וועלכער האָט זיך אין פאָלוואַרק גערעכנט פאַר דעם סאַמע אינטעליגענטסטן און פאַר־מעגלעכן קאַוואַליער, האָבן מיר רק מקנא געווען, וואָס דער חתן ברענגט איר שטיק־לעך ברויט, וועלכע זיי האָבן צוזאַמען געגעסן.

— ס'איז גוט צו זיין א מיידל — האָט מיר מאַניעק אריינגערוימט אין אויער, ווען אין דער כאַטע האָט זיך דערהערט דער ריח פון געקייטן ברויט.

מיטן זון־אויפגאַנג זענען מיר אוועק אין פעלד און מיטן זון־פאַרגאַנג זענען מיר צוריקגעקומען אהיים. פרישטיק האָט די מאמע געמאַכט און פאַנאַנדערגעטראָגן לויט דער ריי צו דער שוועסטער, צום ברודער און צו מיר. אין יונג האָט די מאַמע צוגעגעבן צו די מאָגערע פּאָרציעס רייז און מעל אויך א ביסל קאַרטאָפל: אבי וואָס מער פּראָדוקטן און וואָס ווייניקער וואַסער. צייטנווייז האָב איך געפילט ממש די נויטווענדיקייט צו קייען עפּעס הארטס. איך האָב דאַן געטראַכט וועגן העם טרוקענעם ברויט, וואָס מיר האָבן געגעסן אין לוזקע.

איך האָב געטראַכט וועגן דער שווערער אַרבעט פון דער מאַמען און אירע צוגאָב־פליכטן אין דער היים. און געדאַנק האָב איך געמאָסטן דאָס, וואָס גייט אריין אין טאָפּ און עס פארגלייכט מיט די דריי פּאָרציעס, וועלכע די מאמע טראָגט אוועק פאר אונדז אין פעלד. דערצו האָט מען נאָך געדארפט נעמען אין אַכט טאָלעקן, זאַכען און זייערע אַפּעטיטן. איך האָב זיך לייכט פאָרגעשטעלט, אז נאָכן פאנאנדערטיילן איז פאר דער מאמען אויף פרישטיק גאָרנישט געבליבן.

איך האָב געוווסט, אַז מיטאָג און וועטשערע האָבן מיר געגעסן פון איין שיסל נישט דערפאר, ווייל עס האָט אויסגעפעלט כלים, נאָר קודם כל דערפאר — ווי די מאמע האָט עס געזאָגט — ווייל אויף פאנאנדערטיילן איז דער טאָפּ א צו קליינער. צוליב דעם האָב איך אָפּט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז איך קאָן נישט עסן, איך האָב אויסגעטראכט קאָפּ־ווייטיק אלס סיבה איבערצולאָזן פאר דער מאַמען א טייל פון מיין פרישטיק. כ'האָב זיך געפרייט, ווען דער אָנשטעל פלעגט זיך מיר איינגעבן.

איך געדענק אַ טאָג, ווען די מאַמע האָט נישט צוגעזאָגט צו ברענגען אונדז דעם געוויינלעכן פרישטיק. דער רייז און דאָס מעל האָט זיך געענדיקט און אויף א נייער פּאָרציע האָט מען געדארפט ווארטן צוויי טעג.

— אויף מיטאָג וועל איך עפּעס באָרגן — האָט די מאמע צוגעזאָגט — אפשר וועט איר אויסהאלטן.

דער האָזיקער טאָג האָט זיך מיט זיין הונגער געלייגט אויף מיר, ווי א שווערע משא; ביז מיטאָג האָט ער זיך אומענדלעך געצויגן. איך האָב געקוקט פונעם בערגל, ווו די סטאַדע האָט זיך געפּאשעט, אויף די לאָנקעס, וואָס זענען געווען פארגאָסן מיט וואַסער; איבערן וואסער האָבן זיך אויפגעהויבן, אזוי ווי זאַנגען איבערן פעלד הויכע, טונקל־גרינע גראָזן. הונדערטער ווילדע קאטשקעס האָבן אַ גאַנצן טאָג זיך געלאָזט אין זייער אומענדלעכן פלי. זייער געשריי האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן אין דער אָנגעזאַפּטער מיט פייכטקייט לופט. איך האָב געטראַכט, אז ווען מיר זאָל זיך עס איינגעבן אזוי זיך א לאָז צו טאָן אין דעם ווייטן ראָוו, וואָלט איך אוודאי אָנגעקליבן א סך קאטשענע אייער. גיין אהין האָט אָבער דער פריץ פארבאָטן, דערצו איז מען נאָך געווען אויסגעשטעלט דערויף, אז הונדערטער פיאווקעס וואָלטן צעביסן די פיס. פלוצים האָב איך

באמערקט, ווי א שפּאַרבער יאָגט זיך נאָך אַ סטאַדע ווילדע קאַטשקעס. גרויסע, שווערע קאַטשקעס זענען שווייגנדיק אַנטלאָפן. איינע פון זיי האָט געוווּמען בלייבן הינטערשטעליק, נאָכדעם האָט זי זיך אָפּגעשלאָגן פון דער סטאַדע און איז אַוועק אין מיין ריכטונג. דער שפּאַרבער האָט זי אָנגעיאָגט. מיט יעדער סעקונדע איז דער מהלך צווישן אָנפּאַלער און דעם קרבן געוואָרן אַלץ קלענער, און ווען דער רויב־פויגל האָט זי דערגרייכט איז זי צוזאַמען מיט אים אַראָפּגעפאַלן אין גראָז. איך בין צוגעלאָפן. מיר איז לייכט געווען צו געפינען דאָס אָרט, ווו דער געראַנגל איז פאָרגעקומען. די פליגל פונעם שפּאַרבער האָבן פון מאָל צו מאָל זיך אויסגעשטרעקט ווי שוואַרצע קינזשאַלן איבער דער הייך פונעם גראָז. ווען כ'האָב זיך דערנעענטערט אויף אַ מהלך פון עטלעכע מעטער, בין איך געבליבן זיצן און געוואַרט אויפן סוף פון דעם קאַמף; כ'האָב מורא געהאַט, אַז די בישט רערהושעטע קאַטשקע קאָן אַמאָל אַוועק. ווען כ'בין שוין געווען גאָר נאָענט פון דעם אָרט, האָט דער שפּאַרבער מיט אַן אויסגעשריי פון אומצופרידנקייט אָפּגעלאָזט די קאַטשקע, אַוועקטראָגנדיק אין זיינע נעגל דעם אַרויסגעריסענעם האַלדז.

ווי אַן אומשאַצבאַרע ווערט־זאַך האָב איך אַ כאַפּ געטאָן די טויטע קאַטשקע און בין פון לאָנקע אַוועק צום בערגל. פון די טונקעלע ביימער, וועלכע רינגלען אַרום דעם פּאַלוואַרק, האָט זיך אָפּגעטיילט אַ העלער פונקט. דאָס איז געווען די מאַמע. איך האָב זי דערקענט. יעדן טאָג האָב איך זי אויף דעם דאָזיקן אָרט אויסגעקוקט. זי איז געגאַנגען — הייסט עס, אַז זי האָט געטראָגן פרישטיק. „אָט וועל איך עס האָבן פאַר איר אַן אומגעריכטע זאַך“ — האָב איך מיט גרויס פרייד געטראַכט. די קאַטשקע האָב איך באַהאַלטן אין אַ סטויגל פאַראַיאָריק היי און כ'האָב אָנגעשטרענגט געוואַרט, מאַכנדיק דעם אָנשטעל פון פולשטענדיקער רואיקייט.

— כ'בין געקומען — האָט געזאָגט די מאַמע — געניט האָט אינדערפרי געהלשט אין פעלד. אַ גליק, וואָס די שטוב איז נאָענט. דאָס איז פון הונגער — האָט זי צוגעגעבן. — גאָט מיינער, ווען וועט איר זיך שוין אָנעסן צו דער זעט.

— זי האָט זיך פאַרענטפערט פאַר מיר, וואָס זי האָט געבראַכט בלויז געקאָכטע באַטווינע. — מער איז קיין שום זאַך אין שטוב נישטאָ — האָט זי זיך געקלאָגט — כ'ווייס נישט, וואָס איך וועל אייך געבן אויף מיטאָג.

— איך וועל דיר געבן אַן עצה — האָב איך געזאָגט — זאָל די מאַמע אָפּקאָכן אַ יויך.

— ס'איז נאָך גוט, וואָס דיר גלוסט זיך צו חכמענען — האָט זי געענטפערט.

איך האָב פון דער באַהעלטעניש שנעל אַרויסגענומען די קאַטשקע און זי אַוועקגעלייגט לעבן דער מאַמען.

— אָט פון וואָס עס וועט זיין אַ יויך — האָב איך געזאָגט.

אין דעם טאָג בין איך שטאָלץ געווען, וואָס מיר האָט זיך איינגעגעבן באַטש אויף אַ ווייל אַוועקצונעמען פון דער מאַמען איינע פון אירע זאָרגן.

דאָס האָט פון די גרויסע שטחים לאַנקע און בלאָטעס פונעם הויף איז אין גרעסטן טייל אַראָפּגענומען געוואָרן דורך די פּויערים פון די נאָענטע דערפער פאַרן אַזוינערופענעם „הריטל“: אַ דריטל האָבן זיי פאַר זיך גענומען און צוויי דריטל — פאַרן פּריץ. דאָס איז געווען איינע פון די שווערסטע אַרבעטן פאַרן פּויער אין משך פון יאָר. פון גאָר וויט האָט מען געדאַרפט אַרויסטראָגן „אויף דער יבשה“ די שאַרפע, ווי אייזערנע שפּיזן גראָזן, און נאָכן אויסטריקע־נען און אָנהויפן — בעטן דעם אַדמיניסטראַטאָר און די אויפזעער זיי זאָלן דערלאָזן צונעמען דעם אייגענעם חלק, וועלכער האָט געקאָנט אַרויסגעפירט ווערן ערשט נאָכדעם, ווי דעם פּריצס חלק איז צוגענומען געוואָרן. „יעדער פּויער איז אַ גנב, און דו וועסט אים נישט אויסהיטן, זאָל ער דעריבער נישט אַריינ־פאָרן דאָרט, וווּ עס ליגט דעם פּריצס האָב און גוטס“ — פלעגט זאָגן דער אַד־מיניסטראַטאָר.

דער סיסטעם פון „געמיינזאַמען באַזיץ“ איז דאָרט אָנגעווענדט געוואָרן אין אַ ברייטן פאַרנעם אַפילו צווישן די פאָלוואַרק־אַרבעטער. דאָס יעטן און אויסגראָבן צוקער־בוראַקעס האָט דער פּריץ איינגעטיילט צווישן די משפּחות פון די פאַראָבקעס, מעלקערינס, פּאַסטעכער אאַ. ער האָט ביי זיי גענומען אַ פאַר־פליכטונג, אַז זיי וועלן אָפּטאָן די דאָזיקע אַרבעטן און אַנשטאָט דעם האָט ער זיי געגעבן אַ שלעכטע, דורך אים אַליין באַשטימטע באַלוינונג. אַ ביסל צוקער, אויס־געקוועטשטן זשעפּאַק פאַר די בהמות, צו וואָס די פאַראָבקעס האָבן סיי ווי געהאַט דאָס רעכט. דער דאָזיקער „סיסטעם“ האָט איינגעשפּאַנט אין דער אַר־בעט אַלע מיטגלידער פון הויזגעזינד, ווי למשל, די מינדעריעריקע קינדער, די ווייבער פון די פאַראָבקעס, די אַלטע לייט, וועלכע זענען נישט געווען פאַרבונדן מיטן אָפּמאַך וועגן טאָג־אַרבעט. די חלקים, וועלכע זענען אָפּגעגעבן געוואָרן „אויף אויפזיכט“, האָבן נישט געקאָנט זיין קלענער פון אַ מאָרג. אַזוי איז אויך געשען מיטן באַאַרבעטן ליין, קאַנאָפּיעס אאַ.

בעתן שניט האָט מען אויך געאַרבעט הונגעריקערהייט. די פאַרגרעסערטע נאָרמעס מעל און רייז האָבן געסטייעט בלויז אויף אַ זופּ. פון צייט צו צייט, ווען די סטאַדע חזירים, וועלכע דער ברודער האָט געפּאַשעט, האָט זיך דערנענ־טערט צו „מיין“ סטאַדע פערד, האָט זיך דער ברודער געשטעלט אויף דער וואַך און איך האָב מיך פאַרגנבעט אין פעלד, וווּ עס זענען געוואַקסן מערן און מאָן. בלויז דאַן האָב איך זיך אָנגעגעסן צו דער זעט.

די תבואה פונעם ערשטן דרעשן האָט נישט געטראָפן אין די הייזלעך פון די פאַראָבקעס. גאַנצע כמאַרעס בעלי־הלוואות האָבן טאָג־טעגלעך געוואַרט ביי די דרעש־מאַשינען אויף זייער ריי. דער גרעסטער טייל תבואה איז דורכן פּריץ פאַרקויפט געוואָרן שוין אין די זאַנגען, אויפן פעלד. די קויפערס האָבן בעסער געוואָלט האָבן תבואה, איידער וועקסלען אָדער אַן ערן־וואָרט פונעם „יאַשניע־פּאַן“.

דעם ערשטן אַדערויף האָט מען אַרויסגעגעבן דאַן, ווען אויפן סקלאַד האָט זיך געגומען זאַמלען קאָרן־מעל. דער דאָזיקער אַדערויף האָט אויף אַ משפּחה נישט באַטראָפן מער, ווי אַ האַלבע קערץ. אויסגעשטעלט האָט מען אַרויסגעגעבן אַ פּערטל. מער האָט מען צוגעזאָגט צו געבן אין צוויי וואָכן אַרום.

אַ גאַנצע נאַכט האָט די מאַמע פאַרבראַכט אין דער ווינט־מיל פון דאָרף וואַרסי, וווּהין זי האָט אַוועקגעטראָגן צו מאָלן דעם קאָרן. זי איז גליקלעך געווען, וואָס זי איז נישט אומזיסט געגאַנגען פיר ווי־אָרסט — אַ סך פרויען האָבן פיל לענגער געוואַרט אויפן מאָלן. זיי האָבן עטלעכע מאָל געמוזט דורכמאַכן צופוס דעם וועג. דעם פריצס אַרבעטס־פערד זענען ביי־טאָג געווען פאַרנומען אין פעלד און ביינאַכט האָבן זיי געמוזט אָפּרוען.

ווען מיר זענען אין אָוונט צוריקגעקומען פון פעלד איז די שטוב פול געווען מיט פרייד. דער ריח פון די ברויטן, וואַרעמע לעבלעך האָט פאַרפולט די גאַנצע שטוב און דאָס פאָרהויז. דער זעלבער ריח האָט פון דער מאַמעס פּנים פאַרטריבן די האַרטע זאָרג. מיר האָבן זי אַרומגערינגלט, ווען זי האָט פאַר אונדז אָפּגעבראָכן די געשמאַקע שטיקער ברויט.

— כאַפּט נישט, פאַמעלעך, נישט קיין סך מיטאַמאָל — האָט זי געוואָרנט.

— איר האָט זיך אָפּגעוווינט פון ברויט, ס'קאָן אייך פאַרשאַטן.

נאָכן שניט האָט מען אין הויף אָנגעהויבן אויסצוצאָלן פאַר די חדשים אַרבעט. איינציקווייז האָט מען די פאַראָבקעס גערופן אין דער קאַנצעלאַריע פונעם אַדמיניסטראַטאָר. די מענטשן, וואָס זענען אַרויס פון דער קאַנצעלאַריע, האָבן געהאַט אַנטוישטע, טרויעריקע מינעס. נישט גערן האָבן זיי געענטפערט אויף די פראַגעס פון די, וועלכע האָבן נאָך געוואַרט אויף זייער ריי. זיי האָבן זיך אַזוי געאײַלט אַהיים, ווי זיי וואָלטן עפּעס אויסערגעוויינלעכס געטראָגן.

„דאָס איז דאָך פּשוט אוממעגלעך — האָבן זיי איבערגעחזרט. — איך האָב דאָך געהונגערט די גאַנצע צייט און דאָ קומט גאָר אויס, אַז מיט די פאַרציעס מעל און רייז האָב איך אויפגעגעסן אַלץ, אָדער כמעט אַלץ, וואָס איך מיט דער משפּחה האָבן פאַר דער גאַנצער צייט פאַרדינט", דער חשבון איז אָבער, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, געווען „אָן שום טעות".

— אַזויפיל און אַזויפיל געבייטלטע מעל און רייז האָט איר גענומען — האָט געמאָלדן דער קאַנצעלאַריסט. — אָט איז אייער אייגענער אונטערשריפט פון אַזאַ און אַזאַ טאָג. ווייטער — אַ צווייטער אונטערשריפט, אַ דריטער. אַ קילאָגראַם רייז איז גלייך צו אַזויפיל און אַזויפיל קילאָגראַם קאָרן, אַ קילאָגראַם געבייטלטע מעל איז גלייך אַזויפיל און אַזופיל, סומירנדיק אַלזאָ באַקומט זיך, אַז איר זענט אונדז שולדיק.

עס זענען געפאַלן ציפערן וועגן פאַרשולדיקטע סומעס, וועגן חובות. עס זענען געווען פאַלן, ווען אייניקע, וואָס האָבן אַ גרויסע צאָל קינדער און ווייניק אַרבעטס־הענט האָבן שוין געהאַט אָפּגענומען מער, ווי זיי האָבן פאַרדינט. אונדז איז נאָכן אויסחשבונען אַרויסגעקומען אַ האַלבער קערץ קאָרן.

— כ'ווייס נישט — האָט די מאַמע געזאָגט — צי כ'דאַרף עס עסן אָדער בלויז קוקן דערויף. אַזויפיל קאָרן איז פּונקט גענוג אויף צו קוקן דערויף, און וואָס וועט מען לייגן אין מויל אַריין?

מע האָט אויסגעוויילט אַ דעלעגאַציע צום פּריץ. אין באַשטאַנד פון דער דעלעגאַציע זענען אָבער אַריין די צום ווייניקסטנס געליטענע, און די וואָס באַציִען זיך גינסטיק צום פּריץ. עס איז אָבער געשען אַזוי, אַז דער פּריץ צוזאַמען מיט זיין „יאַשניע פּאַני" זענען אויף צוויי וואָכן געלם געוואָרן פון דאָרף. פאַר דער צייט זענען מענטשן אַביסל אָפּגעקילט געוואָרן. ווען דער פּריץ איז צוריקגעקומען, איז ער געווען דענערווירט, געמאַכט אַוואַנטורעס פאַר אַ ליאַדע קלייניקייט. ער האָט פאַרבאָטן צוצולאָזן צו זיך די פּאַראָבקעס, מעלקעריגס און אַפילו די עקאָנאָמען. ער איז אַרומגעפאָרן אויפן פלינקסטן פערד „שטשורעק" און האָט פאַרשפּרייט שרעק צווישן די מענטשן.

— ס'איז בעסער אַצינד נישט אָנצוהייבן מיט אים — האָבן געטענהט די אויסגעוויילטע דעלעגאַטן.

עס איז אָנגעקומען דער האַרבסט. די צונויפגענומענע קאַרטאָפל האָבן געגעבן אַ גאַראַנטיע איבערצוווינטערן, ווי מ'האָט געזאָגט, ביז ניי־יאָר, ווייטער, ערב־פרילינג וועט זיך אָנזאַמלען פון לויז, אַז מ'זאָל שוין מער נישט דאַרפן מאַכן קיין הלוואות מיט רייז אָדער „שטאַטישן" מעל. „וואָס און ווו וועסטו עפעס זוכן ווינטער־צייט, ווען דו זאָלסט אַפילו פייפן אויפן פּריץ און אַוועקגיין?" — האָבן מענטשן געטענהט.

די ערשטע גרעסערע פּרעסטלעך האָבן אומגעלעך געמאַכט צו פּאַשן די פערד. נישט איך האָב שיך געהאַט, נישט דער ברודער, נישט די מאַמע. בלויז די שוועסטער איז געגאַנגען צו דער אַרבעט. כדי איינצושאַפן אַ פּאָר שיך פאַר מיר, האָט מען געדאַרפט פאַרקויפן דאָס ביסל עופות, וואָס די מאַמע האָט איבערן זומער אויסגעהאָדעוועט. דער פּריץ האָט זיך געבייזערט און געדראָט מיט אַרויסוואַרפן פון דער אַרבעט דערפאַר, וואָס די מאַמע האָט נישט אויסגעפירט דעם אָפּמאַך, לויט וועלכן צוויי מענטשן האָבן געדאַרפט אַרויסגיין צו דער אַרבעט. מ'האָט געמוזט אַרבעטן מיט דער האָפענונג, אַז נאָך ניי־יאָר וועט מען באַקומען אַביסל פּראָדוקטן.

איך האָב באַמערקט, אַז די מאַמע האָט זיך אויפגעהערט צו זאָרגן וועגן דער גוטער מיינונג פון פּריץ.

— ס'איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן — האָט זי געזאָגט. — אַמאָל האָב איך מיט אייך געהונגערט אָן זיין מאַיאָנטעק. איצט הונגערן מיר ווידער. מ'דאַרף זוכן אַן אַנדער אויסוועג. איר זענט שוין אונטערגעוואַקסן און מיר וועלן נישט פאַרפאַלן ווערן. — אַן „אַנדער אויסוועג" האָט פאַר דער מאַמען געהייסן — מיך אָפּגעבן אויף דער לער. — וועסט זיין אַ שלאָסער אָדער שמיד — האָט זי געזאָגט. — ס'וועט דיר זיין גוט. צום ערגסטן איז די פּראָסטע מענטשן —

האָט זי געטענהט. אַ קליינער בעל־מלאכה אָדער אַ קוואַליפיצירטער אַרבעטער איז פֿאַר איר נישט געווען קיין „פּראָסטער מענטש“.

עס איז שווער געווען צו באַקומען אַ פֿאַד. פֿאַר דער לערע האָט מען גע־דאַרפֿט באַצאָלן אַ באַדייטנדיקע סומע, דערצו נאָך האָט מען געדאַרפֿט וואַרגן וועגן אַ מלבוש, וועגן צושיקן וועש אין משך פֿון אַ פּאָר יאָר. נישט קיין סך האָבן זיך דאָס געקאָנט דערלויבן. עמעץ אין הויף האָט דערציילט, אַז אין שטאָט נעמט מען אָן יינגלעך אויף דער לער אויף 4 יאָר צייט. מען גיט אַפֿילו עסן און אַ סטאַנציע, סטרעפּט אויך, אַז מען באַקומט אַ שטיקל מלבוש, אויב דאָס יינגל איז געהאָרכזאַם. די מאַמע האָט געהאַלטן, אַז דאָס בין איך טאַקע אַזאַ מין יינגל. זי האָט אויף איר אָרט געדונגען אויף צוויי טעג אַ מעלקערין און איז מיט מיר אַוועק צופֿוס קיין מעזריטש. אין משך פֿון צוויי טעג זענען מיר געווען ביי אַ צענדליק שמידן און שלאָסערס — קיין שוסטער האָב איך נישט געוואָלט ווערן. אין ערגעץ האָט מען מיך אָבער נישט געוואָלט צונעמען.

— פֿרילינג־צייט קאָנען מיר אים נעמען אויף פּראָבע, אָבער איר דאַרפֿט פֿאַר אים צוצאָלן און קיין עסן וועט ער נישט קריגן — האָט מען אונדז גע־ענטפֿערט. — אַ סך אַזעלכע ווי איר וואָלטן געוואָלט ווינטער־צייט פּטור ווערן פֿון איבעריקע מיילער.

כ'בין צוריקגעגאַנגען אַהיים מיט אַ צעבראָכענער האָפֿענונג. צוריקוועגס האָט זי געוואָלט גיין דורכן דאָרף לוזקי.

— מיר וועלן אָפּטרעטן צו אונדזער אַמאָליקער באַלעבאָסטע, אפֿשר וועט זי עפּעס געבן — האָט זי געזאָגט. — כ'האָב זיך אויף איר אויך אָנגעהאָרעוועט.

דער וועג קיין לוזקי האָט געפֿירט דורכן דאָרף דירעלווו.

— ווייסט וואָס? — האָט זיך אָנגערופֿן צו מיר די מאַמע. — כ'בין הונ־געריק. מירן אַריינגיין אין עטלעכע כאַטעס און בעטן אַ שטיקל ברויט. ס'וואָלט גוט געווען צו ברענגען עטלעכע פּענעצן מיט זיך אַהיים, פֿאַר די קינדער. די באַ־לעבאָסטע איז אַ קאַרגע און ס'איז נישט זיכער, צי זי וועט אונדז עפּעס געבן — האָט זי געזאָגט. — דו וואָלסט אויך געקאָנט אַריינגיין, מ'וועט דיר געבן, ביסט דאָך נישט קיין גרויסער.

דער מאַמעס ווערטער האָבן אַצינד מיך שוין נישט אַזוי איבערגעשראָקן ווי דעמלט, ווען זי האָט מיך מיטן ברודער אַרויסגעשיקט אינעם טאָג פֿון „אַלע הייליקע“. כ'האָב נישט דערווידערט. די מאַמע האָט, ווייזט אויס, געטראַכט, אַז כ'בין מסכים אויף איר פֿאָרשלאָג. זי האָט מיך געהייסן גיין אויף דער לינקער זייט פֿונעם דאָרף, אַליין איז זי אַוועק אויף דער רעכטער. ביי דער ערשטער כאַטע, וואָס איז געווען אָרים און אַלט, בין איך לאַנג געשטאַנען און געטראַכט וואָס צו טאָן: אַריינגיין אָדער נישט. די מאַמע איז שוין אַריינגעגאַנגען אין דער דריטער כאַטע, ווען איך האָב באַשלאָסן נישט אַריינצוגיין. „דאָ וווינען גיכער אָרעמע מענטשן, זיי וועלן מיר סיי ווי סיי גאָרנישט געבן, חרפּה דערפֿאַר וועל איך זיך אָנגעמען איבערגענוג“ — האָב איך פֿאַר זיך אַליין זיך אויסגעטענהט.

כ'בין אַוועק ווייטער. איך האָב אַריינגעקוקט אין הויף. כ'וואָלט גערן געטאָן דעם ווילן פון דער מאַמען, איך האָב אָבער געזוכט אַ סיבה, אַז איך זאָל עס נישט דאַרפן טאָן. „אָט, ווען אין הויף זאָל זיין אַ הונט — האָב איך געטראַכט — וואָלט איך דאָך נישט געקאָנט אַהין אַריינגיין און כ'וואָלט געהאַט אַ תירוץ פאַר דער מאַמען“. ביי יעדער כאַטע האָב איך זיך געגעבן אַ וואָרט, אַז אין דער קומענדיקער וועל איך שוין זיכער אַריינגיין. אין איינער האָבן מיר די פענצטער אויסגעוויזן צו זיין נישט קיין פריינדלעכע, אַ צווייטע איז געווען אַ צו שטאָלצע, אַ צו הויכע, אַ צו שיינע אאוו. בין איך זיי פאַרבייגעגאַנגען.

איך האָב עטלעכע מאָל געזען, ווי די מאַמע איז אַריין און אַרויס פון כאַטעס. זי האָט געקוקט אויף מיר. אין האַנט האָב איך געטראָגן אַ קליינע טאָרבע און מיר האָט זיך געדוכט, אַז די מאַמע זעט די פוסטקייט אין איר. איך האָב זיך געמוזט אַנטשליסן. איינע אַ כאַטע, וואָס איז געשטאַנען ביים סאַמע וועג, איז געווען פון דער ערד ביזן סאַמע דאַך באַדעקט מיט בלעטער. זי האָט ביי מיר נישט געוועקט קיין שום פאָרבאַהאַלטן און אַהין בין איך אַריין אָן שום מורא. מיט אַ מאָרגנער שטים האָב איך אָפּגעזאָגט דעם באַגריסונגס־פסוק ביי דער טיר. אינמיטן שטוב אויף אַ פּיאָק איז געזעסן אַ קליין, דיקלעך ייִנגל און זיך געשפּילט מיט אַ ווינטמיל, וואָס דער טאַטע האָט פאַר אים מסתמא געמאַכט. דאָס פּנים ביים ייִנגל איז געווען געדיכט באַזעצט מיט זומער־שפּרענקעלעך.

— אפשר וואָלט איר מיר עפּעס געשענקט — האָב איך זיך אָנגערופן.

פון דער טיר אין דער שכנותדיקער שטוב האָט זיך אַרויסגעבויגן אַ מענערקאָפּ און איז נעלם געוואָרן. דאָס ייִנגל האָט אַ צייט לאַנג געקוקט אויף מיר, נאָכדעם אויף דער טיר, פון וואַנען דער מאַנספּערשוין האָט אַרויסגעקוקט. ער איז אויפגעשטאַנען צוגעגאַנגען צום טיש, האָט אָפּגעשניטן פונעם לעבל אַ שפּאָר שטיק ברויט און אָן אַ וואָרט צו זאָגן מיר עס געגעבן.

— אַדאַנק — האָב איך געזאָגט און שנעל אַרויס.

כ'האָב ווייטער אויסגעמיטן עטלעכע כאַטעס, ביז איך האָב זיך אַנטשלאָסן אַריינצוגיין אין איינער. אין אַ ברייטער דירה איז אַנטקעגן דער טיר געשטאַנען אַ גרויסער שפּיגל, דאָס האָט מיר טאַקע אוממעגלעך געמאַכט זיך צו אָריענטירן, וויפל ווייבער עס זענען געווען אין דער דירה בעת מיין אַריינקומען. זיי זענען געזעסן אַרום אַ ניי־מאַשין און ווען זיי האָבן מיר דערזען, האָבן זיי איבערגעריסן די אַרבעט. כ'בין צעטומלט געוואָרן. „אויב דאָ וווינען נישט קיין באַלעבאַטים — האָט קיין זין נישט צו בעטן“ — איז מיר אַדורך אַ געדאַנק. כ'האָב אָבער געוואָלט דערקלערן, צו וואָס כ'בין אַהער געקומען. כדי ס'זאָל נעמען אַ סוף, האָב איך געזאָגט:

— אפשר וועט איר מיר עפּעס שענקען?

— אַזאַ יונגער, וואָלסט בעסער זיך גענומען צו אַן אַרבעט — האָב איך געהערט אַן ענטפער.

— כ'האָב זומער געפּאַשעט פערד — האָב איך זיך געפּרווט פּאַרענט־פערן.

— טאָ לערן זיך נישט ווינטער־צייט אַרומשלעפּן, גיי בעסער ערגעץ צו אַ באַלעבאָס.

כ'האָב זיך דערפילט באַליידיקט. ס'איז אַוועק פון מיר די שעמעוודיקייט און כ'האָב עזותדיק געענטפערט:

— טאָ נעמט מיך צו זיך. איך קאָנט בלויז רעדן, העלפן ווילט איר נישט.

איך האָב שטאַרק אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און האָב זיך מער נישט פאַרהאַלטן ביי קיין שום כאַטע. איך האָב געוויינט.

דער מאַמען האָב איך געטראָפן הינטערן דאָרף. זי האָט שוין געוואַרט אויף מיר. זעענדיק מיינע טרערן האָט זי פון דערווייטנס גענומען פריינדלעך שמייכלען צו מיר.

— נעם זיך נישט צום האַרצן. זיי האָבן גאָרנישט נישט געגעבן און דערצו נאָך אָנגעשריגן, אַ? כאַפּט זיי דער טייוול, מירן ווי נישט איז דורכלעבן — האָט זי געזאָגט.

זי האָט אויך קיין גליק נישט געהאַט. סך הכל האָט זי צונויפגענומען פיר שטיקלעך ברויט.

קולאַקישע גוטהאַרציקייט

אין פעברואַר איז צו אונדז געקומען צו פאָרן דער באַלעבאָס פון זשעשאַטקעוו. ער האָט געדאַרפט אַ פאַסטעך. דעם ברודער עוגעניוש האָט ער אָפּגעגעבן אויף דער לער צו אַ פעלצנמאַכער. ער האָט זיך דערמיט באַרימט.

— איך וועל פון אים מאַכן אַ לייט — האָט ער געזאָגט. — אַלבין וועט אויך נישט אייביק פאַשען ביי אונדז די קי. ער וועט זיך אויסלערנען אַרבעטן אין מיל. דאָס איז אויך אַ פאַך.

די אמתע סיבה, פאַרוואָס דער באַלעבאָס האָט דעם ברודער אָפּגעגעבן אויף דער לער איז געווען, וואָס ער איז שוין אַרויס פונעם פאַסטעכער-עלטער. עס איז מיר אַ שאָד געווען איבערצולאָזן דער מאַמען, איך האָב אָבער געוווסט, אַז זי האָט אויך ברעה צו וואַרפן די אַרבעט פרילינג-צייט. דאָס איז נאָך מער נייטיק געווען דערפאַר, ווייל די שוועסטער האָט אויך געוואָלט אַוועק פון פאָלווארק. אָן דעם, אַז די מאַמע זאָל געבן געהילף-אַרבעטער, האָט זי נישט געקאָנט בלייבן ביים פריץ.

זשעשאַטקעוו האָט פאַר מיר געהאַט אַ צווייענדיקע באַדייטונג. דאָ האָב איך געהאַפט ווערן אַ „לייט" און אין דעם דאָרף איז אויך געווען אַ ביבליאָטעק, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אַראַנק עטלעכע „זאַראַניאַזשעס".[1] דער זון פונעם באַלעבאָס, יאַן, איז געווען אַ „ראַדיקאַלער" מיטגליד פון דער פויערים-פאַרטיי. ער האָט אויסגעשריבן עטלעכע צייטונגען, געהאַט עטלעכע ווערטפולע ביכער, ווי איך האָב זיך אָבער איבערצייגט, האָט ער זיך נישט געמיאוסט מיט אַזעלכע מעטאָדן פון באַרייכערן זיך, וועלכע עס האָבן אָנגעווענדעט די ענדעקעס אָדער אַנדערע קעגנער פון פויערישן ראַדיקאַליזם. ער האָט אַפילו געהאַט זיינע אייגענע פרינציפן וואָס שייך רייך ווערן.

— פלינקייט און עלטער — האָט ער געזאָגט — שפילן דערביי די הויפּט-ראָל. אויב דו וועסט ביז אַ יאָר פינף און פערציק נישט באַוויזן רייך צו ווערן, מעגסטו אויפהערן וועגן דעם צו טראַכטן.

---

[1] אזוי האָט מען גערופן די אַנהענגער פון דער ראַדיקאַל-פוילישער צייט-שריפט „זאַראַניע" וואָס איז דערשינען אין די יאָרן 1907—1914 און האָט אַרום זיך גרופירט פאָרגעשריטענע פויערים — (איבערזעצער).

יאָן האָט געוואָלט רייך ווערן. צוליב דעם האָט ער נישט בלויז געזאָרגט פאַר דער רענטאַבלקייט פון זיין מיל, נאָר ער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט שפּעקולאַציע. „אויב איך וועל נישט האַלטן די תבואה ביז איבערן ווינטער — וועט דאָס אַן אנדערער טאָן" — האָט ער געטענהט. דאָס, האָט ער געהאַלטן, איז בכלל נישט אין ווידערשפּרוך צו זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען. ער האָט קיינמאָל קיין שלעכטס נישט גערעדט וועגן ראַטנפאַרבאַנד. ער האָט אַפילו געגלויבט די באָלשעוויקעס פאַרן אַראָפּוואַרפן די מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטן. ער האָט אָבער געהאַלטן, אַז אין פּוילן איז קיין רעוואָלוציע נישט נויטווענדיק. דאָס האָט אים אויסגעזען צו זיין באַזונדערס ריכטיק נאָכדעם, ווי ער האָט זיך איינגעקויפט אַ וואַלץ און אַ ברען־מאָטאָר און האָט אויך אָפּגעקויפט צוויי העקטאַר פון אַ פאַרצעלירטן הויף.

ער איז אויך געווען אַן אַטעיסט, ער האָט אָבער געהאַלטן, אַז קינדער און מינדעריעריקע דאַרפן גיין צום גלח זיך מתוודה זיין, תפילות זאָגן און ווען זיי וועלן ווערן דערוואַקסענע זאָלן זיין טאָן, וואָס זיי ווילן. די מאַי־איבערקערעניש איז פאַר אים געקומען פולשטענדיק אומגעריכט. „אַ שלימזל — האָט ער געזאָגט אויפן אַדרעס פון וויטאָסן. — איך האָב זיך נישט געריכט, אַז זיי זעגען אַזוי שוואַך געזעסן אין זאָטל".

אין דער צייט האָב איך באַשלאָסן איבערצולייענען די גאַנצע ביבליאָטעק, וועלכע עס האָט געבראַכט דער נייער לערער. ער האָט געהאַט עטלעכע הונדערט צופעליק צונויפגעקליבענע ביכער. מיט דעמזעלבן ברען האָב איך געלייענט מגישקוונעם קלאָגעניש איבערן גורל פון דער „קרעציקער", און פּאָרנאָגראַפישע אויסגאַבעס, וועלכע דער באַלעבאָס האָט דיסקרעט אויסבאַהאַלטן. איך האָב געפונען און איבערגעלייענט די פאַרשידנסטע עצה־ביכלעך פאַר יונגע מאַן און ווייב. איך האָב אויך אָנגעטראָפן אויף פילאָזאָפישע דערציילונגען פון וואָלטערן. דאָס, וואָס איך האָב פונעם איבערגעלייענטן פאַרשטאַנען, האָט מיך געמאַכט קעמפעריש געשטימט. פון דאַן האָב איך גענומען זוכן ביכער מיט אַ געזעלשאַפטלעכן אינהאַלט. אויף לייענען האָב איך געהאַט אַן אומבאַגרענעצטע צייט. פון פאַרטאָג ביז זון־פאַרגאַנג האָב איך געלייענט און איבערגעלעבט די פאַרשידענע פּאַסירונגען מיט די העלדן פון די ביכער; ווייניקער האָב איך פאַרשטאַנען דעם מיין פון די שרייבער.

אַלס מינדעריעריקער בין איך, לויטן פאַרלאַנג פון מיין באַלעבאָס, אַוועק אין 1927 יאָר זיך מתוודה זיין ביים גלח. מיין לאַגע איז געווען אַ גאַנץ מאָדנע. דאָס, וואָס איך האָב געהאַלטן אַלס פאַרברעכן לגבי דעם אייגענעם געוויסן, האָב איך לויט מיין מיינונג נישט געקאָנט פאַרטרויען דעם גלח. איך האָב געוואָלט אָפּקומען מיט קלייניקייטן.

— כ'האָב געוואָרפן שטיינער. צייטנווייז האָב איך געשאָלטן — האָב איך זיך מודה געווען.

מער האָב איך קיין שום זאַך נישט געקאָנט געפינען און כ'בין אַנטשוויגן געוואָרן. דער גלח האָט זיך אַרויסגעבויגן פון קאָנפעסיאָנאַל, האָט מיך באַטראַכט און האָט ווידער אונטערגעשטעלט דאָס אויער. איך האָב געשוויגן. דאַן האָט ער מיך געהייסן זיך נאָך מער דערנענטערן צו אים און האָט געפרעגט:

— און מיידלעך האָסטו געטשעפעט?

— יאָ — האָב איך געענטפערט.

— וואָס האָסטו זיי געטאָן? — האָט ער געפרעגט.

איך האָב זיך דערמאָנט, ווי אַזוי איך האָב דורכגעצויגן אַ דראָט צווישן צוויי סלופּעס און אויף אים אַרויפגעטריבן די מיידלעך, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון קאָשטשאָל. דער גלח האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף מיין ענטפער און האָט ווייטער מיך אויסגעפרעגט:

— אפשר האָסטו זיי אַרונטערגערוקט די האַנט אונטער דער בלוזקע, אַ?

— ניין — האָב איך אויסגעשטאַמלט, אַ צעמישטער.

— אָבער הינטערן קליידל אויף זיכער, אַ? — איז נישט אָפּגעטראָטן דער פּראָבאָשטש.

איך האָב זיך אַ ריס געטאָן, אַזוי ווי מ'וואָלט מיך אָפּגעגאָסן מיט הייס וואַסער. איך האָב אַריבערגעצויגן דאָס היטל איבער די אויערן און בין שנעל אַרויסגעלאָפן פון קאָשטשאָל.

— וואָס איז געשען? — האָבן מיך געפרעגט באַקאַנטע ייִנגלעך.

— גאָרנישט — האָב איך געענטפערט. איך האָב זיך געשעמט איבערצוחזרן דעם גלחס פראַגעס.

כ'בין אָפּט געגאַנגען צום ברודער און ער פלעגט קומען צו מיר. די לערנונג איז באַשטאַנען נישט נאָר אין איינזייערן פעל און אַנדערע פּראָצעסן פון באַאַרבעטן זיי. ער האָט אויך געאַרבעט אין פעלד, אין שייער, אין דער הייב. העלפנדיק דער באַלעבאָסטע ביים מאַכן אָרדענונג. דריי יאָר האָט דער ברודער געאַרבעט אָן געהאַלט ביי אַ דאָרפישן גביר, וואָס האָט געפירט אַ קאָמבינירטע ווירטשאַפט. דער פעטער (אַזוי האָב איך גערופן מיין באַלעבאָס) האָט צוגעזאָגט, אַז נאָך צוויי יאָר אַרבעט ביי אים, וועט ער פאַר מיר אויך געפינען נישט קיין ערגערן פּלאַץ.

— אפשר וועט אויסקומען לענגער מיט אַ יאָר צו אַרבעטן, דערפאַר וועסטו זיך בעסער אויסלערנען די מלאכה — האָט ער מיך געטרייסט.

די מאַמע האָט פון פּאָלוואַרק זיך איבערגעטראָגן קיין זשעטשיצע. אַרבעט האָט זי געקאָנט קריגן אין וואַלד=אַמט פונעם גראַף פּאָטאָצקי, אָבער דער וואַלד=אויפזעער האָט נישט געוואָלט, אַז אַן אַרבעטערין, וואָס דאַרף נאָכזעען צענדליקער חזירים און עופות, זאָל האָבן מער ווי איין קינד. זי האָט צו מיר וועגן דעם געשריבן. איך האָב באַשלאָסן איר צו העלפן. נאָך אַ שטאַרקן און עקשנות=

דיקן לויבן די מעלות פון מיין הינקענדיקן ברודער מאַריאַן האָט זיך מ׳ד ענדלעך איינגעגעבן איינצורעדן איינעם פון די רייכע באַלעבאַטים, אַז ער זאָל אים צונעמען אַלס פּאַסטעך. מיטן גיין־יאָריקן ברודער מאַלעק האָב איך ניט געהאַט קיין גרויסע שוועריקייטן. ער איז ניט געווען קיין קאַליעקע און איך האָב שנעל געפונען אַ באַלעבאָס, וואָס האָט צו זיך גענומען דעם „ברעקל־פּאַסטעכל“, ווי ער האָט אים גערופן.

די צייט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין זשעשאָטקעווו האָט אין מיר פאַרפעסטיקט די זיכערקייט אין זיך. איך האָב געהאַט נאָענט פון זיך די ברידער, איך האָב געוווסט וואָס ביי זיי הערט זיך. אַמאָל פלעגט יעדער ביסן, וואָס כ׳האָב אויסגעגעסן ביים באַלעבאָס, מיך דערמאָנען אין די הונגעריקע ברידער און אין דער מאַמען. איך האָב דעמלט געטרוימט, ווי אַזוי זיי איבערצושיקן אַ טייל פון דעם, וואָס איך עס אויף. אָבער דאָס איז געווען אוממעגלעך. איצט בין איך פאַר דער מאַמען אויך געווען רואיק. זי האָט מיר געשריבן, אַז זי אַרבעט שוין אין וואַלד־אַמט, עסן האָט זי צו דער זעט און עס איז איר מיט דער קליינער זאָפיען גוט. זי האָט פאַר דער קליינער מילך, ברויט, זי באַדויערט בלויז, וואָס אונדז איז ניט אַזוי גוט.

חוץ מיט ביכער און פּאַשען בהמות האָב איך זיך כמעט מיט קיין זאַך ניט פאַרנומען. אַ סך באַלעבאַטים פלעגן חוזק מאַכן פון מיין לייענען.

— וואָס הערט זיך אין דער גרויסער וועלט. — האָבן זיי מיט שפּאָט געפרעגט.

געוויינלעך פלעג איך שווייגן. זעלטענער פלעג איך ענטפערן:

— גיט אַ שמעק, וועט איר וויסן.

אין די דאָזיקע יאָרן בין איך אויסגעוואַקסן. אָבער די באַציונג פון דער אָרטיקער יוגנט צו מיר איז געווען אַ גרויסהאַלטעריש. „אַ פּאַראָבעק — האָבן געזאָגט די מיידלעך. — ניטאָ מיט וועמען צו האָבן צו טאָן“. מיך האָט אינטערעסירט, ווי אַזוי וואָלט אויסגעזען דאָס „האָבן צו טאָן“ מיט זיי, ווען איך וואָלט ניט געווען קיין פּאַראָבעק.

קיין פאָלקס־הויז איז אין דאָרף ניט געווען. פאַרזאַמלונגען פלעגט מען געוויינלעך צונויפרופן ווען שטייערן־ענינים. אַזוי ווי אין פּאָלוואַרק, פלעגן אויך דאָ די טאַנץ־אָוונטן און אַנדערע פאַרווייליקונגען פאָרקומען אין ענגע דירות. דער אונטערשייד איז בלויז געווען, וואָס דאָ פלעגן ניט אָנפאַלן די אַדמיניסטראַטאָרן און די עקאָנאָמען פלעגן ניט באַנוצן קיין מיאוסע זידל־ווערטער און פאַנאַנדערטרייבן אַלעמען שלאָפן, אַזוי ווי אין אַלעקסאַנדראָווקע. „היינט פאַרעט איר זעך, איר מאַלפּישע בעבעכעס — פלעגט געוויינלעך שרייען דער אַדמיניסטראַטאָר — און מאָרגן וועט איר זיך פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט“.

דאָרט פלעג איך אין די „אָוונטן“ זיך באַטייליקן ווי אַ גלייכער, העלפנדיק די הייזעריקע פידלען מיט אַ פּייקל און צימבלעך, אויף וועלכע כ׳פלעג קענען אויסקלאַפּן פאַרשידענע טאַקטן. דאָ פלעג איך קומען טאַנצן אַ „קאַטאַרזשינע“,

וועלכע איז ביי מיר „געגאַנגען“, וואָס אַן אמת, פון ערשטן מאָל, אָבער אויסגענומען האָב איך בלויז ביי אַלטע פּאַניעס, וועלכע האָבן געוואָלט, ווי מ'האָט געזאָגט, זיך דרייען אויף אַ מאָדערנעם אופן.

די דאָזיקע צייט איז געבליבן אין מיין זכרון ווי אַ צייט פון זאָרגלאָזן לייענען ביכער, פון אַן אומענדלעכער ריי פּרעכטיקע פרימאָרגנס און טעג, פון לאָנקעס פולע מיט שמעקנדיקע גראָזן און בלומען. דאָס האָט זיך מיר קודם כל פאַרגעדענקט. דאָס לעבן איז אָבער נישט געווען קיין פויגלדיקס. ווינטער פלעג איך שלאָפן אין שטאַל לעבן די קי און שעפּסן. מ'האָט געקאָנט שלאָפן אין שייער. אַזוי ווי זומער־צייט, עס איז אָבער געווען שווער אויסצוהאַלטן בעת די פרעסט אונטער אַ קורטקע, אויף אַ פּלאַכטע, אָדער בכלל אָן דעם. אָנשטאָט אַ קישן האָב איך זיך אונטערגעלייגט דאָס רעקל, אין וועלכן כ'האָב ביי טאָג געאַרבעט. זעלטן האָב איך זיך אויסגעטאָן צום שלאָפן. דאָס האָט אָבער קיין באַדייטונג נישט געהאַט אין פאַרגלייך מיטן הונגער, וועלכער האָט זיך ווי אַן אומענדלעכע קייט געצויגן אין משך פון אַלע פאַרגאַנגענע יאָרן.

פונקט ווי אין דער פריער קינדהייט, האָב איך דעמאָלט געגלייבט, אַז עס וואָלט אוממעגלעך געווען אין אַזאַ גרויסער וועלט, וועלכע איך האָב געקענט פון די ביכער און פון דערציילן, נישט דורכצולעבן כאָטש איינעם פון די העלדישע מאָמענטן אין לעבן. איך האָב גענוי נישט געוווּסט, וואָס דאָס דאַרף זיין און ווי אַזוי דאָס וועט פאָרקומען, אָבער וויכטיק איז דאָך געווען אויפצוטאָן דאָס, וועגן וואָס כ'האָב אַלץ מער געטרוימט, טיילנדיק זיך וועגן דעם מיט מיין ברודער עוגעניוש, וועלכער האָט שוין געהאַט פאַרענדיקט די לער.

קודם כל האָבן מיר באַשלאָסן, אַז מיר וועלן זאָרגן פאַר דער מאַמען. זי האָט זיך אַזויפיל אָנגעמאַטערט צוליב אונדז, און נאָך איצט אַרבעט זי פון פאַרטאָג ביז אין דער נאַכט אַריין. דער ברודער האָט געגלייבט, אַז אים וועט זיך איינגעבן איינצואָרדענען אַ פעלצנמאַכעריי. איך האָב געזאָלט אַרבעטן מיט אים צוזאַמען. מיר האָבן שוין אַפילו צונויפגערעכנט דעם פאַרדינסט פון איין סעזאָן. עס איז אויסגעפאַלן נישט ווייניקער פון פינף זלאָטעס פאַר אַן אַרבעטס־טאָג. נישט אונדזער טאַטע, נישט קיינער אַפילו פון אונדזערע באַקאַנטע האָט זיך נישט געקאָנט גרויסן מיט אַזאַ מין פאַרדינסט.

די מאַמע האָט געשריבן, אַז אין טאַרטאַק און אויפן שאָסיי, אין וואַלד און אויף די וועגן פאַרדינען מענטשן נישט שלעכט און אויב אונדז וועט זיך אַפילו נישט איינגעבן צו פאַרלייגן אַ וואַרשטאַט, אויף וואָס זי האָט באַשטימט אַ העלפט פונעם געלט, וואָס זי וואָלט געגעבן נאָכן פאַרקויפן דעם חזיר, וועלכן זי האָט געהאָדעוועט, וועלן מיר דאָך ענדלעך קאָנען לעבן ווי מענטשן. „איך דאַנק גאָט, וואָס איר זענט שוין דערוואַקסענע. איצט בין איך גליקלעך“.

ז ע ל ב ש ט ע נ ד י ק

איך האָב באַשלאָסן זיך אומצוקערן אַהיים. איך האָב בלויז נישט געוווּסט, וווּ איז די היים און ווי אַזוי זי וועט אויסזען. אַלס היים האָבן מיר באַטראַכט די נאָענטקייט פון דער מאַמען. דער פעטער האָט מיר געקויפט שטיוול מיט כאַלעוועס, אַ פּאָר הויזן, אַ מאַרינאַרקע און אַ שניפּס.

— ביזט אַ גאַנצער מאַנספּאַרשוין — האָט ער געזאָגט.

די ברידער האָב איך אויך מיטגענומען מיט זיך. איך האָב געוואָלט, אַז טאָלעק זאָל קאָנען גיין אין שול און מאַניעק — צו אַ שוסטער אויף דער לער. די צווייטע העלפט פונעם הזיר האָט די מאַמע באַשטימט אויף צו באַצאָלן די ערשטע האַטע דעם קומענדיקן שוסטער-מייסטער.

ווידער האָב איך געוווינט אין זשעטשיצע. די יונגלעד פון מיין עלטער האָב איך דערקענט בלויז לויט די פאַמיליעס. די אַמאָליקע קליינע חברה-לייט זענען שוין איצט געווען דערוואַקסענע. פאַר איינעם פון זיי האָט די שוועסטער חתונה געהאַט. זיי זענען געווען דריי ברידער — אַלע סעזאָן-אַרבעטער. דאָס הויז, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, האָט געהאַט דריי צימערן. איין צימער האָב איך אָפּגעדונגען פאַר זיך און פאַרן ברודער.

דער ברודער עוגעניוש האָט געפּלאַנט צו עפענען אַ וואַרשטאַט ווייט פון שטאָט, אין מיין מומעס דאָרף אָסטראָווקע. אין שטאָט איז דאָס אוממעגלעך געווען. דער צוגעזאָגטער האַלבער הזיר וואָלט נישט געסטייעט אַפילו אויף צום דינגען אַ לאָקאַל און באַצאָלן פאַר אַ חודש דירה-געלט. חוץ דעם איז נישט גרינג געווען צו באַקומען אַ דערלויבעניש אויף צו פירן אַ וואַרשטאַט. דער פויער פון קזשעשלין, ביי וועמען מיין ברודער איז געווען אויף דער לער, האָט געהאַט דאָס רעכט צו פירן אַן אייגענעם וואַרשטאַט, ער האָט אָבער נישט געקאָנט געבן אַזעלכע רעכט די געזעלן, וועלכע האָבן ביי אים געאַרבעט. די פאַך-ראַטגעבער פאַר די ענינים פון האַנטווערקעריי האָבן געשעצט זיי איבערצוגעבן דעם ענין און דערביי איינלייגן אַ קויציע אין אַזאַ הויך, וואָס האָט איבערגעשטיגן דעם ווערט פון אַ גאַנצן חזיר. אין אָסטראָווקע האָט דער פעטער דערלויבט אויפצושטעלן אין זיין שטאַל אַ בעקן, וואָס איז מיט גרויס מאַטערניש, ביי דער הילף פון דער מאַמען געקויפט געוואָרן. געצייג האָבן מיר מיטן ברודער

אליין געמאכט. קיינער האָט דאָ ביי אונדז נישט געפרעגט, צו מיר האָבן רעכט צו אַזאַ מין אַרבעט, און דער וואַרשטאַט איז געלאָזן געוואָרן אין גאַנג. אַזאַ מין וואַרשטאַט האָט נישט געפאָדערט נאָך ארבעטס־הענט, פאַרקערט, כדי צו קאָנען ווי ס'נישט איז זיך דערהאַלטן ביזן ווינטער, האָט דער ברודער געמוזט צואַרבעטן ביי קולאַקעס און ביים גלח. איך ווידער האָבן געפרוווט אָנקומען אַרבעטן אויף דער באַן. עס איז געווען פאַרויסגעזען, אַז אין מאַי וועט מען צונעמען אַ סך מענטשן צו דער ארבעט אין צוזאַמענהאַנג מיטן טוישן די בריקלעך. דערווייל האָבן מיר געלעבט פון דער מאַמעס אַרבעט.

אינעם טאָג, ווען מ'האָט אָנגעהויבן צוצונעמען אַרבעטער, האָבן זיך געמאָלדן דריי מאָל אַזויפיל בעלנים, וויפל עס האָבן געזאָלט אָנגענומען ווערן. דער מייסטער פון וועג־אָפּשניט — דער אַזוי גערופענער שליאַך־אויפזעער האָט באַפוילן אַלעמען זיך אויסשטעלן אין אַ ריי, ווייל ער האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיטן טומלדיקן עולם, וועלכער האָט זיך איבערגעליציטירט ווער עס איז אַלץ נייטיקער צו באַקומען אַרבעט. נאָכן דורכקוקן די לאַנגע ריי איז ער צוגעגאַנגען, גענומען דעם אָנגעמערקטן קאַנדידאַט פאַרן האַנט און אָפּגעצויגן אין אַ זייט, זאָגנדיק דערביי:

— בלייב, בלייב.

לויט עטלעכע פון די אויסגעקליבענע האָב איך פאַרשטאַנען, אַז קיין שאַנסן אויף באַקומען אַרבעט האָב איך נישט. יענע זענען געווען הויכע, גוט געבויטע, האָבן מיך אַריבערגעשטיגן, צום ווייניקסטנס, מיט אַ קאָפּ. איך האָב זיך אויסגעצויגן, וויפל איך האָב נאָר געקאָנט. אָבער אומזיסט. דער שליאַך־אויפזעער איז עטלעכע מאָל מיך פאַרבייגעגאַנגען. ער האָט אָבער אפילו נישט קיין קוק געטאָן אין מיין זייט.

ווען די נייטיקע צאָל אַרבעטער איז שוין געווען אָפּגעקליבן האָט דער שליאַך־אויפזעער אויסגערופן נאָך עטלעכע נעמען. פון דער ריי זענען אַרויס נאָך אייניקע מענער, וואָס האָבן זיך אונטערגעשיידט פון די אויסגעקליבענע מיט זייער ערגערן אויסזען און פויערישער קליידונג. זיי האָט ער אויך געהייסן בלייבן.

— די איבעריקע זאָלן זיך פאַנאַנדערגיין — האָט ער געזאָגט.

עס האָבן זיך אויפסניי אָנגעהויבן בקשות און אָנקלאַגעס.

— פאַניע אויפזעער, איך האָב דאָך אַזויפיל יאָרן נאָכאַנאַנד געאַרבעט פון אָנהייב פרילינג.

— פאַניע, האָב רחמנות, דאָס ווייב און קינדער זענען ביי מיר קראַנק, כ'זאָל כאָטש קאָנען האָבן די קראַנקן־קאַסע...

— כ'האָב אַ גרויסע משפחה, כ'האָב נישט וואָס צו געבן די קינדער.

— פאַניע...

די אַרבעטער, וועלכע זענען אָפּגעקליבן געוואָרן דורכן אויפזעער, האָבן זיך געהאַלטן אין איין געשלאָסענער מאַסע, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז זיי וועלן אויסגעמישט ווערן מיט די, וואָס זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אַהיים. זייערע

בליקן זענען שוין נישט געווען אַזעלכע ווי פריער. זיי האָבן אויף אונדז געקוקט מיט מורא און מיט אומגעדולדיקן בעטן זיך. עס האָט זיך געדאַכט, אַז יעדער פון זיי וויל אויסשרייען: „גייט שוין! סוף כל סוף אַוועק! ווי לאַנג איר וועט דאָ שטיין, האָב איך נישט די זיכערקייט, אַז ס'וועט זיך נישט עפּעס ענדערן און איך זאָל אַמאָל נישט בלייבן אָן אַרבעט".

צום ערשטן מאָל האָב איך זיך געמאָלדן צו אַן אַרבעט, וועלכע עס האָבן געטאָן דערוואַקסענע אַרבעטער. דער אופן, ווי אַזוי זיי זענען באַהאַנדלט געוואָרן, האָט מיר אויסגעזען צו זיין באַליידיקנדיק פאַר זייער עלטער, פאַר זייערע פרויען און קינדער. יעדער פון זיי האָט — אַזוי ווי מיין טאַטע אין מאַמע — געהאַט אַ לאַנג לעבן הינטער זיך. יעדער פון זיי איז געווען דער, וואָס האָט געווירקט אויף די זייניקע, האָט פאָרמירט זייער כאַראַקטער. די משפּחה האָט מיטן גלויבן אין אים פאַרבונדן איר האָפענונג, און דאָ קומט איינער און קלייבט אויס צווישן זיי, באַציט זיך צו זיי גרינגשעציק, הייסט זיי אַוועקגיין. די דערנידעריקונג פונעם מענטשן דורכן אַרבעטס־געבער האָב איך געזען אין הויף, אָבער דער פּריצישער הויף איז פאַר מיר געווען דאָס אָרט, וווּ אַזאַ מין דערנידערונג איז געווען אומפאַרמיידלעך און נאַטירלעך.

אין דעם דאָזיקן טאָג האָבן די מענטשן, וועלכע איך האָב געקענט, אַ סך פאַרלוירן אין מיינע אויגן פון זייער ווערט. צום ערשטן מאָל אין לעבן האָב איך געזען טאַטעס, ענלעכע צו מיין טאַטן, וועלכע האָבן זיך אויפגעפירט ווי קינדער: זיי האָבן געבעטן, אַרבעט האָבן זיי געבעטן. דער שליאַך־אויפזעער איז געווען פאַר מיר אַ האַלב־געהיימנישפולע פּערזאָן, וועגן וועמענס לעבן איך האָב ווייניק געוווּסט און דעריבער, קאָן זיין, האָב איך צו אים נישט געפילט קיין פאַרדרוס. אָבער זיי! אַ סך פון זיי זענען דאָך צום טאַטן געקומען „אויף אַ פּאַפּיראָס". פון די שמועסן, וואָס זיי האָבן געפירט, האָב איך אין געדאַנק געאורטיילט וועגן זייער לעבן, וועגן זייערע משפּחות. איצט האָב איך געזען, ווי לייכט זיי ברעכן זיך און איך האָב פאַרלוירן דעם גלויבן אין זייערע מעגלעכקייטן זיך אַן עצה צו געבן אין לעבן.

אפילו די מאָגערע ביסנס, וואָס דער טאַטע פלעגט ברענגען און מיט וועלכע כ'האָב כמעט קיינמאָל זיך נישט אָנגעגעסן צו דער זעט, האָבן פאַר מיר געהאַט אַ גרויסן ווערט. דאָס באַקומען זיי דורך דעם טאַטן האָב איך באַטראַכט אַלס רעזולטאַט פון גרויסער קלוגשאַפט, מסירת־נפש, אָבער קיינמאָל האָט מיר אויפן געדאַנק נישט געקאָנט קומען, אַז דאָס קאָן זיין אַ רעזולטאַט פון טאַטנס דערנידעריקן זיך. פאַרשטייט זיך, אַז אָט די אויספירן זענען דאַן נישט געקומען צום אויסדרוק מיט אַזאַ קראַפט, ווי עס גיט אַ באַוווּסטזיניקער אַנאַליז פון דער סיטואַציע. וועגן די דאָזיקע זאַכן האָב איך דאַן געטראַכט אויפן סמך פון די באַקומענע איינדרוקן.

איך האָב איצט מורא געהאַט פאַר דעם גורל פון די דאָזיקע מענטשן. איך האָב געטראַכט, אַז דער דאָזיקער גורל דרינגט אַרויס פון זאַכן, וועלכע זענען

אָפּהענגיק פון די מענטשן גופא. „דאָס, וואָס זיי האָבן קיין פאַך נישט — האָב איך געטראַכט — איז זיך איצט אין זיי נוקם. ווען זיי זאָלן זיין שלאָסערס, שמידן אאַוו. וואָלט מען זיכער נישט דערגיידעריקט זייער ווי־דע". דערפאַר האָב איך ענערגיש גענומען זוכן ארבעט אין האַנטווערקער־וואַרשטאַטן. זייערע אייגנטימער האָב איך צוגעזאָגט אָרנטלעך צו ארבעטן אין משך פון פיר יאָר אָן שום געהאַלט, אבי זיי זאָלן מיך אויסלערנען דאָס פאַך. די מאַמע האָט אָפּגעגעבן איר גאַנצן פאַרדינסט אויף מאַגיעקס לערע און מיט גאָרנישט נישט געקאָנט מיר העלפן. כ'בין געווען געצוואונגען צו זוכן צופעליקע באַשעפטיקונגען, פון צייט צו צייט

עטלעכע חדשים בין איך געווען באַשעפטיקט ביי געאָדעזישע צוגרייטונגס־ארבעטן אויפן טייכל קושען. די ארבעט פון די טעכניקער, טעאָדאָליטן און ניוועלירער האָט מיך זייער אינטערעסירט, ממש פאַרכאַפּט. „ווען איך וואָלט עס אַזוי געקאָנט ווערן א טעכניקער" — האָב איך געטראַכט. איך האָב מקנא געווען די סטודענטן־פּראַקטיקאַנטן. אין מיין פאַנטאַזיע זענען זיי געווען די העלדן פון די בילכער, וואָס איך האָב געלייענט.

איך האָב באַשלאָסן צו טאָן ווי זיי. האַרבסט־צייט האָב איך זיך פאַרשריבן אין אַ צוגאָב־שול פאַר האַנטווערקער. דאָס איז געווען די איינציקע אין דער שטאָט שול פאַר דערוואַקסענע. דער פאַרוואַלטער האָט געפאָדערט א באַשטעטיקונג פון ארבעטס־פּלאַץ און פון מינדסטנס פאַרענדיקטע 4 קלאַסן פון אַן אָנפאַנגס־שול. אַזעלכע דאָקומענטן האָב איך נישט געקאָנט קריגן. איך האָב מיט אים פאַרפירט א לאַנגן שמועס. איך האָב אים דערציילט וועגן מיינע שטרעבונגען. ער האָט באַשלאָסן צו מאַכן לגבי מיר אן אויסנאַם און מיך אָנגענומען אָן אַן עקזאַמען און אויף אייגענער אחריות — ווי ער האָט געזאָגט.

די סעזאָן־ארבעט אין ווייטע וועלדער, אויף וועגן און ביי מעליאָראַציע־ראַוועס האָט מיר נישט דערלויבט צו באַזוכן סיסטעמאַטיש די שול. איך האָב אָבער קיינמאָל נישט דורכגעלאָזט די לעקציעס, אויב דער פּלאַץ וווּ איך האָב געאַרבעט, איז נישט געווען ווייטער ווי 10־12 קילאָמעטער. אויף די אַזויגערופענע וויכטיקע לעקציעס בין איך אפילו געגאַנגען פון סאָקולאָ, וואָס איז געווען 16 קילאָמעטער ווייט. ווינטער־צייט איז מיר אוממעגלעך געווען צו מאַכן אַזעלכע רייזעס. נאָענט פון דער ארבעט איז אָבער קיין שול נישט געווען.

וועגן דעם, אַז עמעצער זאָל נישט וועלן ארבעטן אין ווייטע געגנטן, האָט קיין שום רייד נישט געקאָנט זיין. ארבעט האָט באַדייט: דריי מאָל עסן יעדן טאָג. ברויט, זיסע קאַווע. פון צייט צו צייט א שטיקל חזיר־פעטס און די מעגלעכקייט יעדע וואָך צו שיקן דער משפחה א פּאָר זלאָטעס. כ'זאָג: א פּאָר זלאָטעס. ווייל די ארבעט ווינטער־צייט ביים אומוואַרפן ביימער איז געווען זייער א שווערע. די, וואָס האָבן זיך ווייניקער אַן עצה געגעבן, האָבן פאַרדינט אַזויפיל,

אז דער לוין האָט זיי נישט געסטייעט אויף באַצאָלן פאַר די פּראָדוקטן, וואָס זיי האָבן גענומען אין דער אָרטיקער שפּייז־קראָם, וועלכע עס האָט געוויינלעך געהאַלטן אויב נישט די פרוי פונעם אונטערנעמער, איז זיינער אַ באַקאַנטער. זיי האָבן אויסגענוצט די לאַגע, וואָס זיי האָבן די סחורה צוגעשטעלט אין וואַלד, כדי צו נעמען פאַר דעם ערגסטן סאָרט צוויי מאָל טייערער, ווי אין שטאָט.

— ס'געפעלט דיר נישט — גיי זיך אין שטאָט און קויף פאַר ביליקער — האָבן זיי געטענהט, אויב עמעצער האָט נישט געוואָלט איבערצאָלן.

די שטאָט איז ווייט געווען און אויף קרעדיט האָט קיינער נישט געוואָלט געבן. דאָ האָבן מיר געוווינט אין ביידלעך, צונויפגעשטעלטע פון באַן־קלעצער און האָבן געהאַט קרעדיט. „סאָסנעס בריען" — האָבן געזאָגט דערפאַרענע וואַלד־אַרבעטער און אָנשטאָט מיט מאַטראַצן האָבן זיי די ביידלעך אויסגעדעקט מיט דינע צווייגלעך און שטעקלעך. ביינאַכט האָט מען ביים אַריינגאַנג אין די ביידלעך געברענט אַ שייטער. די באַלעבאַטים האָבן דאָס פאַרבאָטן. פאַרן אויסגעברענטן האָלץ האָט מען אָפּגערעכנט פון לוין.

אין די ערגסטע באַדינגונגען האָבן ווינטער־צייט געאַרבעט די האָלץ־פידער און האָלץ־העקער פון מערב־ווייסרוסלאַנד. די אונטערנעמער פון דעם וואַרשעווער האַנדלס־הויז האָבן דאָכט זיך געהאַט די בעסטע אַגענטן צו ווערבירן ווייסרוסן צו דער אַרבעט. הונדערטער מענטשן זענען געקומען אין די וועלדער פון גראַף פּאָטאָצקין. יעדער פון די געקומענע האָט זיך גיך איבערצייגט, אַז ער איז אָפּגענאַרט געוואָרן. ער האָט שוין אָבער געהאַט אַן אונטערגעשריבענעם קאָנטראַקט אויפן סעזאָן, האָט גענומען אַ טייל געלט און איינגעקויפט פּראָדוקטן פאַר דער משפּחה און אומקערן דאָס אַלץ איז ער נישט געווען אימשטאַנד. האָט ער געמוזט דעריבער שלום מאַכן מיטן גורל. אייגנוויליק אוועק פון דער אַרבעט — דאָס איז שטרענג פאַרפאָלגט געוואָרן דורך דער פּאָליציי. וועגן דעם האָט מען אונדז אָפט דערמאָנט אין וואַלד. די דאָזיקע מענטשן, זייענדיק ווייט פון דער היים, האָבן נישט געהאַט קיין ריינע וועש צום טויש, זיי האָבן זיך נישט געוואַשן, זיי האָבן ביינאַכט, צום שלאָפן, זיך נישט אויסגעטאָן, זיי זענען אַרומגעגאַנגען באַוואַקסענע. פרילינג־צייט, בעת דער שניי פלעגט צעגיין, האָבן זיי אין לאַפּטשעס געטאָפּטשעט אין בלאָטע. בעת גרויסע פרעסט זענען זיי נישט געשלאָפן, נאָר געזעסן ביי די שייטערס און זיך געוואַרעמט. אָפט זענען געווען פאַלן פון אָפּבריען זיך. אויסגעמאַטערט נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט זענען זיי אַנטשלאָפן געוואָרן ביים שייטער און זיך אויפגעכאַפּט ערשט דאַן, ווען דאָס אָנטאָן האָט אויף זיי געברענט.

זייענדיק אַלט אַ יאָר אַכט־צען האָב איך זיך געשראָקן אַרויסצוגיין פון אָט די קינדער־יאָרן. „וואָס וועל איך טאָן — האָב איך זיך פאַרגעבן אַ פראַגע — ווען כ'וועל אויפהערן צו זיין אַ קינד און וועל נאָך נישט זיין קיין דערוואַקסענער מאַנספּאַרשוין?" דער יונגטלעכער עלטער האָט מיר אויסגעזען צו זיין זייער אַ שווערער. וואָס וועל איך דאָ טאָן אין שטוב, וואָס וועט בלייבן פון מיינע

קינדערישע חלומות און שטרעבונגען. איצט האָב איך געקוקט אויף דער אַרבעט פון דערוואַקסענע מענטשן און איך האָב ווידער גענומען ציטערן פאַר דער צוקונפט. איצט בין איך יונג, איך האָב נישט קיין אייגענע משפחה, אפשר וועט זיך מיר איינגעבן ווי נישט איז איבערלעבן דעם זומער. אָבער ווייטער וואָס וועט זיין? כ'וועל אַרבעטן אַזוי ווי זיי. אין אַזעלכע באַדינגונגען וועט קיין איינער פון מיינע טרוימען נישט פאַרווירקלעכט ווערן. מיין לערע האָט מיר נישט פאַרזיכערט אויסצומיידן זייער גורל. דערנעבן זענען געווען גימנאַזיעס. צו זיי איז דער וועג געווען פאַר מיר פאַרמאַכט. פון פערציק ביז אַכט און פערציק זלאָטעס האָט דאָרט באַטראָפן דער חודש=אָפּצאָל. דאָס האָט אויסגעמאַכט אַזוי פיל, וויפל איך האָב פאַרדינט פאַר א חודש שווערער אַרבעט. און אַזעלכע הדשים האָב איך אין משך פון יאָר זייער ווייניק געהאַט.

כ'בין עטלעכע מאָל געווען אַן עדות, ווי די אַרבעטער האָבן אָנגעווענדט אינדיווידועלן טעראָר לגבי דעם אַרבעטס=געבער. איינער אַן אַרבעטער, מיינער אַ נאָענטער שכן, האָט, זייענדיק שכורלעך, געכאַפּט אויפן וועג אַן אייזנבאַן=אויפזעער, וואָס איז געפאָרן אויף א ראָווער און האָט געפאָדערט פון אים אַן ענטפער פאַרוואָס מ'האָט אים צו דער אַרבעט נישט צוגענומען.

— דו האָסט דאָך אָנגענומען פויערים, וואָס האָבן דיר געבראַכט אייער און פוטער — האָט ער אים אַריינגעשריגן אין אויער אַריין און אים געטרייסלט פאַר די לאַצן.

דער אייזנבאַן=אויפזעער האָט זיך באַמיט אים צו דערקלערן, אַז ער איז בכלל נישט שולדיק, אַז אַזוי האָט געהייסן דער הויפּט=אויפזעער, אָבער דער אָנפאַלער האָט אים נישט געהערט, האָט אים געהייסן פאַלן אויף די קני און שווערן, אַז אינגיכן וועט ער אים צונעמען צו דער אַרבעט. דער אייזנבאַן=אויפזעער, אַ מענטש ווי מ'זאָגט עס אַ „הויך=געבילדעטער", האָט זיך געמוזט אונטערגעבן אַ פּראָסטן אַרבעטער. פון דאַן אָן איז יענער געוואָרן אַ „שטענדיקער" סעזאָן=אַרבעטער אויפן באַן. געזאָגט האָט מען, אַז דאָ האָט געווירקט דאָס, וואָס דעם אויפזעערס הויז איז געשטאַנען אין אַ זייט, ביים וואַלד.

דעמלט האָב איך זיך אויך דערוווסט, אַז דער דאָזיקער שכן מיינער האָט אַלס פופצן=יעריק יינגל געדינט אין דער רויטער אַרמיי. ער האָט מיר דערציילט וועגן די קאַמפן אין רוסלאַנד בעת דער רעוואָלוציע און ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז אין פוילן וועט אויך קומען די צייט, ווען מ'וועט זיך נעמען צו די פּאַנעס.

אינגיכן האָב איך זיך איבערגעצייגט, אַז די פּאַנעס אין פוילן האָבן ווירקלעך מורא געהאַט פאַרן איינפלוס, וואָס דער ביישפּיל פון ראַטנפאַרבאַנד קאָן האָבן אויף די אַרבעטער. ווען איך האָב געאַרבעט ביים וואַלד=מייסטער אין גאָרטן נאָך מיט עטלעכע אַרבעטער, האָבן מיר צווישן זיך באַשלאָסן, אַז צוויי זלאָטעס פאַר א צוועלף=שעהדיקן אַרבעטס=טאָג איז צו ווייניק. מיר האָבן דעם וואַלד=מייסטער געבעטן צו וויסן דורך דעם מיידל יאַנינען, וועלכע איז ביי אים

געווען אויף דערציונג, אז מיר וועלן ווארפן די ארבעט, אויב ער וועט אונדז נישט העכערן מיט פופציק גראָשן א טאָג. אין פינף מינוט ארום איז געקומען צו אונדז דער וואלד-מייסטער.

— איר, הינט, וואָס איר זענט — האָט ער געשריגן. — איך וועל אייך ווייזן! וואָ, וואָן פון דאנען, באָלשעוויקעס! — האָט ער זיך געריסן אויפן קול און געדראָט מיטן שטעקן.

נישט געקוקט אויפן פחד, וואָס עס האָט ביי מיר געוועקט דער דיקער, הונדערט פינף און צוואנציק-קילאָגראמיקער מאנספארשוין, האָב איך מיט אויפרעגונג אים געענטפערט.

— כ'בין נישט אייער זון איר זאָלט מיך נישט זידלען.

אלס ענטפער האָב איך דערהערט נאָך עטלעכע פעטערע „ברכות" און דראָונגען מיט פאָליציי.

די ערגסטע ארבעט פאר דעם קלענסטן לוין האָט מען געדארפט פשיט קויפן. אין אזא שטאָט, ווי מעזריטש האָט מען נישט אָפגעהיט אפילו די פארפליכטנדיקע געזעצן וועגן ארבעטס-שעה. ביי פראנטשישעקן, דעם אויפזעער אין פאָטאָצקים מארטאַק האָב איך זיך געקויפט ארבעט פאר בראָנפן. יעדעס מאָל בעתן אויסצאָלן דעם פארדינסט, וואָס איז געווײנלעך פאָרגעקומען אין א רעסטאָראציע, האָט מען מיט אים און זיין חברה געדארפט פארטרינקן מינדסטנס א האלבן וועכנטלעכן לוין. ווער עס האָט נישט געטאָן — איז מיט פארשיידענע אויסריידן געוואָרן אָפגעזאָגט פון דער ארבעט. אמאָל — גאָר אָן א שום אויסרייד.

אין דער געגנט פון מעזריטש האָט מען געהאלטן פאר אן אָרנטלעכן אונטערנעמער דעם גביר קאראָלטשוק פונעם דאָרף בערעזע. מיט די ארבעטער אויף אַ כוסה איז ער נישט געגאַנגען, כאָטש ער האָט געהאַט אַ סך געלעגנהייטן. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווער א פויער, האָט קאראָלטשוק געהאַט א צעמענט-אונטערנעמונג און איז אין דער געגנט געווען באַוווסט מיט זיין האָדעווען פלאנצן, וועלכע ער פלעגט פארקויפן אין די טויזנטער שטיק. ביי קיין שום וויכטיקערע אונטערנעמונגען פונעם פאָוויאטאָוון אמט אין ראדזין, ווי מעליאָראציע-ארבעט, בויען קאָמונאלע הייזער א.א.וו. איז מען זיך נישט באגאנגען אָן זיין אָנטייל.

אין 1928-29 יאָר האָט ער דורכגעפירט די מעליאָראציע פון די לאָנקעס אין דער גמינע זאהייקע. די דאָזיקע אַרבעטן, וועלכע זענען געמאכט געוואָרן מיט דער הילף פון די שטייערן, וואָס זענען ארויסגעצויגן געוואָרן ביי די פויערים, האָבן דעם גרעסטן נוצן געגעבן דעם גראף פאָטאָצקי. די אנטוואסערונג האָט מען דורכגעפירט דורך אזאַ וועג, וואָס האָט אין דער ערשטער ריי אויסגעטריקנט פאָטאָצקים פארבלאָטיקטע וועלדער, וועלכע זענען נישט געלעגן אין

דער סטרעפּע פון דער צוואַנגס-מעליאָראַציע. אוודאי, סיי פּאָטאָצקי, סיי דער אונטערנעמער זענען געווען מיטגלידער פונעם פּאָוויאַטאָוון אַמט. ביי דער דאָזיקער אַרבעט האָבן געפונען באַשעפטיקונג עטלעכע הונדערט אַרבעטער. ס'זענען אַהער געקומען אַרבעטער פון דער גאַנצער געגנט, ווייל עס איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז דאָ גיט מען גוט צו פאַרדינען.

דער טעכנישער אויפזעער האָט אַליין אויסגעמאָסטן די קובאַטור פון די צוואַנציק-מעטערדיקע ערד-חלקים. ער האָט זיך אָבער דערביי קיינמאָל נישט באַנוצט מיט קיין דאָקומענטאַציע, וועלכע האָט דאָך געמוזט זיין פאַרן באַשטעטיקן דעם אַרבעטס-פּלאַן. פאַרן צוטרעטן צו דער אַרבעט האָבן מיר אָנגעוויזן אויף דעם צו נידעריקן אַקאָרד-לוין. מ'האָט אונדז געמאָלדן, אַז די גרעבער דאַרפן זיך פאַרנעמען בלויז מיט גראָבן, און פּלאַנטעווען די ערד וועלן ספּעציעלע גרופּן מיט אַמעריקאַנער רידלעם.

איך בין געווען פון די בעסטע אַרבעטער. פון זעקס אינדערפרי ביז זיבן אין אָוונט האָב איך אויסגעאַרבעט ביז דריי זלאָטעס. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע, געטאָן האָבן מיר זי אין אַ בלאָטע, וועלכע איז פול געווען מיט פּיאַווקעס און שלאַנגען, אָן שויך-שטיוול. די שלעכט-אָרגאַניזירטע אַרבעט האָט געצוואונגען אָפּצופירן דאָס וואַסער מיט עמערס.

חדשים לאַנג האָט מען אונדז געגעבן בלויז אַדערויף. מער פון פופציק פּראָצענט פון לוין האָט קיינער נישט באַקומען. די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן הויך אויסצודריקן זייער אומצופרידנקייט. אויפן אַרבעטס-פּלאַץ איז אָנגעקומען דער אונטערנעמער צוזאַמען מיט אַ פּאָליציי-קאָמיסאַר פון ראַדזין און האָט געמאָלדן, אַז הונדערטער פּאָלעשוקעס וואַרטן אויף אַרבעט און וועלן אים, פאַרשטייט זיך, זיין זייער דאַנקבאַר, אויב ער וועט זיי געבן אַזאַ גוט באַצאָלטע אַרבעט.

— מיר האָבן פינאַנסיעלע שוועריקייטן און איר מוזט נאָך צוּוואַרטן, ביז מיר וועלן זיך צערעכענען אינגאַנצן — האָט ער געזאָגט.

עס איז געקומען דער ווינטער. מענטשן האָבן געדולדיק געוואַרט האָפנדיק, אַז ביים צערעכענען זיך וועלן זיי קריגן גרעסערע סומעס. ווען די אַרבעט האָט זיך שוין געהאַלטן ביים ענדיקן, האָבן זיך באַוויזן מיט דער האַנט געשריבענע מעלדונגען מיט די אונטערשריפטן פון שעף און אויפזעער, אַז צערעכענען זיך וועט מען בלויז דאַן, ווען די גאַנצע ערד וועט ביז „זעראָ" צעפּלאַנטעוועט ווערן.

ווען די אַרבעטער זאָלן אפילו וועלן דערויף מסכּים זיין איז עס אין דעם יאָר געווען אוממעגלעך דורכצופירן. די ערד איז שוין געווען פאַרפרוירן. דערביי וואָלט דער טאָג-לוין זיך פאַרקלענערט אויף דער העלפט. עס איז אויסגעבראָכן אַ סטיכישער שטרייק, וואָס האָט געדויערט עטלעכע טעג. די קליינע גרופּן שטרייקברעכער זענען פאַריאָגט געוואָרן דורך די אַרבעטער. מען האָט אָבער געמוזט בלייבן אויפן אַרבעטס-פּלאַץ. פאַר דער צייט איז בלויז איינמאָל געקומען דער אויפזעער און האָט געמאָלדן, אַז ער איז הילפלאָז. די אַרבעט מוז פאַרענדיקט ווערן לויט די פאַרפליכטנדיקע טעכנישע נאָרמעס.

לענגער בלייבן אויף די לאַנקעס איז געווען צוועקלאָז. מ'האָט געדאַרפט געפינען דעם אונטערנעמער. קיין שום ביוראָ־געביידע איז נישט געווען. די אַרבעטער זענען דעריבער אַוועק צו דער וווינונג פונעם אונטערנעמער. פון דאָרט האָט מען געמאָלדן, אַז דאָס איז אַ פריוואַטע וווינונג, אַז באַלד וועט אַרויסגערופן ווערן פּאָליציי, אַז דאָס איז אַן אָנפאַל אאַזוו. און צווייטנס — דער אונטערנעמער איז אין דער היים נישטאָ.

מיט יעדן טאָג איז אַלץ קלענער געוואָרן די צאָל פון די, וואָס זענען געבליבן פאַרטיידיקן זייערע רעכט. די קילאָמעטערס, וואָס מ'האָט געדאַרפט דורכמאַכן צופוס פון וווין־אָרט ביזן אָרט, ווו קאַראָלטשיק האָט זיך געזאָלט געפינען, זענען אין זיינע הענט געווען נאָך אַ געווער קעגן די אַרבעטער. אפילו אַן אַדוואָקאַט האָט אונדז געמאָלדן, אַז וויבאַלד מיר האָבן נישט קיין שריפטלעכן אָפּמאַך מיטן אונטערנעמער. וואָס זאָל גענוי בשטימען אונדזערע פליכטן, איז דערמיט אַליין יורידיש מאָטיווירט זיין פאָדערונג לגבי די אַרבעטער. דעם ענין האָבן מיר פאַרשפּילט.

די איינציקע סאַטיספאַקציע פאַר די אָפּגענאַרטע אַרבעטער איז געווען דאָס, וואָס דער הויפּט־אויפזעער, וועלכער איז געווען פאַרקויפט צום אונטערנעמער, האָט — נישט וועלנדיק מסכים זיין אויף אַ קליינעם חלק אין די סומעס, וועלכע זענען באַרויבט געוואָרן ביי די אַרבעטער — דערשאָסן זיין שעף און איז אַליין באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. פון דאַן אָן האָט דעם פּלאַץ פונעם טאַטן פאַרנומען זיין זון.

דאָס זענען נאָך אָבער נישט געווען די ערגסטע צייטן פאַר די אַרבעטער פון אונדזער פאָרשטאָט. אין יאָר 1930 איז די אַרבעט אויף אַ העלפט קלענער געוואָרן, ווי מיט אַ יאָר פריער. די מערהייט פון די אַרבעטער האָט פאַרלוירן די האָפענונג צו געפינען אַוועלכע ס'נישט איז באַשעפטיקונג און אָנגעהויבן צו פירן אַ לעבן פון אַרבעטלאָזע. אין דער שטיל האָט מען געשלעפּט האָלץ פון וואַלד, מאַכנדיק דעם אָנשטעל פאַר די פויערים, אַז דאָס נעמט מען פון פרייצישן וואַלד, און פאַר די וואַלד־וועכטער — אַז דאָס נעמט מען פון די פויערישע וועלדער. פון אינדערפרי ביז אין דער נאַכט האָבן צענדליקער געזונטע מענער זיך אַרומגעשלעפּט איבער די וועלדער, זוכנדיק שוואָמען און יאַגדעס. „בעסער עפּעס, איידער גאָרנישט“ האָבן זיי געטענהט, אָנפּאַקנדיק די קוישלעך מיט וואָס נאָר עס האָט זיך געמאַכט אונטער דער האַנט. דער געדאַנק וועגן אַנקומענדיקן ווינטער האָט געשטויסן צו זען אין יעדער זאַך עפּעס, וואָס טויג צום עסן.

אין דעם יאָר האָב איך סך הכל געאַרבעט עטלעכע חדשים. עס איז מיר געווען אַ חרפּה צו באַזוכן דער מאַמען, ביי וועלכער איך האָב גענומען אַביסל עסנוואַרג פאַר טאָלעקן, וואָס האָט זיך געלערנט אין שול. צוזאַמען מיט אים

האָב איך גענאָסן פֿון דער מאַמעס פֿאַרדינסטן. איך האָב דאָך אַזױפֿיל איר צוגעזאָגט און זי האָט געגלייבט, אַז װען כ'װעל אױסװאַקסן, װעט איר װערן גרינגער. איצט איז איר אָבער געװען שװערער.

א סך פֿון מײַנע קאָלעגן און שכנים האָבן זיך פֿאַרנומען מיט גנבה. אין שמועסן מיט דער מאַמען האָב איך אָפֿט אַרױסגעפֿילט איר מורא פֿאַר מײַן גורל. „דאָס לעצטע װעל איך דיר אַװעקגעבן — האָט זי געזאָגט, — אַבי חבר זיך נישט מיט זײ". מײַן נאָענטער שכן עוגעניוש האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון דעם מעטאָד, װעלכן ער האָט אָנגעװענדט אין משך פֿון די פֿריערדיקע װינטערס װען ער האָט, בלײַבנדיק אָן אַרבעט, זיך אױסגעספּעציאַליזירט אין שלאָפֿן. ער איז געװײנלעך געשלאָפֿן, כמעט אָן אן איבעררײַס, פֿון זונטיק ביז דאָנערשטיק „כ'װעל אָפּנאַרן דעם װינטער און בחצי חינם װעל איך זיך דערװאַרטן דעם פֿרילינג" — האָט ער געטענהט. איצט האָט ער כסדר איבערגעחזרט: „פֿרילינג־צײַט װעט אױך קײן אַרבעט נישט זײַן. ס'איז קריזיס. מ'דאַרף גנבענען... מ'טאָר נישט אומקומען, װען אין פּױלן איז אַלץ פֿאַראַן איבערגענוג".

אין דער גרופּע פֿון די טעלעכע צענדליק אַרבעטלאָזע פֿון דער פֿאָרשטאָט זענען אױפֿגעקומען צװײ ריכטונגען. אײניקע זענען געגאַנגען מיט עוגעניושס אַמאָליקן דרך — זײ זענען געשלאָפֿן טאָג און נאַכט און געטרוימט װעגן נאַטור־קאַטאַסטראָפֿעס, װעגן שנײ־זאַװיערוכעס, װעלכע װאָלטן זײ געגעבן באַשעפֿטיקונג; אַנדערע זענען געגאַנגען נאָך זײַן איצטיקן לאָזונג: „גנבע, אױב דו װילסט נישט שטאַרבן".

צום פֿאַרבײסנסטן, אין די ראַמען פֿון לעגאַליקײט, האָבן געקעמפֿט יענע, װעלכע האָבן געהאַט גרױסע משפּחות. צװישן די אַרבעטלאָזע אין זשעטושיצע זענען זײ געװען א מינדערהײט.

די לאַכט פֿון אומעטיקײט האָט זיך אַלץ שװערער געלײגט אױפֿן געמיט. מ'האָט געדאַרפֿט קעמפֿן מיט זיך אַלײן, כדי זיך נישט אונטערצוגעבן קײן שלעכטע געדאַנקען. מײַן ברודער מאַריאַן האָט געענדיקט די לער און האָט זיך געגרײט צו „װערן א לײַט", אָבער אין דער זעלבער צײַט איז דער עלטערער ברודער, עוגעניוש, געװען געצװוּנגען צו פֿאַרמאַכן זײַן װאַרשטאַט און זוכן אַרבעט בײַ רײַכע פֿעלצן־מאַכערס, װעלכע האָבן פֿון זײער זײַט געזוכט מיטלען, װי אַזױ צו רעדוצירן די אַרבעטער.

אין דער אָװנט־שול האָט מען װעגן דעם נישט גערעדט. בײַם פּאָלאָניסט האָבן ממש געפֿלאָסן גאַנצע שטראָמען מיט אַנטיציקונג פֿאַרן פּױערישן און באַלמעלאָכישן פּרימיטיװ. ער האָט צונױפֿגעקליבן די צום מערסטן אידילישע ערטער בײַ רײמאָנטן, אָזשעשקאָװען און האָט דערמאָנט די צוהערער די װערטער פֿונעם דיכטער: „פּרעמדס ליבט איר, דאָס אײגנס קענט איר נישט". אין יענער צײַט איז פֿאַר מיר איבער די כוחות געװען צו באַצאָלן פֿאַר דעם אַבאָנאַמענט

אין דער שמאָטישער ביבליאָטעק. כדי איבערצולייענען די „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקיע“ האָב איך געמוזט מאַכן א געלט־זאַמלונג צווישן באַקאַנטע. נישט שטענדיק האָב איך אָבער געקאָנט צונויפנעמען די נייטיקע אַכציק גראָשן. קיין לייען־זאַל איז אין מעזרימש נישט געווען.

אויף איינער א לעקציע, ווען דער פּאָלאָניסט האָט געוואָרט אויף א באַגי־טיקונג מצד די שילער פאַר דעם, וואָס ער האָט איבערגעלייענט, האָב איך גע־בעטן א וואָרט און געזאָגט:

— דאָס איז נישט אמת, די אויטאָרן זאָגן ליגן. דאָס לעבן איז דאַרף זעט אוים אַנדערש.

דער לערער, טראַכטנדיק, אז ער האָט אוודאי פאַר זיך אן אומפּאַרזיכ־טיקן אַנטימלוכהניק, איז צו מיר צוגעשטאַנען:

— נישט שוין זשע געפעלט אייך נישט דאָס אַלץ: אונדזערע פעלדער, לאַנטעם, אונדזערע מענטשן און זייער ארבעט?

— נישט ווען דעם רעד איך — האָב איך אים דערקלערט. — כ'וואָלט מאַקע געוואָלט, אז עס זאָל זיין אזוי, ווי איר שטעלט עס אונדז פאָר.

איך האָב געשילדערט עטלעכע בילדלעך פונעם פויערישן לעבן אין זשעמ־שיצע. איך האָב דערציילט, אז מאַקע מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן די פּויערים פון אונדזער פאָרשטאָט געפירט א צווייטאָגיקן קאַמף מיט עקזעקוטאָרן, וועלכע זענען געקומען מיט פּערציק פּאָליציאַנטן. די פּויערים האָבן פאַרשאָלטן זייער גורל און האָבן פאַרצווייפלט געקעמפט, כדי נישט צו דערלאָזן צונעמען ביי זיי זייערע קי. דאָס בעטנוואַנט און די קליידער. איך האָב דערמאָנט ווען מיינע ברידער די באַלמעלאָכעס, ווען מיין אייגענער הילפלאָזיקייט ווו כ'זאָל מיך נישט קערן און ווענדן.

— איז וואָס; לויט אייער מיינונג, דאַרף מען טאָן? — האָט ווייטער גע־פרעגט דער לערער.

איך האָב דאַן נישט געקענט דעם מלוכה־מעכאַניזם. איך האָב נישט גע־ווסט אין וועמענס נאָמען הערשן אירע אָנפירער. איך האָב געטראַכט, אז פון זיי איז אָפּהענגיק די ריכטונג פון דער פּאָליטיק, וועלכע זיי קאָנען אויסקלויבן, ווי זיי ווילט זיך. כ'האָב דעריבער געענטפערט:

— מ'דאַרף ענדערן די פּאָליטיק.

— ווי אזוי? — האָט געפרעגט דער לערער.

— אזוי, — האָב איך געענטפערט — אז אלעמען זאָל זיין גוט.

מיינע ווייטערדיקע דיסקוסיעס — בעת די לעקציעס האָבן דעם לערער אי־בערצייגט, אז כ'בין נישט מסתמא קיין געפערלעכער אנטימלוכהניק. אין עט־לעכע טעג שפּעטער האָב איך אויף דער שול־באַנק געפונען אן אויפרוף פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן. איך האָב דעם אויפרוף איבערגעלייענט עט־לעכע מאָל, כאָטש א דאַטע איז אונטער אים געווען פון מיט עטלעכע חדשים צוריק. אין דעם אויפרוף האָט זיך גערעדט וועגן פּילסודסקין — דעם קיים־הונט

פונעם אימפעריאַליזם, וועגן פפס — דעם לאַקיי פון די קאַפּיטאַליסטן, וועגן דעם, אַז די פוילישע רעגירונג גרייט אַן אָנגריף קעגן ססר. וואָס אַזוינס איז אימפעריאַליזם, האָב איך נישט געוווּסט, אָבער די באַצייכענונג „קייט=הונט" האָט געטראָפן צו מיין פאַרשטאַנד. אויב ער הערשט איבער פוילן און איך לעב אין נויט — קאָן מען אים אַנדערש נישט אָנרופן. איך האָב געקענט אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר פעפעסאָווצעס. איינער פון זיי איז געווען דער אויפזעער פון טאַרטאַק, ביי וועלכן איך האָב געקויפט אַרבעט; ווען איך האָב נישט געוואָלט מיט אים צוזאַמען פאַרטרינקען מיין לוין, האָט ער ביי מיר די אַרבעט צוגענומען. „דער פאַרוואַלטער פון טאַרטאַק איז אַ בורזשוי; דער אויפזעער איז זיין לאַקיי" — האָב איך זיך אַליין אויפגעקלערט. וועגן דעם אויף ווי אַזוי די קאַפּיטאַליסטן עקספּלאָאַטירן די אַרבעטער האָב איך זיך אויך דערוווּסט פונעם אַריטמעטיק=לערער י. באַראַבאַן. זיינע אַלע אַריטמעטיק=אויפגאַבעס האָבן זיך געדרייט אַרום דעם, ווי אַזוי די פאַבריקאַנטן רעכענען זיך אויס מיט די אַרבעטער. עס איז נישט געווען דער פאַל, אַז אין זיינע אויפגאַבעס זאָל דער רעזולטאַט זיין אַ גינסטיקער פאַר די אַרבעטער. „נישט אַלץ ווייזט אויס — האָב איך געטראַכט — רימען אַזוי דאָס לעבן אין פוילן, ווי עס טוט דאָס דער פּלאַניסט".

זינט מיינע אַרויסטרעטונגען, האָב איך באַמערקט, אַז אַ גרויסער טייל שילער און שילעריןס האָט אָנגעהויבן צו זוכן מיין געזעלשאַפט. פריער איז אַזוי נישט געווען. איצט האָט מען מיך אָפּגעפירט אַהיים, זיך נאָכגעפרעגט, ווי לעב איך, וואָס לייען איך און פאַרוואָס נעם איך נישט קיין אָנטייל אין די יוגנט=פאַרוויילונגען. די דאָזיקע פאַרוויילונגען האָבן דער עיקר איינגעאָרדנט די יונגע אַרבעטער פון דער בערשטער=אינדוסטריע, מיט וועלכער מעזריטש איז געווען באַקאַנט אין גאַנץ פוילן.

— אַוודאי — האָב איך דערויף געענטפערט — איר האָט אַרבעט, קאָנט איר זיך דעריבער פאַרווילן. איך בין אָבער אַן אַרבעטלאָזער, דערצו נאָך לערן איך זיך נישט קיין שום פאַך. מיט וואָס איז דאָ פאַראַן זיך צו פרייען...

איך האָב זיי מקנא געווען. זיי זענען שוין, אָדער זיי וועלן זיין בערשטער, שלאָסערס, שניידערס, — און איך וועל שטענדיק זיך יאָגן נאָך אַ צופעליקער באַשעפטיקונג.

בעת איינעם אַזאַ מין אָפּפירן מיך אַהיים האָט אַ מיידל מיך געפרעגט:

— איר, קאָלעגע, זענט מסתמא אַ סאָציאַליסט?

די דאָזיקע ערנסטע פראַגע איז מיר זייער געפעלן געוואָרן. איך האָב באַשלאָסן אויסצונוצן מיינע ידיעות וועגן פפס און האָב געענטפערט.

— איך האָב נישט בדעה צו זיין אַ לאַקיי ביי די פאַנעס.

— די סאָציאַליסטן קעמפן דאָך קעגן די פאַנעס — האָט דאָס מיידל אָפּאָנירט.

— די ארבעטער פון פּפּס טוען עס אפשר אויפריכטיק. אָבער פּילסודסקי, למשל, איז דאָך אויך געווען א סאָציאַליסט, — האָב איך געענטפערט — אָבער איצט פאַרטיידיקט ער די פּאַנעס און אויף אונדז שיקט ער אָן פּאָליציי.

קורץ נאָך דעם דאָזיקן געשפּרעך האָט מיך אויפן וועג צו דער פאָרשטאָט באַגעגנט מיין שול־קאָלעגע יוסף, א שלאָסער, און דאָן אָן שום פאָרוואָרט מיר פאָרגעלייגט:

— איר ווילט געהערן צום קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד פון פּוילן? — ער האָט זיך באַמיט אויפקלערן מיר די צילן און אויפגאַבן פון דער אָרגאַניזאַציע — דער פאַר באַקומט מען תפיסה — האָט ער מיך געוואָרנט. — דאָס וויכטיקסטע איז קאָנספּיראַציע — האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט.

איך האָב אים אויסגעדריקט מיין הסכם. „ענדלעך וועל איך אויך זיין עפּעס" — האָב איך געטראַכט. דאָס, וואָס די אָרגאַניזאַציע איז געווען אן אומלעגאַלע און איז פאַרפאָלגט געוואָרן דורך דער פּאָליציי, האָט איר אין מיינע אויגן צוגעגעבן נאָך מער באַדייטונג.

פון דאַן אָן האָב איך גענומען לייענען דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", „די אַנטוויקלונג פון סאָציאַליזם פון אן עטאָפּיע ביז א וויסנשאַפט". איך האָב געלייענט דעם „טשערוואָני שטאַנדאַר" און אַנדערע אומלעגאַלע צייטונגען. צו פרילינג האָט שוין אונדזער פאָרשטאָט געהאַט א יוגנט־קעמערל און איך האָב שוין געהאַט אַ באַשטימטן באַגריף וועגן דער זאַך, צוליב וועלכער איך בין אריינגעטראָטן אין דער אָרגאַניזאַציע.

קיין איינעם פון די ביז איצטיקע פרילינגס האָט זיך נישט איינגעגעבן ארויסצורייסן פון אונדזער פאָרשטאָט אזויפיל יוגנט, וויפל עס האָט ארויסגעריסן דער פרילינג פונעם יאָר 1931. גאַנצע שטראָמען פון טויזנטער „רייזערס" האָבן מיט זיך מיטגעשלעפּט חברים, שכנים, באַקאַנטע. דער ציל איז געווען איינער: איבערלעבן דעם הייַנטיקן טאָג, אלציינס וו אים איבערצולעבן. די וועגן, וועלדער און פעלדער זענען פול געוואָרן מיט מענטשן פון פּאָליעסיע און גדיניע, פון וואָלין און וואַרשע. אין יעדער אויפגעעפנטער טיר אָדער פענצטער האָבן זיך איינגעגעסן עמעצנס פרעמדע אויגן. מ'האָט געבעטן, געגנבעט, נעשראָקן די פרויען, אויסגענאַרט און אריינגעצויגן אין פאַרשידענע שפּילן, כדי צו באַקומען אביסל שפּייז אָדער זיך אָנטרינקען מיט היגאַטיראַט, וואָס איז איבערגעגויסט געוואָרן דורך ברויט און וואַטע, אויב אין די יאָרן 1929 און 1930 איז דער דאָזיקער שטראָם דורכגעלאָפן דורך די אייזנבאַן־ליניעס און וויכטיקסטע שאָסיי־טראַקטן, האָט ער אין די שפּעטערדיקע יאָרן געהאַלטן זיך פון דער ווייטנס פון די דאָזיקע וועגן. פאַר פאָרן מיט דער באַן אָן א בילעט פלעגן די שטאָטישע גערעכטן געבן אורטיילן; הוץ דעם, אויב א „רייזער" פלעגט גענצבט ווערן אויף דער באַן־כמאַציע, פלעגט אים די וואַך און די פּאָליציי דערלאַנגען קלעפּ מיט די ביקסן. די ערשטע פלעגט מען האַלטן אין קעלערס

באָרוועס און נאַקעט, צו עטלעכע טעג אָן עסן. „ס׳וועט זיך דיר שוין אָפּוועלן — פּלעגט מען דערביי זאָגן — אָנצוטאָן חרפּה פּוילן“.

אָבער אויך די דאָזיקע מעטאָדן האָבן נישט געקאָנט אָפּהאַלטן די טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן געזוכט ברויט. די היימישע ערטער און שטיבער זענען זיי אומדערטרעגלעך געוואָרן. צוליבן כסדרדיקן אַרומגיין אָן אַרבעט, צוליבן הונגער, וואָס האָט דאָרט געהערשט, איז מען פון דאָרט אַנטלאָפן. דאָס איז אין דער זעלבער צייט געווען אי אַ ציל און אי אַ מיטל.

איך האָב דאַן געאַרבעט אויפן באַן ביים לאָדענען וואַגאָנעס. איך האָב אָפט געזען דערשאָסענע „רייזערס“, וועלכע זענען דערהרגעט געוואָרן דורך דער וואַך. אַ „גנב“ האָט מען דערקלערט די נייגעריקע. אָפטער פאַר אַלץ האָט מען זיך באַמיט צו פאַרבאַהאַלטן פון די מענטשן די געשאָסענע. די קליינע שמוציקע יינגלשע גופים האָבן באַשולדיקט די מערדערס. אַ זעלכע מאָרדן זענען צום מערסטן געווען זומער־צייט אויף די צוגן, וואָס האָבן געפירט קוילן.

כ׳בין געווען אַן עדות, ווי דער באַקאַנטער אין מעזריטש פּאָליציאַנט טרופּאַ האָט אַן אַנדער „אורטייל“ אויסגעפירט לגבי אַ „פאַרברעכער“ — אַ פּויער. מ׳האָט דאַן טראַנספּאָרטירט אַ גרעסערע צאָל קאַרטאָפל קיין סאָסנאָוויעץ. די צושטעלער זענען געווען פּויערים פון דער אַרומיקער געגנט. דער אונטערנעמער האָט געוויינלעך צוגענומען קאַרטאָפל ביז צען אַזייגער אינדערפרי. דער אָנבאָט איז געווען אַ גרויסער און די אָנלאָדונג איז נישט געווען קיין גרויסע. מען האָט דעריבער אויף דער ראַמפּע נישט געזאַמלט קיין קאַרטאָפל. די פּויערים האָבן גלייך פון די וועגענער געטראָגן די קאַרטאָפל אין די וואַגאָנעס. אַזוי איז געווען ביליקער און באַקוועמער. עס זענען געווען טעג, ווען צענדליקער פּויערישע וועגענער זענען צוריקגעפאָרן אַהיים מיט דער נישט פאַרקויפטער סחורה. צו זיי איז די ריי נישט דערגאַנגען, אָדער זיי האָבן געהאַט רויטע קאַרטאָפל, אין דער צייט, ווען יענעם טאָג האָט מען אָנגענומען בלויז ווייסע.

איינער אַ פּויער פון דאָרף זאַהייקע, נישט האָבנדיק קיין האָפענונג אָפּצוזעצן זיינע קאַרטאָפל לויט דעם איינגעשטעלטן פּרייז — 1 זלאָטע פאַר אַ מעטער, האָט אָנגעבאָטן צו פאַרקויפן פאַר פופציק גראָשן. מ׳האָט זיין אָנבאָט אָפּגעוואָרפן. דאַן האָט ער אָנגעהויבן זיך צו בעטן, מ׳זאָל בלויז ביי אים אויסליידיקן די זעק, ווייל די פערד זענען נישט בכוח זיך אומצוקערן מיט דער משא אַהיים. אָבער דעם דאָזיקן אָנבאָט האָט מען אָנגענומען מיט אַ שטילשווייגן. דער פאַרצווייפלטער פּויער האָט דאַן אויסגעשאָטן די קאַרטאָפל אויפן פּלאַץ פאַרן וואָקזאַל, האָט זיך אויסגעזידלט, אַ שמיץ געגעבן מיט דער בייטש די פערד און זיך געלאָזט אַהיים.

דעם וועג האָט אים פאַרשטעלט דער דערמאָנטער פּאָליציאַנט, וועלכער האָט דעם פּויער צוריק פאַרקערעוועט צום וואָקזאַל און אים באַשטראָפט מיט צוויי זלאָטעס פאַר פאַראומרייניקן אַן עפנטלעכן פּלאַץ. דער פּויער האָט קיין

געלט נישט געהאַט. דער פּאָליציאַנט האָט געפּאָדערט ער זאָל תיכף באַצאָלן און האָט אים געדראָט מיט נאָך ערגערס. דער פּויער האָט דאַן אָפּגעשניטן ביי די פערד זייערע געדיכטע עקן, עס פאַרקויפט און אויף אַזאַ אופן זיך צעצאָלט מיט דער רעגירונג.

— גאָט מיינער, און איך האָב קיין גליק נישט געהאַט — האָט אַ פאַרחידושטע געזאָגט מיין מאַמע (זי פלעגט מיר צייטנווייז ברענגען עפּעס צום עסן אויפן אַרבעטס־פּלאַץ), ווען זי האָט דערזען די אויסגעשאָטענע קאַרטאָפל — איך האָב עס אַמאָל געדאַרפט גנבענען און זיין אויסגעשטעלט אויף תפיסה, און איצט, זעט וואָס זיי טוען!

דער לייטער פון דער מעזריטשער אָפּטיילונג פון דער פירמע, ביי וועלכער איך האָב געאַרבעט, האָט אָבסערווירט אונדזער טעטיקייט.

— כ'בין נישט אייערער קיין קעגנער — האָט ער געזאָגט — אָבער נאָר אין דעם פאַל, אויב איר וועט קומען צו דער מאַכט אויף אַ לעגאַלן אופן. אָן אַ רעוואָלוציע, דורך שטימען. די רעוואָלוציע נעמט צו ביי אונדז, דעמאָקראַטן, די מעגלעכקייט צו זיין טעטיק — האָט ער צוגעגעבן.

— און וואָס אַזוינס האָט איר שוין אויפגעטאָן? — האָב איך אים געפרעגט.

— אויף אַלץ איז דאָ אַ צייט — האָט ער געענטפערט. מיר וועלן אויספּרוּוון אַלע פּראָגראַמען און אויך אויף אייערן, אויף דעם קאָמוניסטישן, וועט קומען אַ צייט.

פאַר דעם אָבער האָט מען באַוויזן פּטור צו ווערן פון מיר. מ'האָט מיר אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט און אַ כּמה אַנדערע האָט מען געצוווּנגען צו רעזיגנירן פון די „צו הויכע" לוינען. צו דעם צוועק האָט מען זיך באַנוצט מיט די „רייזערס", וועלכע האָבן מסכּים געווען צו ברענגען שאָדן די אַרבעטער פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל און פאַרן צוזאָג פון דער פּאָליציי, אַז זי וועט טאָלערירן זייער אַרומוואַנדערן.

כ'בין נאָכאַמאָל אַוועק אין דער געגנט פון סאָקאָל, ווו עס זענען געפירט געוואָרן גרויסע וואַלד־אַרבעטן. הונדערטער אַרבעטער פון ווייסרוסלאַנד און פון אַלע געגנטן פון פּוילן האָבן דאָ מיט ווייב און קינד אַרומגעוואַנדערט, געאַרבעט פון פרימאָרגן ביז ביינאַכט. „פון אַזאַ פאַרדינסט וועסטו קיין צוויי הייזער נישט אויסהאַלטן" — פלעגן זיי ענטפערן, ווען איך האָב זיי געפרעגט, פאַרוואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט די קינדער אין וואַלד, אין נעץ און אין קעלט. די מערהייט פון זיי האָט אויף זומער ליקווידירט די היים האָפנדיק, אַז אַזוי אַרום וועלן זיי אויפן ווינטער אָנזאַמלען גרעסערע זאַפּאַסן שפּייז. עס זענען דאָ געווען טויט־פאַלן פון אַ שלאַנגען־ביס. אויפן גרויסן אַרבעטס־שטח איז נישט געווען קיין סאַניטאַרער פּונקט. אין דער קראַנקן־קאַסע קיין מעזריטש האָט מען געדאַרפט גיין צוועלף קילאָמעטער צופוס. קיין ביאַלע־פּאָדלאַסקע — אויך אַזוי פיל.

דער כסדרדיקער צופֿלוס פֿון ארבעטס־קראַפֿט האָט געגעבן א מעגלעכקייט די אונטערנעמער זיך נישט צו רעכענען מיט די פֿעסטגעשטעלטע לוינען. אויב אין די יאָרן 1928 ביז 1930 האָט מען דאָ געצאָלט פֿאַר אָנלאָדן א צוואַנציק־טאָניקן וואַגאָן זעכצן זלאָטעס, האָט מען איצט אראָפּגענידערט דעם פּרייז ביז צוועלף זלאָטעס. אויף דעם זעלבן אופֿן האָט מען פֿארקלענערט דעם לוין ביים האַקן און צופֿירן דאָס האָלץ.

אין יוני חודש האָט דער לייטער פֿון לאָדונגס־פּלאַץ אָנגעזאָגט, אז ס'וועט זיין א נייע לוין־אראָפּזעצונג אויף א דריטל. „ס'איז א קריזיס — האָט ער געטענהט. — מיר מוזן אַלע ליידן". ווען צווישן די ארבעטער האָט אָנגעהויבן וואַקסן די אומצופֿרידנקייט און ס'זענען אפֿילו פֿאָרגעקומען אַוואַנטורעס, האָט ער זיי אָנגעוויזן אויפֿן קיבוץ פֿון השומר הצעיר, וועלכער האָט אויך דאָרט געאַרבעט. „ווען איר וואָלט געווען קולטורעלע מענטשן — האָט ער געפּרווט איבערצייגן די ארבעטער — וואָלט איר געאַרבעט רואיק, אזוי ווי זיי. צוּפֿיל עסט איר. גיט א קוק אויף זיי, אויף די שומרים, זיי פֿאַרדינען ווייניקער פֿון אייך, א סך צייט גיבן זיי אָפּ אויף לייענען, און דאָך סטייעט זיי אויף אַלץ".

איך האָב געאַרבעט ביים לאָדן די וואַגאָנעס, חוץ דעם פֿלעג איך נאָך מאַכן חשבונות פֿונעם לוין. דער גרעסטער טייל ארבעטער האָט געשטאַמט פֿון דער נאָענט, פֿון פּאָטאָצקיס פֿאַרצעלירטע פֿאָלוואַרקעס. כמעט אַלע זענען געווען פֿאַר אָנהייבן א שטרייק גלייך נאָכדעם, ווי מ'האָט אונדז געמאָלדן וועגן דער פֿארקלענערונג פֿונעם לוין. חוץ דעם האָט מען פֿאָרגעלייגט אָנצווענדן טעראָר. איך האָב זיי איבערצייגט אין דעם, אז שטרייקן דארף מען אָן טעראָר, נישט דערלאָזן דערביי צום צעברעכן דעם שטרייק און וועגן דעם דארף מען פֿירן אונטערהאַנדלונגען מיט אַלע גרופּן אַרבעטער פֿון וואַלד. די צום מערסטן צוציענדיקע איז געווען די ארבעט ביי דער ראַמפּע — אהער האָבן פֿון אַנדערע ערטער געקאָנט קומען שטרייק־ברעכער.

די ערשטע שטרייקברעכער זענען אָבער געווען די קיבוצניקעס, וועלכע זענען אזוי שטאַרק רעקאָמענדירט געוואָרן דורכן לייטער. באַגינען האָבן זיי באַזעצט די פּלאַטפֿאָרמעס, וועלכע מיר האָבן נישט אָנגעלאָדן. די ארבעטער האָבן מיך אויסגעוויילט אַלס פֿאָרשטייער צו פֿירן מיט זיי אונטערהאַנדלונגען, און אויב זיי וועלן זיך אָפּזאָגן צו פֿארלאָזן דעם ארבעטס־פּלאַץ — שטעלן זיי אַן אולטימאַטום. איך האָב זיך נישט געווענדעט צו דער אָנפֿירונג פֿונעם קיבוץ — איך האָב זיך געווענדעט צו אַלעמען, רופֿנדיק זיי אין נאָמען פֿון ארבעטער־סאָלידאַריטעט זיי זאָלן פֿארלאָזן די ראַמפּע.

— און אויב נישט? — האָבן עטלעכע געענטפֿערט מיט דער דאָזיקער פּראָוואָקאַציאָנעלער פֿראַגע.

— בין איך פֿאַר קיין זאַך נישט פֿאַראַנטוואָרטלעך — האָב איך זיי געוואָרנט.

עמעץ האָט אָנגעהויבן צו רופן מ'זאָל צופּרעטן צו דער אַרבעט, אָבער א באַדייטנדיקער טייל קיבוצניקעס איז אראָפּ פון די פּלאַטפאָרמעס פרעגנדיק דערביי, וועגן וואָס עס גייט דאָ.

ווען איך האָב זיך מיט א פּאָר וואָכן שפּעטער געטראָפן מיט געוועזענעם שומרניק, וועלכער איז אריבער צו דער קאַפּ, מיטן ח' יעקב, האָב איך זיך דער־וווּסט, אַז די אָנפירונג פונעם קיבוץ האָט מסכים געווען צו ברעכן דעם שטרייק, אויסבאַהאַלטנדיק דעם דאָזיקן באַשלוס פון די קיבוצניקעס, וועלכע זענען ארויסגעפירט געוואָרן צו דער ארבעט. די ערשטע צוויי טעג פונעם שטרייק זענען אדורך אָן שום אינצידענטן.

וואַגאָנען פלעגט מען צושטעלן פינף אזייגער פאַרטאָג. אין פערטן טאָג פון שטרייק האָט מען זיי צוגעשטעלט צוועלף אזייגער ביינאַכט צוזאַמען מיט עטלעכע צענדליק שטרייקברעכער, וועלכע דער לייטער האָט געבראַכט פון ביאַלע־פּאָדלאַסקע. ווען מיר זענען, אזוי ווי אַלע טאָג, געקומען האַלב זעקס אינדערפרי, זענען שוין די פּלאַטפאָרמעס געווען באַלד אָנגעלאָדן.

— מיר שטרייקן קעגן אראָפּזעצן די לוינען — האָב איך געמאָלדן די שטרייקברעכער — מיר רופן אייך, איר זאָלט פאַרלאָזן דעם דאָזיקן פּלאַץ.

אַלס ענטפער האָב איך באַקומען א זעץ מיט א ביר־פלאַש. די אויפגע־רעגטע ארבעטער האָבן זיך געוואָרפן אויף די שטרייקברעכער. עס זענען געלאָזן געוואָרן אין גאַנג שטעקנס און שטיינער, פויסטן און פיס. דער קאַמף האָט נישט לאַנג געדויערט. די שטרייקברעכער זענען אַנטלאָפן אין וואַלד, פאַרפאָלגטע דורך די ווייסרוסישע האָלץ־פירער.

— קאַב וואַס וואַנקי זאַרעזאַלי. משעזשי פּראָקלאַציאַ[1] — האָבן זיי געשאָלטן.

דעמזעלבן טאָג באַכמיטאָג האָבן די ארבעטער געכאַפּט דעם לייטער פון פּלאַץ. פאַר די פיס האָבן זיי אים פון וואַלד געשלעפּט.

— דאָס האָט ער געבראַכט די הורן־זין — האָבן זיי געשריגן — אונטערן צוג וואַרפט אים.

ווען דער לייטער האָט מיך דערזען אויף דער פּלאַטפאָרמע האָט ער אָנגע־הויבן צו שרייען:

— פּאַניע באַברוק, דערלאָזט נישט צו קיין מאָרד! איר טאָרט נישט דערצו דערלאָזן.

— בעט ביי די ארבעטער — האָב איך אים געענטפערט.

דער שטענדיק אַמביציעזער און נישט צוטרויעלעכער לייטער האָט איצט, ציטערנדיק פון שרעק, געבעטן רחמים, ער האָט אפילו צוגעזאָגט נישט איינצו־פירן די לוין־נידערונג. נאָך דעם, ווי ער האָט געכאַפּט עטלעכע קלעפּ, האָט מען אים צוליב זיין צוזאָג אָפּגעלאָזט. זיין וואָרט האָט ער אָבער נישט געהאַלטן.

[1] אויף ווייסרוסיש: האַלט אייך די וועלף ציטריסן, פאַרשאָלטענע טיילוואַלים — (איבערזעצער).

נישט געקוקט דערויף איז דער שטרייק געווונען געוואָרן. ער האָט אָנגענומען אַזאַ פאַרנעם, וואָס האָט געדראָט מיט אָפּשטעלן די גאַנצע אַרבעט ביים האַקן דעם וואַלד. דערצו נאָך האָבן די אָנווענדיקע פאָרשטייער פון דער באַן־ליניע גדיניע—קאַטאָוויץ געאיילט מיט אויספירן די האָלץ־באַשטעלונגען צום טערמין דראָענדיק, אַז אין קעגנפאַל וועלן זיי אַנולירן דעם אָפּמאַך. איינער פון זיי, אַ פראַנצויז — אַ בראַקער, וואָס האָט פליסיק גערעדט אויף רוסיש, האָט גערימט אונדזער קאַמף. אפילו אין די חושכדיקע ביידלעך פון די האָלץ־פירער האָט זיך דערפילט אַ לייכטערע אַטמאָספער.

די פּאָליציי, וואָס איז אָנגעקומען נאָכן שטרייק, האָט זיך באַמיט צו דערזען, ווער עס האָט געשלאָגן דעם לייטער פון פּלאַץ — אַזאַ איינדרוק אַלנפאַלס האָבן זיי געוואָלט נאָך זיך איבערלאָזן. אין דער אמתן איז זיי געגאַנגען זיך צו דערוויסן, ווער עס זענען געווען די אָרגאַניזאַטאָרן פון שטרייק. דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט האָט צו מיר דאַן געזאָגט: „איר האָט צעהרגעט דעם לייטער — כאַפּט אים דער טייוול, אָבער דער שטרייק — דאָס איז געווען אייער פּאָליטישע אַרבעט“.

ווען איך בין אַלס דעלעגאַט פון די שטאָטישע אַרבעטלאָזע געגאַנגען צום וואָיעוואָדע וועגן צואיילן דאָס אַרויסגעבן די שטיצע, וואָס עס קומט לויטן געזעץ, און איך האָב שוין אַפילו געהאַט אַ באַשטימטע שעה פאַר דער אוידיענץ, האָט דער סעקרעטאַר פון פאַן וואָיעוואָדע פּלוצים געענדערט דעם באַשלוס און מיר געמאָלדן: „צופיל קאָמונע האָט איר דאָרט, אין מעזריטש, מאַסקווע זאָרגט שוין פאַר אייך“.

כ'בין נישט אויפגענומען געוואָרן. איך האָב דעריבער אינטערווענירט ביים אַרבעטס־אינספּעקטאָר. איך האָב אָנגעוויזן אויף די ווערטער פון סעקרעטאַר, אָבער דער פאַן אינספּעקטאָר האָט געענטפערט: „איך קען פערזענלעך דעם דאָזיקן הער און כ'בעט נישט צו פאַרמינערן זיין אויטאָריטעט“.

די אַרבעט אין דער אָרגאַניזאַציע האָט מיר געגעבן דעם ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס האָט מיך געפייניקט: וואָס וועל איך זיין? איך האָב זיך שוין איצט נישט געפילט אַליין. עס האָבן מיך געשטיצט נישט בלויז חברים פון דער אָרגאַניזאַציע און אומפּאַרטייאישע, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע אַרבעטער. — אין דעם שווערן לעבן, פול מיט נויט און הונגער האָט מיר אונטערגעהאַלטן די גרויסע וויזיע פון דער רעוואָלוציע און דאָס מעכטיקע לאַנד פון אונדזער האָפענונג — דער ראַטנפאַרבאַנד.

„זיין גלייך ווי די מענטשן פון ראַטנפאַרבאַנד, זיין מיט זיי און ווי זיי אָנטיילנעמען אין בויען דאָס נייע לעבן! פינפיאָר־פּלענער, דניעפּראָסטראָי... וואָס זענען דאָס פאַר אַ מענטשן? — האָב איך געטראַכט. — דער צאַריזם איז דאָך געווען אַזאַ גרויסע מאַכט און זיי האָבן אים באַזיגט, און איצט רעגירן

זיי אין אזא גרויס לאַנד". עס האָט זיך געוואָלט זען די זאַכן, מיט וועלכע זיי באַנוצן זיך, הערן זייערע רייד, זיין מיט זיי. אלץ מוז האָרט זיין אויסערגעוויינלעך. דער פראַנצויז — דער בראַקער האָט מיר געשענקט א צענקאָפּיקע מטבע, האָב איך זי געטראָגן מיט א געפיל פון שטאָלץ. אפילו אויפן געלט איז געווען אָנגעשריבן: „פּראָלעטאַריער פון אלע לענדער פאַראייניקט אייך!". די דאָזיקע מטבע איז געווען א רעאַלער באַווייז פון דעם אַלעמען, וואָס איך האָב ביז דאַן באַוויזן זיך צו דערוויסן פון ביכלעך, פון אומלעגאַלע בראָשורן און פון אייגענער דערפאַרונג.

בעת מיין אַרבעט האָב איך זיך באַקענט מיט א סך מענטשן, גוטע קאָמוניסטן פון אַנדערער געגנט. מיר איז געווען באַקאַנט די משפּחה קורילוק פונעם דאָרף ביאַלקע ביי ראַדזין פיר ברידער אַ שוועסטער, דער טאַטע און די מאַמע האָבן אַקטיוו געאַרבעט פאַר דער רעוואָלוציע. די רעוואָלוציאָנערע פּראַקטיק פון די קורילוקס איז געווען דורכגעדרונגען מיט אָפּטימיזם, מיט דרייסטקייט. די וויכטיקסטע אָרגאַניזאַציע־אויפגאַבן האָבן זיי געקאָנט פאַראייניקן מיט טאָגטעגלעכע משפּחה־ענינים. קיינמאָל האָט זיי נישט אויסגעפעלט קיין הומאָר און קיין ניכטערקייט. ווען די פּאָליציי האָט בעת א רעוויזיע געפונען ביי זיי לענינס אַ בילד און געפרעגט ווער דאָס איז, האָט זי גלייך באַקומען אַן אויסשעפּלעכן ענטפער, אָן א סימן פון פּלאָנטערן זיך: „דאָס איז אונדזער פעטער פון אַמעריקע. א גוטער פעטער, פּראָשע פּאַנוו".

געפערלעך איז געווען צו דערמאָנען זייער פאַמיליע אין דער נאָענט פון שפּיצלעס אָדער פּאָליציי. „פון וואַנען קענט איר די דאָזיקע פאַמיליע, ווען האָט איר זיך מיט עמעצן פון זיי געטראָפן, וואָס פאַר אַן ענין האָט איר מיט זיי? — אַזעלכע און ענלעכע פראַגן זענען דערמאָלט געפאַלן איינע נאָך דער אַנדערער, און אָפט פלעגט עס זיך פאַר א באַקאַנטן פון די קורילוקס ענדיקן מיט אַ 48 שעהדיקן אַרעסט.

אין אַרעסט און אין תפיסה

אין מערץ בין איך אַרעסטירט געוואָרן. אַ פּאָליציאַנט האָט מיך „אַראָפּגענומען" פון דער גאַס און דעם מאָמענט, ווען איך בין געגאַנגען אויף אַ טרעפונג מיטן מיטגליד פון שטאָט־קאָמיטעט פון קפּפּ ה' קויפּמשע, כדי מיט אים פעסטצושטעלן, אין וועלכן אָרט עס דאַרף אָנקומען די דעמאָנסטראַציע פון די אַרבעטסלאָזע פון אונדזער פאָרשטאָט. געווען איז עס דעם 15־טן מערץ, אין דעם טאָג, ווען אין גאַנצן לאַנד זענען די אַרבעטסלאָזע און אַרבעטנדיקע אַרויס אין גאַס, כדי זיך צו לאָזן אין אַ הונגער־מאַרש קעגן סאַנאַציע־רעזשים.

אין דער פּאָליציי האָט מיר דער קאָמענדאַנט געוויזן אַן אויפרוף, וואָס איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן דורכן שטאָטישן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי.

— דאָס האָסטו עס אָנגעשריבן? — האָט ער געפרעגט.

די פראַגע האָט געקלונגען דראָענדיק, אָבער מיך האָט זי שטאַרק געשמייכלט. „הייסט עס, אַז פאַר אַזאַ האַלטן זיי מיך — האָב איך געטראַכט און דער שטאָלץ האָט פאַרטריבן פון מיר יעדע שרעק. — כ'וואָלט שוין געוואָלט קאָנען אָנשרייבן אַזעלכע אויפרופן". איך האָב אַ טאָג פאַר דעם געהאַט ביי זיך דעם דאָזיקן אויפרוף און געקענט זיין אינהאַלט. איך האָב געוווסט, אַז דער דאָזיקער אויפרוף האָט געדאַרפט קאָלפּאָרטירט ווערן בעת דער דעמאָנסטראַציע. עס האָט מיך בלויז געוווּנדערט, וואָס די פּאָליציי האָט אים שוין. דעם 14־טן מערץ אין אָוונט האָב איך צוויי עקזעמפּליאַרן איבערגעלאָזט ביי איינעם פון דעם קאָמוניסטישן יוגנט־קרייז ־־ יי דער גימנאַזיע. איין עקזעמפּליאַר איז געווען אַ צעריסענער. „אפשר האָט ער איבערגעגעבן דער פּאָליציי"? איז מיר אַדורך אַ געדאַנק.

— ווייקט מיר, וואָס איז דאָס אַזוינס — האָב איך אַ פרעג געטאָן, וועלנדיק פעסטשטעלן צי דאָס זענען ווירקלעך די דאָזיקע אויפרופן.

— האָסט אַליין געשריבן און דו ווייסט נישט, ווי זיי זעען אויס — האָט גענטפערט דער פּאָליציי־שעף. „די רעגירונג פון די אויסוורפן, פון הונגער און מלחמה..." האָט ער אָנגעהויבן צולייענען. — געדענקסט נישט? האָסט אַ קורצן זכרון. אָבער נישקשה, אין אָוונט וועלן מיר דיר דערמאָנען — האָט ער מיך געדראָט.

דעם ציל האָב איך דערגרייכט. איך האָב דערקענט דעם צעריסענעם אויפרוף. איך האָב אויפגעדעקט אַ פּראָוואָקאַטאָר! און אומרו האָט מיך ווידער באַהערשט. דער פּראָוואָקאַטאָר האָט געקענט פיל שילער, צווישן זיי די צוויי ברידער ק. פון לאָשיץ, ביי וועלכע איך האָב אויסבאַהאַלטן פיל ביכער און צייטונגען. ווי אַזוי געבן צו וויסן וועגן דער געפאַר? אויף דער אַזיקער געפאַר זענען געווען אויך אויסגעשטעלט די „וויטשי“-מיטגלידער[1] פון דער האַנדלסשול, וועלכע האָבן זיך באַנוצט מיט די זעלבע ביכער. סטאַניסלאַוו מאַזור פון זשאַקאָוולע, ווי אַ סך אַנדערע, איז געווען אַ שטענדיקער אָפּנעמער פון אונדזער ליטעראַטור און האָט אָפט געהאָלפן פאַרשפּרייטן אונדזערע אויסגאַבן אין די דערפער און שולן. אין זיין דירה האָט מען שטענדיק געקאָנט געפינען קאָמפּראָמיטירנדיקע מאַטעריאַלן. ווי אַזוי וואָרנט מען איצט?

אַרום צוועלף אַזייגער האָבן די אַרבעטער באַלאַגערט דעם מאַגיסטראַט. עס זענען געווען ביי עטלעכע טויזנט מאַן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן. אין אַ קורצער צייט זענען אַלע געביידעס פאַרפולט געוואָרן מיט דעמאָנסטראַנטן. מיך האָט מען אָפּגעפירט אין שטאָטישן אַרעסט. אויף דער גאַס האָב איך באַמערקט מיין מאַמען. זי האָט געטראָגן פאַר מיר פרישטיק. פון די פענצטער פון אַרעסט האָב איך געזען הונדערטער בערשטער-אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געזאַמלט ביי דער פּאָליציי, זיי האָבן געפאָדערט צו באַפרייען די אַרעסטירטע. די גאַנצע פּאָליציי איז דאָ געווען קאָנצענטרירט. דעם דאָזיקן מאָמענט האָט אויסגענוצט מיין מאַמע און זיך דערנענטערט צום אַרעסט. איך האָב זי געבעטן, אַז זי זאָל תּיכף אָפּזוכן די חברטע מגוחה און איר איבערגעבן עטלעכע ווערטער, וועלכע איך האָב מיט שפּילקע לעכלעך „אָנגעשריבן“ אויף אַ שטיקל פּאַפּיר.

אין אָוונט האָט מען מיך ווייטער געבראַכט צו דער פּאָליציי. דער קאָמענדאַנט האָט זייער איידל זיך געווענדעט צו מיר איך זאָל אָנגעבן אַלע מיינע פּערסאָנאַליען. ער האָט געפּרוּווט מיך מכבד צו זיין מיט אַ פּאַפּיראָס און נישט פרעגנדיק וועגן קיין אַנדערע זאַכן האָט ער אָנגעהויבן אַ לעקציע וועגן דער פּאָליטישער סיטואַציע אין לאַנד, אונטערשטרייכנדיק זיין פּעאָוויאַקישע[2] און פּפּסישע פאַרגאַנגענהייט.

— כ'בין געווען — האָט ער געזאָגט — באַגייסטערט פון דער סאָציאַליסטישער אידעע. איך האָב געגלייבט אין גערעכטיקייט, גלייכהייט און ענלעכע זאַכן. אָבער דאָס לעבן איז שטאַרקער פון אוטאָפּיעס — האָט ער ווייטער גע-

[1] „וויטשי“ — אַזוי האָט געהייסן אַ דאָרפישע יוגנט-אָרגאַניזאַציע וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער פּויערים-פּאַרטיי. אין „וויטשי“ האָט זיך אויך גרופּירט די רעוואָלוציאָנערע דאָרפישע יוגנט, וועלכע איז באַקעמפט געוואָרן דורך דער רעאַקציאָנערער אָנפירונג — (איבערזעצער).

[2] פּ.אָ.וו. — אַ פּילסודסקיישע דיווערסאַנטיש-שפּיאָנישע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין 1914 י. — (איבערזעצער).

רעדט. — איך בין איצט, ווי איר זאָגט עס, אַ פּאָליציאַנט. איך האָב גאָר פּשוט אַ שטעלע אין דער מלוכה און מיין זאַך איז צו העלפן פּעיקע פּאָליאַקן זיי זאָלן פאַרלאָזן דעם פאַלשן וועג, — ער האָט מיך געפּרוּווט איבערצייגן, אַז איך געהער צו די דאָזיקע און פון מיר אַליין הענגט אָפּ. צי דער גורל וועט באַוויליקן מיך ארויסצודרייסן פון די סאַמע אָרעמסטע, וועלכע זענען פאַרמשפּט אויף אומפאַרמיידלעכער גזירה. איך האָב עטלעכע מאָל געפּרוּווט איבעררייסן דעם שטראָם רייד דערקלערנדיק, אַז כ'ווייס נישט וועגן וואָס עס גייט דאָ. ער האָט דערויף נישט געווענדעט קיין אויפמערקזאַמקייט. ער האָט גערעדט אָן אַן אויפהער גאַנצע דריי שעה. נאָכדעם האָט ער אויסגעטרונקען טיי, אויסגעריכערט אַ פּאַפּיראָס און אָנגעהויבן צו אינפאָרמירן:

— איך האָב צונויפגעבראַכט עטלעכע און פערציק פּאָליציאַנטן און היינט ביינאַכט ליקווידיר איך די גאַנצע קאָמוניסטישע געץ. אין אייער זשעטשיצע וועלן שוין מער זיך קיינמאָל נישט באַווייזן קיין אויפרופן און טראַנספּאַרענטן — האָט ער געזאָגט — איך האָב געהייסן ארעסטירן פיל פון אייערע חברים!

— פאַרוואָס וועט איר זיי ארעסטירן? — האָב איך געפרעגט מיט אַ געמאַכטער פאַרוואונדערונג — פאַר וואָס האָט די פּאָליציי מיך אייגנטלעך ארעסטירט?

דער ביז איצט באַהערשטער קאָמיסאַר איז שנעל און גערויעז אויפגעשטאַנען פון דער קאַנאַפּע, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַנטקעגן מיר מיט זיין גאַנצן גוף, נאָכדעם האָט ער זיך אָפּגערוקט אויף צוריק, צונויפגעזשמורעט די אויגן און מיטן גאַנצן כוח מיר געגעבן אַ זעץ אין שלייף. כ'בין מיטן בענקל ארויפגעפאַלן אויפן וואַנט.

— דו כאַם איינער, הינטישער זון — האָט ער אָנגעהויבן צו שעלטן און דראָען. — דו מיינסט, אַז דערפאַר האָב איך געפּטרט מיין געזונט, כדי דו זאָלסט פון מיר חוזק מאַכן! איך ווייס אַלץ וועגן דיין באָלשעוויסטישער ארבעט. אָט האָסטו דיר!

ער איז אויפגעשטאַנען, ארויסגענומען פון דער ביורקע אַ טעקע און אָנגעהויבן צו לייענען די פּאַפּירן, וואָס זענען דאָרט געלעגן. „דעם און דעם טאָג — אַ לייענונג פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“, פּאָליטישע עקזאַמענע אאַז. מיט גימנאַזיסטן אין פעלד, אין וואַלד...“ די ראַפּאָרטן זענען ווירקלעך געווען פּינקטלעכע און האָבן אַנטשפּראָכן דער צייט, ווען ג. האָט זיך באַטייליקט אין די פאַרזאַמלונגען. עס זענען אָבער געווען אָנגעגעבן פאַקטן, וועלכע האָבן געהאַט אַן אָרט אויך דאַן, ווען ער איז נישט געווען.

— צי וועסטו איצט נאָך לייקענען? — האָט געפרעגט דער קאָמיסאַר.

— איך לייקן דאָס און כ'בעט מיך צו באַפרייען.

שטאַרקע פויסטן און האַרטע שטיוול האָט געהאַט דער קאָמיסאַר פון דער פּאָליציי.

ווען מ'האָט מיך פאַרטאָג גאַכאַמאָל גערופן אויף א פאַרהער, האָב איך אין צימער געטראָפן דעם „מעכניקער" פון זשעטשיצער קאָמערל דעם ח' פ.

— ער וועט דיך שוין דערמאָנען, וו אָ ס דו האָסט געטאָן און וו ע ן — האָט טריומפירט דער קאָמיסאַר. — ער איז קליגער געוואָרן און אָנערקענט זיך צו זיין שולד. מיר שענקען אים דעם טעות, און דו וועסט פאַרפוילט ווערן אין קרימינאַל, אויב דו וועסט פאַרלייקענען דאָס, וואָס דו האָסט געטאָן.

דער דאָזיקער פ. האָט ווירקלעך אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן פיל באַגע-גענישן מיט באַקאַנטע און אים אומבאַקאַנטע מענטשן, וועלכע איך האָב אים איבערגעגעבן, כדי אָפּצונעמען ביי זיי ליטעראַטור, טראַנספּאָרטן אַרגל.

— וואָס וועסטו דערויף זאָגן, אַ? — האָט טריומפירט דער קאָמיסאַר.

— דאָס איז עפּעס אַ משוגענער — האָב איך געענטפערט.

דער קאָמיסאַר האָט געהייסן אריינרופן זעקס חברים פון זשעטשיצע, ער האָט זיי אויסגעשטעלט ביי דער וואַנט, מיך האָט ער געהייסן זיך שטעלן ביי דער אַנטקעגנדיקער וואַנט און האָט זיי געמאָלדן:

— אָט איז דער, וועלכער איז שולדיק, וואָס איר וועט אייערע בעסטע און שענסטע יאָרן פאַרברענגען אין תפיסה. כ'גיב אייך אַן אָפּיצערן־וואָרט — אויב איר וועט אים אין פנים זאָגן דאָס אַלץ, צו וואָס ער האָט אייך אָנגע-רעדט, וועל איך אייך גלייך באַפרייען.

זיי האָבן געקוקט אויף מיר מיט אַ פאַרזאָרגטן בליק. דער יונגער יאַט סטאַניסלאַוו זיענטעק האָט זיך דער ערשטער אָנגערופן:

— לאָזט מיך צורו, וואָס האָב איך וואָס צו זאָגן וועגן אַזאַ מענטש, ווי איך אַליין. ער גנבעט נישט, ער גזלט נישט, הייסט עס — ער איז אַ גוטער.

— מיר ווייסן וועגן אים גאָרנישט — האָבן מיטאַמאָל געענטפערט עט-לעכע שטימען.

דער צעווילדעטער קאָמיסאַר האָט זיי גענומען שלאָגן און שטויסן בעת זייער ארויסגיין, נאָכדעם האָט ער אויסגעלאָזט זיין ווילדקייט אויף מיר.

— איך וועל דיך אָפּגעבן אין סוכאָדאָלסקיס הענט — האָט ער מיך גע-דראָט.

סוכאָדאָלסקי איז געווען דער שעף פון דער דעפענסיווע אין שעדלעץ. אין דער געגנט איז ער געווען „באַרימט" אַלס הענקער און סאַדיסט. כ'האָב גע-מאַכט אַן אָנשטעל, אַז איך ווייס נישט וועגן וועמען עס האַנדלט זיך דאָ.

אויף צוזאַמענגעם ביינאַכט האָב איך זיך באַקענט מיט סוכאָדאָלסקין. איך האָב אין משך פון צוויי יאָר אַזויפיל זיך אָנגעהערט וועגן אים, אַז איך האָב זיך אים פאָרגעשטעלט אַלס שלעכטער מיט אַן אַפּלעטישן קערפּער־געבוי, און נישט אַן מורא בין איך אריין אינעם צימער, וווּ ער האָט „אַמטירט". ביי מיין אריינ-קומען האָט ער אויף מיר קיין שום אַכט נישט געלייגט. ער איז געשטאַנען ביים

פענצטער און געריבערט א פּאַפּיראָס; דאָס איז געווען א נידעריקער ברונעט מיט א בלאַסן פּנים, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעצויגן צוגלייך מיט א פאַרשטאַרקער גרימאַסע, אויך א שאָטן פון א ביטערן שמייכל. זיין בליק האָט מיט דעם זעלבן גלייכגילט זיך געגליטשט איבער די זאַכן אין דעם צימער, ווי איבער מיין פּערזאָן. ער האָט אָנגעהויבן צו גיין מיט ווייכע טריט און געקוקט אין פענצטער. ווען ער האָט זיך געשטעלט אין פּראָפיל האָט ער מיך דערמאָנט, כ׳ווייס נישט פאַרוואָס, אין געטעס פוקס רייניקע.

נאָכן אויסרייכערן דעם פּאַפּיראָס האָט ער זיך אוועקגעזעצט ביי דער ביוראָ און האָט אָנגעהויבן צו שרייבן. ער האָט לאַנג געשריבן. זיין באַשעפטיקונג און גלייכגילטיקייט האָט גאָרנישט געשטערט מיין אָפּטער בייטן דעם פּוס, אויף וועלכן איך האָב זיך אָנגעשפּאַרט. פאַרשרייבנדיק א גאַנצן בויגן האָט ער עטוואָס אויפגעהויבן דעם קאָפּ פונעם שרייבטיש, נישט באַוועגנדיק דערביי מיטן קערפּער, און האָט קורץ א וואָרף געטאָן פון זיך:

— דו ביסט זיך מודה?

— צו וואָס? — האָב איך געפרעגט.

— איך פרעג, צי דו ביסט זיך מודה — האָט ער שטילער איבערגעחזרט.

— אויב צו דעם, וואָס עס ווארפט מיר פאָר דער קאָמיסאַר, בין איך זיך נישט מודה — האָב איך געענטפערט.

מיט דער זעלבער רואיקייט האָט ער געזאָגט:

— טו זיך אויס!

איך האָב נישט געענטפערט. אין א רגע ארום האָט ער אויף מיר א קוק געגעבן, איז אויפגעשטאַנען, געעפנט די טיר און א מאַך טוענדיק מיט דער האַנט האָט ער אריינגערופן צוויי פּאָליציאַנטן.

— אויסטאָן אים! — האָט ער באַפוילן. אין א פּאָר צענדליק סעקונדן בין איך געווען אויסגעטאָן ביז צו די וועש. — איבערלאָזן די שקאַרפּעטקעס — האָט ער צוגעגעבן. ער האָט די פּאָליציאַנטן געהייסן ארויסגיין, אליין איז ער צוגעגאַנגען צו מיר, האָט ארויסגענומען קייטלעך און מיר פאַרבונדן די הענט.

— לייג זיך! — האָט ער באַפוילן מיטן זעלבן געדעמפּטן קול.

— איך וויל נישט און איך פּראָטעסטיר! — האָב איך אויסגעשריגן.

דאָסמאָל האָט די טיר זיך געעפנט אָן דעם ווונק פון דעם שעף. די פּאָ־ליציאַנטן האָבן מיך אומגעוואָרפן אויף דער ערד — אויך אָן זיין באַפעל. די קני ל ציאַנטן האָבן זיי מיר אריינגעפּאַקט צווישן די פאַרבונדענע הענט און דורכגעצויגן א שטעקן. מיין קאַרק האָט זיך אָנגעצויגן ווי א פייפנבויגן. דער שטעקן האָט זיך מיר איינגעגעסן אין לייב און האָט פּאַראַליזירט די אַנדערע הינטער די קני.

די פּאָליציאַנטן זענען ארויסגעגאַנגען. מיט זיי צוזאַמען איז אויך ארויס סוכאָדאָלסקי. דער מאָגן האָט צוגעדריקט די לונגען און מיר אוממעגלעך געמאַכט צו אָטעמען. מער ווייניקער אין צען מינוט ארום איז סוכאָדאָלסקי צוריקגעקומען מיט די פּאָליציאַנטן. ער האָט זיי געהייסן אוועקשטעלן צוויי טאַבאַ־

רעמן, אויף וועלכן מ'האָט אָנגעשפּאַרט די עקן פונעם שטעקן, אויפהענגענדיק מיך איבער דעם דיל.

כ'בין ווידער געבליבן איינער אליין מיט סובאָדאָלסקין.

— הער זיך איין — האָט ער זיך אָפּגערופן — אויב דער שכל וועט זיך צו דיר אומקערן און וועסט וועלן רעדן, זאָלסטו געבן א ווונק מיטן קאָפּ.

ער האָט זיך דערנענטערט און מיר פאַרשטופּט דאָס מויל מיט א נאַסער, שטינקנדיקער שמאַטע. נאָכדעם איז ער ווידער אוועק. ווען ער איז צוריקגעקומען האָב איך אים שוין בלויז געזען ווי דורך א נעפּל. פריער טונקעלע, נאָכדעם העלע פלעקן האָבן מיר פאַרשטעלט דעם בליק. איך האָב אָבער דערקענט, אז ער האַלט אין האַנט א משייניק. די גרימאַסע פון א הונגעריקן וואָלף האָט נאָך מער פאַרקרימט זיין צורה און די אויגן האָבן געגלאַנצט ביי אים מיט א רוצחישן אָפּשיין. ער האָט איבערגעדרייט דעם משייניק און גענומען גיסן מיר אין נאָז אריין אייז־קאַלט וואַסער. א שאַרפער ווייטיק האָט מיר געהישעט אין האַלדז און צעריסן די שלונג. איך האָב זיך געשטיקט. רעאַגירן האָב איך אָבער ניט געקאָנט. דער גערויש אין די אויערן און די טויבע קלעפּ אין האַרץ האָבן מיר צעמישט דעם באַוווּסטזיין

ענדלעך האָב איך בכלל אויפגעהערט צו פילן. כ'בין ווי אריינגעפאַלן אין עפּעס א תהום. אויפגעמינטערט האָט מיך א שרעקלעכער שטאָך אין דעם הינטערשטן טייל פונעם קאָפּ. איך האָב געעפנט די אויגן. איך האָב דערקענט ווו איך געפין זיך. דער שטאָך אין קאָפּ איז געקומען פון קלעפּ מיט א גומענעם שטעקן אין די פיאַטעס. דער „שעף“ סובאָדאָלסקי האָט געקאָנט מינטערן.

נאָכן צווייטן משייניק וואַסער זענען די רעזולטאַטן געווען די זעלבע. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט צום צווייטן מאָל בין איך געלעגן אין א צימער מיט א פענצטער אָן קראַטעס און לעבן מיר איז געזעסן א פּאָליציאַנט מיט א ביקס. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אז סובאָדאָלסקי איז לגבי מיר געווען עלעגאַנט. ער האָט מיר אין נאָז אריינגעגאָסן בלויז וואַסער, און נישט קיין אורין, ווי ער האָט עס געטאָן בעתן פאַרהערן דעם חבר יעקב.

איך האָב באַקומען א קאָנטאַקט מיט די חברים אויף דער פריי. מיט באַפרידיקונג האָב איך געלייענט א בריוול פון דער מאַמען. זי האָט מיר געגעבן צו וויסן, אז איך וועל באַפרייט ווערן, ווייל ווען מ'האָט אַרעסטירט אַלע פאַרדעכטיקטע פון דער פאָרשטאָט, האָט זי פאַרשפּרייט א גרויסע צאָל אויפרופן, פלאַקאַטן און האָט ארויסגעהאָנגען א טראַנספּאַרענט אויף א בוים. „מ'האָט דיך גענומען — האָט זי געשריבן — דערפאַר, ווייל אויף אונדזער גאַס איז שטענדיק פול געווען מיט ליטעראַטור. כ'בין אוועק צו מנוחהן. זי האָט מיר געגעבן די אַלע זאַכן, איך האָב געטאָן, וואָס מ'האָט געדאַרפט און זאָלן זיי וויסן, אז נישט בלויז דו האָסט געקאָנט טאָן. מ'וועט דיך איצט אוודאי ארויסלאָזן“...

אין דער צווייטער העלפט פון אפריל האָט מען מיך אריבערגעפירט אין דער שעדלעצער תפיסה. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז די גרויסע תפיסה־קאַמער האָט מיך אינגאַנצן אָפּגעשניטן פון לעבן און אַז געבליבן זענען מיר בלויז די אייגענע געדאַנקען. פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט האָב איך געשפּאַנט פון דער טיר ביזן פענצטער, וואָס איז געווען ביים סאַמע באַלקן. פינף טריט אין דער לענג, נאָכדעם אויף צוריק ווידער פינף טריט. אַזוי, ווי ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אָן אַ סוף, ביז צום פאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט, ווייל פון מידקייט פלעג איך באַקומען קאָפּ־שווינדל.

די עיפּושדיקע זופּ, די פיר הונדערט גראַם ברויט און די „קאַווע" האָבן מיך נישט איבערראַשט מיט זייער געשמאַק און אויסזען. איך האָב פריער אַליין זעלטן בעסער געגעסן. ווען איך בין געווען אָן אַרבעט האָב איך אָפט געגעסן בלויז איין מאָל אין טאָג און דאָס אויך נישט צו דער זעט. דאָס עסן, וואָס מ'האָט מיר דאָ געגעבן, איז נאָך געווען צו דערליידן. דאַקעגן האָב איך נישט אָנגענומען די אָנזאָגן פון תפיסה־וועכטער, וועלכער האָט מיך, אין די ערשטע טעג פון מיין זיין אין תפיסה, געלערנט, אַז אין דער פרי און אין אָוונט דאַרף מען תפילה טאָן, אַז בעתן אַפּעל דאַרף מען זיך שטעלן אויף „אַכטונג" און מעלדן ווי אין מיליטער, אויבן פענצטער טאָר מען נישט קריכן און בייטאָג טאָר מען זיך נישט ליגן אויפן בעט.

גייענדיק איבער דער קאַמער האָב איך געזונגען דעם יוגנט־הימן, דעם „אינטערנאַציאָנאַל" און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע לידער. מיט וועלכע מ'האָט געדאַרפט זיין פאָרזיכטיק אויף דער פריי.

ווען איך האָב געבעטן ביכער צום לייענען, האָט מען מיר געבראַכט א גרויסן באַנד פון עפּעס א פראַנצויזישן אויטאָר — „יעזוס קריסטוס" האָט דאָס בוך געהייסן. דאָס פאָרוואָרט האָב איך איבערגעלייענט מיט אינטערעס. „אָנערקענט די געטלעכקייט פון זיין אָפּשטאַם און נאָכדעם קריטיקירט אויף אַלע מעגלעכע אופנים" — האָט אין דעם פאָרוואָרט זיך געווענדעט דער אָנהענגער פון „פרייען ווילן" צו זיינע קעגנער — די מאַטעריאַליסטן.

אויפן אַכטן טאָג פון מיין געפינען זיך אין תפיסה האָט מען צו מיר אין קאַמער, דורך דעם „יודאַש"־פענצטערל, וואָס האָט געהאַט א דיאַמעטער פון זיבן מיט א האַלבן צענטימעטער אַריינגעוואָרפן עפּעס א קליין, איינגעוויקלט פּאַפּירל. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז א פּאַפּיראָס. אַלס אַרעסטאַנט, וואָס איז נאָך געווען פאַרן פּראָצעס, האָב איך קיין רעכט נישט געהאַט אויסצושרייבן פאַר זיך עפּעס וואָס פון דער תפיסה־קאַנטינע, — האָב איך זיך טאַקע דערפרייט מיט דער מתנה פון אַן אומבאַקאַנטן. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זענען געווען פּאַפּיראָס־פּאַפּירלעך פאַרשריבן מיט זייער א קליינעם שריפט. אויף איין פּאַפּירל איז געווען אָנגעשריבן אַן אינסטרוקציע, ווי אַזוי אַ פּאָליטישער אַרעסטאַנט דאַרף זיך האַלטן לגבי דער תפיסה־אַדמיניסטראַציע, און לגבי זיינע חברים־אַרעסטאַנטן. אין די איבעריקע פּאַפּירלעך,

העלבע זענען געווען אונטערגעשריבן דורך דער „אָנפירונג פון דער קאָמונע“ האָט מען געפאָדערט ידיעות וועגן מיר און אן אינפאָרמאַציע, ביי וואָס פאר אן אומשטענדן איך בין ארעסטירט געוואָרן, ווי אזוי האָב איך זיך געהאַלטן בעת דער אויספאָרשונג א.א.וו. עס איז דאָרט אויך געווען א שטיקל בלייער, רער טעלעגראַפישער מאָרזע־אלף־בית און אן אָנזאָג, אז אויפצומאָרגנס ביינאַכט, לויטן אָפגערעדטן צייכן, זאָל איך אראָפּלאָזן א פאָדים אויפן ערשטן שטאָק.

דעם מאָרזע־אלף־בית האָב איך זיך כמעט תיכף אויסגעלערנט: א פּאַטיקל איז צוויי קלעפּ אין וואַנט, א פּינטעלע איז איין קלאַפּ. פעדים האָב איך ארויסגעצויגן פונעם שטרוי־זאַק, אויך האָב זיי איינגעדרייט אין צווייען און אזוי האָב איך געמאַכט דאָס, וואָס אויף אונדזער לשון האָט געהייסן א „פערד“, פון צוועלף מעטער די לענג. צום עק פון פאָדים האָב איך צוגעפעסטיקט אלס א משא א ביסל זאַלץ איינגעוויקלט אין א שמאַטקע.

פון פארנאַכט אָן האָב איך אָנגעשטרענגט געהאַלטן דאָס אויער ביי דער וואַנט, ווארטנדיק אויפן אָפגערעדטן סיגנאַל. די דאָזיקע קאָמוניקאַציע איז געווען אויף אַזויפיל קאָמפּליצירט, אויף וויפל דעם מיטלסטן, צווייטן שטאָק, איבער וועלכן איך בין געזעסן, האָבן פארנומען קרימינעלע ארעסטאַנטן. די תפיסה־אדמיניסטראַציע האָט זיי איבערגעגעבן זיי זאָלן נאָכפאָרשן די קאָנטאַקטן צווישן די קאָמוניסטן. דאָס אראָפּגעלאָזטע „פערד“ האָט נישט געטאָרט פארביי גיין די פענצטער פון צווייטן שטאָק. עס וואָלט געקאָנט באַמערקט ווערן און דאַן וואָלט עס געוואָרן איבערגעכאַפּט צוזאַמען מיט דער קאָרעספּאָנדענץ. מ׳האָט געמוזט דאָס „פערד“ האַלטן ביי דער זייט, אויף דער וואַנט צווישן די פענצטער.

איך בין געהאָנגען אויף די קראַטעס און קוים באוויזן צו טאָן, וואָס מע האָט. און עטלעכע מינוט ארום האָב איך געפילט ווי דאָס שטריקל האָט מען דריי מאָל א צי געגעבן. איך האָב אָנגעהויבן צו ציען אין דער הייך. שוין רער ריח פונעם קליינעם פעקעלע האָט מיר געגעבן צו וויסן, אז דאָרט איז פאראַן מאַכאָרקע. דאָרט איז אויך געווען די צייטונג „אי.ק.צ.“. און פארשיידענע פּאַפּיראָסן־פּאַפּירלעך. איבערלייענען זיי האָב איך נישט געקאָנט, ווייל עס איז פינצטער געווען. דערפאַר אָבער האָב איך געקאָנט פארריכערן א פּאַפּיראָס. די חברים האָבן מיר אויך איבערגעשיקט אביסל „פּילוער“, דאָס הייסט אן איבערגעבראָכענעם שטיקל לייוונט, א שטאָלן קנעפּל אויף א שטריקל און א שטיינדל. פּאַנאַנדערדרייענדיק דאָס קנעפּל האָט עס פון שטיין ארויסגעקלאַפּט פונקען, און יוען זיי זענען געפאַלן אויפן „פּולווער“ האָב איך באַקומען פייער. דער דאָזיקער אופן פון ארויסבאַקומען פייער איז מיר נישט פרעמד געווען, ווייל אויך אויף דער פריי פלעג איך אים אַנווענדן.

איך האָב זיך פארוואונדערט, ווען נאָכן איבערלייענען און אויף צומאָרגנס די קאָרעספּאָנדענץ האָב איך זיך דערוווּסט, אז די חברים פונעם ערשטן שטאָק

זענען אָריענטירט אין צענדליקער איינצלהייטן פֿון לעבן פֿון די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן אין דער גאַנצער תּפֿיסה-געבײַדע, אַז עס קומט דאָ פֿאָר אַ פֿאַנאַנדערטיילונג פֿון פּראָדוקטן אויף און צווישן די שטאָקן, אַז די חברים לערנען זיך און עס דערשײַנט אַפֿילו אַ צײַטונג „די שטימע פֿון די איינצל-קאַמערן“.

איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס ווירטשאַפֿטס-פֿירער פֿון דער אָפּטיילונג. מײַן אויפֿגאַבע איז באַשטאַנען אין צונויפֿזאַמלען מיט דער הילף פֿון מאָרזע-אַלף-בית ידיעות וועגן די שפּײַז-פּראָדוקטן, וועלכע יעדע קאַמער באַקומט און איבערשיקן די דאָזיקע ידיעות צו דער אָנפֿירונג, וועלכע האָט נאָכדעם געגעבן אָנווײַזונגען וואָס צו טיילן און פֿאַר וועמען. מיט דער הילף פֿון „פֿערד“, וועלכע זענען ספּעציעל פֿאַר דעם דאָזיקן ציל געמאַכט געוואָרן, האָט מען אַ טייל פּראָדוקטן געדאַרפֿט איבערשיקן אויפֿן ערשטן שטאָק אָדער פֿון דאָרט באַקומען. אויף אַזאַ אופֿן האָט מען אַ טייל פּראָדוקטן געדאַרפֿט אויך איבערשיקן פֿון איין קאַמער אין דער צווייטער. מ'פֿלעגט דעם שכן אַרויסרופֿן צום פֿענצטער, וואַרפֿן צו אים דאָס „פֿערד“, וועלכן ער פֿלעגט כאַפּן מיט דער האַנט אָדער מיט אַ באַרשט, נאָכדעם האָט מען געדאַרפֿט צום מיטלפּונקט פֿונעם שנירל צובינדן דאָס נייטיקע פּעקל און לאָזן דאָס „פֿערד“ אויף צוריק. אויף אַזאַ אופֿן האָט מען געטיילט דאָס ברויט צווישן אומבאַקאַנטע חברים.

אײדער דאָס אַלץ איז אויף מײַן אָפּטיילונג אָרגאַניזירט געוואָרן, האָב איך זיך לאַנג געמאַטערט, ביז דער קאָנטאַקט איז אָנגעבונדן געוואָרן, ביז די חברים האָבן זיך אויסגעלערנט דעם מאָרזע-אַלף-בית און זיך צוגעוווינט צו די שווערע באַדינגונגען. די תּפֿיסה-אַדמיניסטראַציע האָט זיך ספּעציעל באַמיט, אַז די בעסט דערפֿאַרענע אַרעסטאַנטן זאָלן זײַן איזאָלירט פֿון די אַלטע, כּדי אַזוי אַרום שטערן דעם סאָלידאַרן קאַמף פֿון דער קאָמונע.

ווען די אַלע שוועריקייטן זענען בײַגעקומען געוואָרן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז פֿיר חברים פֿון מײַן פּראָצעס זיצן מיט מיר אין שכנות. איך האָב מיט זיי גערעדט, קלאַפּנדיק מיטן פֿינגער אין דער וואַנט. מיט דער צײַט האָב איך זיך צוגעוווינט, אַז כ'פֿלעג אויף אַזאַ אופֿן איבערקלאַפּן גאַנצע צײַטונגס-אַרטיקלען, פֿירן ברייטע דיסקוסיעס און זיך צונויפֿרעדן וועגן געמיינזאַמע אַרויסטרעטונגען, וועגן וועלכע עס האָט מיך אינפֿאָרמירט די אָנפֿירונג פֿון די איינצל-קאַמערן, וואָס האָט זיך געפֿונען אויפֿן ערשטן שטאָק.

די תּפֿיסה-מויערן זענען נישט בכוח געווען אָפּצוהאַלטן דעם אָנגעשטרענגטן קאַמף און די אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט. די דאָזיקע אַרבעט איז בלויז געווען שווערער, ווי אויף דער פֿרײַ און האָט אײַנגעשלונגען פֿיל צײַט. עס זענען געווען טעג, ווען כ'האָב זיך פּשוט נישט אויסגעשלאָפֿן צוליב דער מאַסע אַרבעט. איך האָב געדאַרפֿט מאַכן באַריכטן וועגן דער פֿאַנאַנדערטיילונג פֿון די פּראָדוקטן, צונעמען אינסטרוקציעס פֿון דער אָנפֿירונג, באַקענען מיט זיי די חברים פֿון דער אָפּטיילונג, שרײַבן פֿאַר דער צײַטונג, ענדערן די שיפֿערן. אַפֿילו קלאַפּן דורך דער וואַנט האָט מען געדאַרפֿט פֿאַרשיפֿרירטערהייט, ווײַל

אויף דער אויספֿאָרשונגס־אָפּטיילונג האָבן די תפֿיסה־וועכטער באַזונדערס אייפֿעריק איבערגעכאַפּט די קעגנזייטיקע שמועסן. אַזוי אַרום האָבן געקאָנט דורכפֿאַלן פֿיל געהיימנישן און ענינים.

דאָס קלאַפּן דורך דער וואַנט פֿלעגט שטאַרק פֿאַרפֿאָלגט ווערן דורך די תפֿיסה־וועכטער. פֿאַר אַזאַ זאַך האָט מען באַשטראָפֿט און געשלאָגן. ביי די טירן פֿון די פֿאַרדעכטיקטע און אַקטיווער אַרבעט פֿלעגן זיך כסדר דרייען וועכטערס. מ׳פֿלעגט דאַרפֿן ביינאַכט ליגן אין בעט און פֿאָרזיכטיק קלאַפּן פֿון אונטער דער קאָלדרע מיט אַ באַשוכטן פֿוס. אין אַזעלכע מינוטן האָב איך די הענט געוויינלעך געהאַלטן איבער דער קאָלדרע, כדי אָפּצונאַרן דעם וועכטער, וועלכער פֿלעגט אַריינקוקן דורכן „יודאַש", רעוויזיעס פֿלעגן די וועכטער דורכפֿירן פּלוצלינג, ביינאַכט. זיי האָבן דורכגעטרייסלט די קאָלדרע, דעם שטרוי־זאַק. זיי האָבן געהייסן זיך אויסטאָן נאַקעט און אַרויסגיין אויפֿן קאָרידאָר. און דאָך פֿלעגט זיך איינגעבן אַ סך זאַכן איינצוהיטן. דעם בלייער פֿלעג איך באַהאַלטן אין זייף, אין אַ שטיקל ברויט... מיט דער צייט האָב איך זיך געמאַכט אַ „מעלינע" אין אַ וואַנט, וווּ איך האָב געהאַלטן טינט, פּאַפּיר, דאָס „פּערד" אאַז״וו. די וואַנט איז געווען אַ גרויסע. די „מעלינע" האָב איך פֿאַרקלעפּט מיט ברויט און פֿאַרפֿאַרבט מיט וואַסער געמישט מיט אַש פֿון פּאַפּיראָסן. ווען כ׳האָב פֿון „מאָפּר"[1] באַקומען אַ פּעקל, וואָס האָט געוויגן ביי דרייסיק קילאָגראַם, האָט דער תפֿיסה־וועכטער פֿון מיר געחוזקט, אַז דאָס וועט פֿאַר מיר סטייען אויף דער גאַנצער צייט פֿון אָפּזיצן דעם אורטייל.

— איך האָב אַ גוטן אַפּעטיט — האָב איך געענטפֿערט — און פֿאַרזיכער אייך, אַז כ׳וועל עס אויפֿעסן אין משך פֿון צוויי טעג.

אויף צומאָרגנס האָט מען ביי מיר אין קאַמער געמאַכט אַ רעוויזיע און מ׳האָט געפֿונען בלויז איין קילאָגראַם ברויט, עטלעכע שטיקלעך צוקער און אַ ביסל מאַכאָרקע. מ׳האָט מיך באַשטראָפֿט מיט 2 טעג קאַרצער און אַריבערגעפֿירט אין אַן אַנדער קאַמער.

— האָסט קיין ברויט נישט — האָט געחוזקט פֿון מיר דער זעלבער וועכטער — טאָ דאַוון — און האָט מיר אין האַנט אַריינגערוקט דאָס בוך פֿון קאַוטסקי: „די אַנטשטייאונג פֿון קריסטנטום". ער האָט אַוודאי געטראַכט, אַז דאָס איז אַ צווייטער טייל פֿונעם פֿריערדיקן בוך וועגן קריסטוס. אַזעלכע טעותים זענען מעגלעך געווען דערפֿאַר, ווייל פֿון די ליקווידירטע ביבליאָטעקן האָט מען אַ סך ביכער איבערגעגעבן דער תפֿיסה־ביבליאָטעק, אורטיילנדיק די ביכער לויט זייערע נעמען.

[1] מאָפּר — אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע צו העלפֿן רעוואָלוציאָנערן — פֿלעגט שיקן הילף די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין די תּפֿיסות און מאָביליזירן די אַרבעטנדיקע מאַסן צום קאַמף זיי צו פֿאַרטיידיקן. — (איבערזעצער).

קיין זעונגען האָבן מיר נישט אָנגענומען, ווייל מ'האָט זיי אונדז געוואָלט געבן בלויז דורך די קראַטעס. יעדער, וועמען מ'האָט גערופן אויף אַ זעונג איז אַרויסגעגאַנגען און אין דער אָנוועזנהייט פונעם קרוב, וועלכער איז צו אים געקומען, האָט ער פּראָטעסטירט קעגן פאַרפאָלגן די פּאָליטישע אַרעסטירטע. אין דער צייט האָט מען אין שעדלעצער תפיסה שוין נישט געפירט קיין לאַנגדויערנדיקע הונגער-שטרייקן. דער מעטאָד פון אונדזער קאַמף איז געווען — „איבערפלעכטן" די פאַרשידנסטע פאָרמען אייגנצייטיק: מיר האָבן פּראָטעסטירט בעתן אַפּעל, אייגנמאָליק נישט אָנגענומען קיין עסן, אַלע האָבן זיך אייגנצייטיק פאַרשריבן צום תפיסה-נאַטשאַלניק, אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען אאוו. יעדע אַקציע איז געפירט געוואָרן אייגנצייטיק אין ביידע געביידעס און אין אַלע אָפּטיילונגען. אין אַנדערע פעלער האָבן מיר פאַרויסגעזען אַלע מעגלעכע סאַנקציעס מצד דער תפיסה-אַדמיניסטראַציע און אונדזערע ענטפערס אויף זיי. אין פאַל פון פאַנאַנדערזעצן אונדז צווישן קרימינעלע, פון צונעמען ביי אונדז די אייגענע מלבושים, דאָס עסן, אין פאַל פון שלאָגן אאוו. — אויף יעדער סאַנקציע האָבן מיר געהאַט צוגעגרייט די געהעריקע קאָנטער-מיטלען פון אונדזער זייט. אין פאַל, ווען די פאַרבינדונג צווישן אונדז וואָלט זיך איבערגעריסן, האָט יעדער חבר געוווסט, ווי אַזוי ער דאַרף זיך אויפפירן גלייך נאָך די רעפּרעסיעס צי אין עטלעכע טעג נאָך זיי.

אונדזער פּראָצעס איז באַשטימט געוואָרן אויפן 7-טן נאָוועמבער. אין דעם דאָזיקן טאָג פאַרן אַפּעל האָבן מיר אַלע אָנגעטאָן רויטע שלייפלעך. דער אַספּיראַנט — אַ ווייסגוואַרדייער — וואָס האָט וויזיטירט די קאַמערן, איז אַרייַנגעפאַלן אין אַ רציחה נישט זעענדיק קיין איינעם צווישן די אויספּאַרש-אַרעסטירטע, וועלכער זאָל זיך אָפּשרעקן פאַר די רעפּרעסיעס.

— נעם עס אַראָפּ — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר. — צו וויסן געבן דעם געריכט, אַז דער אַרעסטאַנט סאָלידאַריזירט זיך מיט די באָלשעוויקעס! — האָט ער באַפוילן.

— צום באַפעל — האָט אים געענטפערט דער עלטערער וועכטער. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן פאַר מיין שלייפל, נאָ שלעפּ געטאָן און איז בלאַס געוואָרן, די צעבראָכענע נאָדל, מיט וועלכער דאָס שלייפל איז געווען צוגעשטעפּט איז אים טיף אַריין אין פינגער.

ווען כ' האָב זיך אין תפיסה-קאַנצעלאַריע געטראָפן מיט די חברים פון מיין פּראָצעס, האָבן אַלע געהאַט אויף זיך רויטע שלייפלעך. איינער פון די חברים האָט אָנשטאָט דעם צוגענומענעם שלייפל זיך געמאַכט אַ צווייטס פון אַ שטיקל טיכעלע, וועלכעס ער האָט באַפאַרבט מיטן אייגענעם בלוט.

אויפן פּראָצעס האָט מיך פאַרטיידיקט דער אַדוואָקאַט ברייטער. פון דעם גאַנצן פּראָצעס זענען מיר אין זכרון געבליבן צוויי איינצלהייטן. איינע פון זיי איז דער אַנעקדאָט, וואָס מיין אַדוואָקאַט האָט דערציילט אַלס ענטפער אויף דער רעדע פון פּראָקוראָר, און די צווייטע — דאָס איז דער טעם פון מיטאָג.

— הויכער געריכט! — האָט זיך געוווּנדערט דער אַדוואָקאַט. — די באַשולדיקונג דערמאָנט מיך דעם באַקאַנטן אַנעקדאָט וועגן דעם שטרייט צווישן אַן איטאַליענער און אַ גריך, וועלכע האָבן זיך געשפּאַרט וועגן דעם, וועמענס קולטור עס איז אַן עלטערע. „ביי אונדז — האָט געזאָגט דער איטאַליענער — זענען שוין מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק געווען טעלעפאָנען. בעת אויסגראָבונגען אויפן פאָרום ראָמאַנום האָט מען אין איינעם פון די ברונעמער געפונען אַ שטיקל דראָט. דאָס איז אַ זיכערער באַווייז“. „און ביי אונדז — האָט רואיק געענטפערט דער גריך — האָט מען פיל ברונעמער אַנטדעקט אין אַטען, און כאָטש, אָבער אין ערגעץ האָט מען אַפילו קיין שפּור נישט געפונען פון טעלעפאָן-דראָטן. הייסט עס — האָט קאָנסטאַטירט דער גריך — אַז ביי אונדז האָט מען שוין דאַן זיך באַנוצט מיט ראַדיאָ“. פּונקט אַזוי באַשטעטיקט דער פּראָקוראָר. דער באַשולדיקטער פּ. איז שולדיק, ווייל ער האָט מודה געווען און האָט געגעבן באַווייזן פון זיין שולד, באַבּרוק און אַנדערע זענען נאָך מער שולדיק, ווייל דאָס פעלן פון באַווייזן זאָגט עדות, אַז זיי האָבן באַוויזן צו פאַרווישן נאָך זיך יעדן שפּור. — שטעלט פעסט דער פּראָקוראָר. איך לייג פאָר אָפּצוּוואַרפן דעם באַשולדיקונגס-קאַקט און די באַשולדיקטע — באַפרייען.

דעם טעם פונעם מיטאָג געדענק איך דערפאַר, ווייל דאָס איז געווען אין מיין לעבן דאָס ערשטע מיטאָג פון „אַזאַ מין“. אַ קאָטלעט מיט גרינוואַרג, שמעקנדיקע זופּ און קאָמפּאָט. דאָס האָט מיר די מאַמע געקויפט און געבראַכט אין געריכטס-זאַל.

אויף דער פראַגע פונעם געריכט וואָס מיר בעטן, האָבן מיר געענטפערט:

— מיר פאָדערן אונדז תיכף צו באַפרייען און באַשטראָפן די פּאָליציי, וועלכע האָט אונדז געפייניקט.

די פּאָליציי האָט אָבער ווייטער טעראָריזירט די באַפעלקערונג פון מעזריטש און מיך, מיטן חבר יעקב האָט דאָס געריכט פאַרמישפּט צו פיר יאָר תּפיסה און אויף צען יאָר פאַרלירן אַלע רעכט. אַנדערע האָט מען פאַרמישפּט צו דריי יאָר. אין די מאָטיוון פון אורטייל איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף אונדזער מינדעריעריקייט און דאָס איז געווען די סיבה פון די „קליינע“ תּפיסה-אורטיילן. איך בין געמישפּט געוואָרן אַלס מיטגליד פון קרייז-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. די גראַפּאָלאָגישע עקספּערטיזע האָט פעסטגעשטעלט מיין האַנטשריפט אויף אַ בריוו, וועגן וועלכן איך האָב קיין אַנונג נישט געהאַט. קאָנפידענציאָנעלע ידיעות האָבן ווידער איבערגעגעבן, אַז איך בין אַ פּאַרטיי-מיטגליד פון 1928 יאָר.

דער אַפּעלאַציע-פּראָצעס האָט באַשטעטיקט דעם אורטייל. בלויז פּ. איז באַפרייט געוואָרן נאָכדעם, ווי ער האָט אונטערגעשריבן אַ „לאָיאַליטעט-דערקלערונג“. דער תּפיסה-נאַטשאַלניק האָט אונדז עטלעכע מאָל צוגערעדט, אַז מיר זאָלן אויך טאָן דאָס זעלבע.

איידער עס זענען אָנגעהויבן געוואָרן די אָנגריפֿן אויף די פּאָליטישע ארעסטירטע, כדי צו ליקווידירן די רעשטלעך רעכט (אייגענע קליידער, נישט קיין אָפּגעשוירענע קעפּ, נישט שטעלן זיך אויף „אכטונג“, באַקומען צייטונגען אדגל.) האָט מען געוויינלעך ארויסגעשיקט טראַנספּאָרטן אין אַנדערע תּפֿיסות. מען האָט דאַן אויסגעקליבן די אַקטיווסטע פּאָליטישע ארעסטירטע און זיי ארויסגעפֿירט, כדי אַזוי ארום לייכטער צו דערשטיקן דעם ווידערשטאַנד פֿון די געבליבענע.

אין די לעצטע טעג פֿונעם חודש אַפּריל 1933 יאָר בין איך צוזאַמען מיט פֿערציק חברים אריבערגעשיקט געוואָרן אין דער גראָדזשאַנזער תּפֿיסה. עס איז אָנגעקומען דער 1-טער מאַי. צוגעגרייט האָבן מיר זיך אין די תּפֿיסה-קעלערן אויף וויביצקאַ-גאַס 22, האָבן מיר דעם האָזיקן טאָג באַערט מיט אָנטאָן רויטע שלייפֿלעך און מיט זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל“. בעתן אַפּעל האָט מען אויף אונדזער דעמאָנסטראַציע נישט געלייגט קיין אכט. מ'האָט אונדז ארויסגעגעבן פֿרישטיק. פֿונעם עסן האָבן מיר געפּרוווט דריגנען, וואָס קאַרא רעכט דאָ האָבן די פּאָליטישע ארעסטירטע.

אינגיכן האָט זיך אויפֿן קאָרידאָר דערהערט דער באַפֿעל „אַכטונג“, און אין קאַמער האָבן זיך אריינגעריסן ביי א צוויי צענדליק וועכטערס.

— עס איז געווען א באַפֿעל „אכטונג!“ — האָט אַ געשריי געטאָן א קאָמיסאַר.

קיינער האָט זיך פֿון אָרט נישט גערירט. איינער פֿון די חברים האָט געזאָגט:

— פּאָליטישע ארעסטירטע שטעלן זיך נישט פֿאַר קיינעם אויף „אכטונג“.

נאָך די האָזיקע ווערטער האָט מען, ווי לויט א באַפֿעל, זיך געוואָרפֿן אויף אונדז. מיט פֿויסטן-קלעפּ אין קאָפּ און מיט די שטיוול אין מאָגן האָט מען אונדז אַוועקגעלייגט אויף דער אַספֿאַלט-פּאָדלאָגע. יעדער אונדזער פּרוּוו אויפֿצוהייבן דעם קאָפּ האָט זיך געענדיקט מיט קלעפּ פֿון די צעווילדעוועטע וועכטערס. זיי האָבן געטרעטן אויף אונדז און געשלאָגן מיט די שליסלען. דאָס האָט געדויערט נישט מער ווי 15 מינוט.

— אויפֿשטיין! — האָט זיך ווידער דערהערט א באַפֿעל פֿון קאָמיסאַר.

— קיינער האָט זיך קיין ריר נישט געגעבן.

— אויפֿשטעלן זיי! — האָט ער באַפֿוילן.

נאָך אין וועג, ווען מ'האָט אונדז געפֿירט, איז געווען אַלעמען אָנגעזאָגט צו שטעלן א פּאַסיוון ווידערשטאַנד. אין יענער צייט האָט די תּפֿיסה-וואַך בלויז געוואַרט אויף אַן אַקטיווער ארויסטרעטונג פֿון די ארעסטירטע, כדי צו האָבן אַ פּרעטעקסט זיך אָפּצורעכענען אויף אַ בלוטיקן אופֿן מיטן „בונט“.

אויפֿן באַפֿעל האָב מען אונדז אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד. מ'האָט אונדז אויסגעשטעלט אין צוויי רייען, נאָכדעם האָט מען אונדז געוואָרפֿן אין די ווינקלען, געשלאָגן מיט די שליסלען אין די זייטן. ווען עמעץ האָט געחלשט האָט מען

אים געטרייסלט און נאָך מיט א גרעסערער רציחה געטרעטן. א סך געחלשטע האָבן זיך אויפגעכאפּט פון די קלעפּ. ווער עס איז נישט געקומען צו זיך, האָט מען ארויסגעוואָרפן אויפן קאָרידאָר.

— דער באָלשעוויזם וועט זיך אייך אָפּוועלן! — האָבן געדראָט די וועכטער.

בעת דעם אָנפאַל אויף אונדז האָט קיינער נישט געשריגן, נישט געקרעכצט. מיר האָבן געשוויגן. ווי נאָר די וועכטער זענען אוועק פון דער קאמער האָט יעדער געזוכט א שווערער צעשלאָגענעם, כדי אים צו העלפן. בעת מעשה האָט זיך ווידער די טיר געעפנט און ווי שמאַטעס האָט מען אונדז אריינגעוואָרפן דריי צעשלאָגענע חברים. דער איינציקער סימן, אז זיי לעבן נאָך איז געווען דאָס כאָרכלען, וואָס האָט זיך ארויסגעריסן פון זייערע ברוסטן. מיר האָבן זיי גע־מינטערט מיט וואסער. א פּויער פון דער געגנט פון ווישאָקע ליטעווסק, יאַן ד. איז דער ערשטער צו זיך געקומען. „גאַראָנים — האָט ער געזאָגט — זיי מיינען, אז זיי האָבן שוין מיט אונדז א סוף געמאכט“. נאָכדעם איז ער אויפגעשטאַנען, אָנגעהויבן צו גיין און הויך זיך חכמענען מיטן אוקראַאינער וואָלאָדקע, וועלכער האָט יעדעס מאָל, בעתן פרווון אויפשטיין, זיך געכאפּט פארן מאָגן און געזאָגט: „כ'קאָן נישט“ און דערביי האָט ער געלאַכט פון זיין אייגענעם צושטאַנד.

מיטאָג האָט מען אונדז געבראַכט, אַזוי ווי פאַר דעם וואָלט גאָרנישט געשען. דאָס מיטאָג איז געווען אָן אן ערך א בעסערס, ווי אין דער שעדלעצער תפיסה.

— זיי וואָלטן פריער בעסער געגעבן אָפּצועסן, אפשר וואָלט איך נאָך בעסער געקאָנט אויסהאלטן — האָט זיך געחכמעט וואָלאָדקע.

— עס, עס — האָט אים יאַן צוגעגעבן מוט — דאָס איז נאָך נישט דער סוף, עס וועט צונויץ קומען.

אויפן דריטן טאָג נאָכן אָנקומען אין תפיסה בין איך אריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַן איינצל־קאמער אויפן צווייטן שטאָק. אין באָד האָט מען מיר גע־פרווט פארטוישן מיינע אייגענע מלבושים אויף ארעסטאַנטישע. איך האָב זיי נישט אָנגענומען און אין די בלויזע וועש בין איך פון דאָרט ארוים. מיינע מל־בושים האָט מען מיר צוריקגעגעבן. אויך די קאמער איז, אין פארגלייך מיט דער שעדלעצער, געווען א בעסערע. דאָ איז נישט געווען קיין שמוץ און קיין אומפלייט. אין דער שאפקע האָב איך געפונען א סך אויפשריפטן אין דער ווייסרוסישער שפראַך. עטלעכע מאָל האָט זיך איבערגעחזרט די פאמיליע קאַוועדאַ.[1] אין דער קאמער האָב איך אויך געפונען שפורן פון א ראַדיאָ־אפּאַ־

[1] דער מערדער פון פּאָסל וואָיקאָוו, דעם סאָוויעטישן אמבאסאדאָר אין פּוילן. קאָוועדאַס אַטענטאַט איז פאָרגעקומען דעם 7-טן יוני 1927 יאָר. (איבערזעצער).

ראַט. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, איז דאָ געזעסן דער מערדער פֿונעם ח׳ וואָיקאָוו. קאָווערדאַן פֿלעגט מען דאָ זען יעדן טאָג שפּאַצירנדיק אײנער אַליין בײַ די פֿענצטער פֿון דער אַלטער געבײַדע. ער איז געווען פֿאַוואָריזירט דורך דער תּפֿיסה־אַדמיניסטראַציע. אין זײַן קאַמער האָט מען אַפֿילו צוגעלאָזט אַ לערער פֿאַרן באַנדיט.

אײַנגיכן האָט איך באַוויזן אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט די קעלערס. עס זענען דאָרט געזעסן אַ כּך חברים, וועלכע האָבן געקענט די אָרטיקע באַדינגונגען. מ׳האָט צו מיר געקלאַפּט, אַז איך זאָל זײַן פֿאָרזיכטיק און זאָל אָנבינדן מיט זיי אַ קאָנטאַקט דורך אַ „פֿערד“. „מיר וועלן דיר איבערשיקן אַ שליסל צו אַ שיפֿר און קאָרעספּאָנדענץ“ — האָבן זיי מיר צו וויסן געגעבן.

אַ „פֿערד“ האָב איך מיר געמאַכט פֿון פֿעדים פֿון אַ האַנטעך און אין דער באַשטימטער צײַט האָב איך עס אַראָפּגעלאָזט צו די קעלערס. ווען איך האָב שוין געהאַט דאָס פּעקל אין האַנט, איז אין קאָרידאָר געוואָרן אַ באַוועגונג. עס איז קלאָר: ב׳בין אַרײַנגעפֿאַלן. איך האָב וואָס שנעלער אַראָפּגענומען די פֿעדים, מיט וועלכע עס איז געווען אַרומגעדרייט דאָס פּעקל און איך האָב אָנגעהויבן צו פּאַקן אין מויל אַרײַן די שיפֿרירטע און נישט שיפֿרירטע צעטלעך. דער שליסל איז שוין געווען אַרײַנגעשטעקט אין שלאָס און בײַ מיר אין מויל איז נאָך געווען פֿול מיט פּאַפּיר, וועלכעס כ׳האָב נאָך נישט באַוויזן אַראָפּצושלינגען. וועלנדיק זיך פֿאַרלענגערן די צײַט בין איך אַרונטערגעקראָכן אונטערן בעט. דרײַ וועכטער האָבן מיך פֿון דאָרט אַרויסגעצויגן פֿאַר די פֿיס. איך האָב זיך געהאַלטן פֿאַרן בעט און צוזאַמען מיט אים האָט מען מיך געשלעפּט איבער דער קאַמער. כ׳האָב שוין דאָס שלעכט־צעקײַעטע פּאַפּיר אַרײַנגעפּאַקט אין האַלדז, האָט מיר אײנער פֿון די וועכטער אַרײַנגעפּאַקט דעם שליסל אין מויל און אַזוי אַרום מיך געצוווּנגען צו ווײַזן, וואָס איך האָב דאָרט.

— ער האָט אַראָפּגעשלונגען, דער הונט־זון! — האָט ער אויסגעשריגן.

מ׳האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר די הענט און אַרײַנגעשלעפּט אין אַמבולאַטאָריום. מ׳האָט מיר דאָרט אָנגעהויבן צו צאַפּן דעם מאָגן. איך האָב געזען, ווי מ׳שלעפּט פֿון דאָרט אַרויס ברעקלעך פֿיאָלעטע פּאַפּירלעך. איך האָב זיך געפֿרייט, וואָס די אומבאַקאַנטע חברים האָבן געשריבן מיט אַ כעמישן בלײַער.

נאָכן פֿאַרברענגען אַ נאַכט אין קאַרצער בין איך איבערגעפֿירט געוואָרן צום תּפֿיסה־נאַטשאַלניק קוכאַרסקי. אויף זײַן שרײַב־טיש האָב איך באַמערקט צעפּיצלטע ברעקלעך פֿיאָלעטע פּאַפּיר אונטער אַ גלאָז. אַן אײַנגעבויגענער איבער די פּאַפּירלעך האָט דער נאַטשאַלניק אַרויסגעלייענט פֿון זיי.

— דער חבר באָברוק וועט אונדז דאָס איבעריקע אַליין דערציילן — נו, וואָס זאָגסטו? — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר — וועסט דערציילן וואָס פֿאַראַ אינסטרוקציעס דו האָסט באַקומען, אַ?

— איר האָט דאָך זיי פּאָר אייערע אויגן — האָב איך געענטפערט.

— איך פרעג ביי דיר נישט וועגן דעם! — האָט ער אויסגעשריגן.

דאָ איז נישט מעגלעך געווען זיך ארויסצודרייען פון פּראָנטוואָרטלעכקייט. דער באַוווסטזיין וועגן דער דאָזיקער לאַגע האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט פולשטענדיק זיך צו באַהערשן.

— איך וווּנדער זיך — האָב איך געזאָגט — וואָס איר, אַ מענטש מיט בילדונג, האָט אילוזיעס, אַז כ׳וועל עפּעס דערציילן וועגן דעם, וואָס עס האָט אַ שייכות צו דעם קאָלעקטיוו פון די פּאָליטישע ארעסטירטע.

ער האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט זיין בליק פון קאָפּ ביז די פיס און האָט אָנגעהויבן גערוועז זיך באַוועגן הינטערן שרייב־טיש. ער איז אויפגעשטאַנען און אויסגעשריגן:

— משייקאָווסקי! — ווען דער וועכטער איז אריין האָט ער צוגעגעבן:

— טו אים אויס.

ער האָט מיר באַפוילן זיך זעצן נאַקעטערהייט, אויפשטיין. דער וועכטער האָט מיר אריינגעקוקט אין מויל, געזוכט אין די האָר, אונטער די אָרעמס. ער האָט מיך אריינגעפירט אין אוביקאציע און מיר געהייסן זיך אויסליידיקן. נאָכדעם האָט ער מיר באַפוילן נאָכאַמאָל זיך צוזעצן, זאָגן „א־א“, אויפהייבן אין דער הייך די פיס און באַווייזן די פיאַטעס.

— וויפל האָסטו נאָך צו זיצן? — האָט געפרעגט דער נאַטשאַלניק.

— לויטן געריכטס־אורטייל — כמעט דריי יאָר טאָג — האָב איך געענטפערט.

— און לויט דיר וויפל וועסטו נאָך זיצן? — האָט ער געפרעגט קוייטשנדיק די ברעמען.

— ביז דער רעוואָלוציע — האָב איך געענטפערט.

— אהא! — דו מיינסט, אז זי איז נעענטער, וואָס?

— זיכער אזוי, הער נאַטשאַלניק.

— דו ביסט אָפּהענגיק פון מיר, פארשטייסט — האָט ער געזאָגט — איך בין דאָ אייער האר, דאָס, וואָס איך וועל פון אייך מאַכן — דאָס וועט זיין. פירט אים אַוועק! — האָט ער באַפוילן.

אויפן וועג אין קארצער האָט דער וועכטער אָנגעהויבן מיט מיר א שמועס:

— דו מיינסט, אז ביי אונדז וועט זיין קאָמונע? — האָט ער געפרעגט — אָ, מיר וועלן דערצו נישט דערלאָזן. מעגלעך, אז דאָ וועט נישט זיין פוילן, אָבער אַז דאָ זאָל זיין אייער מאכט — נישט דערלעבן וועט איר עס! ווי נאָר עס וועט זיך עפּעס א ריר טאָן, וועלן מיר אייך אויסשיסן, ווי די הינט. אין דייטשלאנד — האָט ער ווייטער געטענהט — זענט איר מער געווען, און היינט זענען אלע ביי אים אין פויסט.

ער האָט מיך אריינגעפירט אין אַ קליינער קאמער, אָן אַ בעט, אָן אַ שטרויזאַק, אָן אַ טאַבורעט.

— גיב דיין מאַרינאַרקע — האָט ער געזאָגט. מיין קעגנשטעלן זיך האָט וויניק געהאָלפן — כ'וועל דיך מיט קיין פינגער נישט אָנרירן און דו וועסט סיי ווי סיי אָפּגעבן — האָט ער געדראָט. ער האָט פאַרלייגט די הענט אויף די פּלייצעס, זיך אָנגעבויגן אויף הינטן מיט זיין גראָבן קאַרק און האָט אָנגעהויבן מיר קאָפּען מיט די שטיוול, איבערחזרנדיק נאָך יעדן זאָץ: „טו זיך אויס! טו זיך אויס!".

די מאַרינאַרקע האָב איך אוועקגעגעבן. עס זענען אויף מיר געבליבן צוויי העמדער. ביזן אָוונט האָב איך זיך דערוואָרעמט שפּאַצירנדיק הין און צוריק. ביינאַכט האָב איך געדרעמלט שטייענדיק אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אין דער וואַנט. פון דער דומפּיקער לופט האָט מיך געאיבלט. דער קאָפּ האָט מיר וויי געטאָן. אין קאַרצער איז פינצטער געווען סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט מיר טשייקאָווסקי געמאָלדן, אַז דער תּפיסה-נאַטשאַלניק האָט מיך באַשטראָפט מיט אַכט טעג קאַרצער אָן געקעכץ.

—איך פּראָטעסטיר — האָב איך דערקלערט.

אַלס ענטפער האָט ער מיר געגעבן אַ זעץ מיט די שליסלען איבער דער פּלייצע.

— אַלס שטראָף וועסטו באַקומען קאַווע ערשט מיטאָג-צייט.

די קעלט און דער הונגער האָבן מיך געפּייניקט. איך האָב באַשלאָסן צו מאָנען דאָס עסן, וואָס מיר קומט. איך האָב אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין דער טיר. ווען עס האָט זיך אָנגעצונדן דאָס ליכט און פון קאָרידאָר האָט זיך דערהערט די פראַגע: „וואָס איז?" — האָב איך געפאָדערט פרישטיק.

— איך האָב האָך דיר געזאָגט, אַז דו וועסט נישט באַקומען. דאָס איז דיר נאָך וויניק? מיינסט, אַז אין קאַרצער קאָן מען נישט באַשטראָפן פאַר שלעכטער אויפפירונג — האָט ער געדראָט — וואַרט, איך וועל דיך אָנלערנען — האָט ער צוגעגעבן און איז אַוועק.

אין אַ מינוט אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט אַ קענדל וואַסער און עס גלייך אויסגעגאָסן אויף דער פּאָדלאָגע. די פּאָדלאָגע פון איין מעטער די ברייט און צוויי מעטער די לענג האָט זיך באַדעקט מיט וואַסער. ער האָט געבראַכט נאָך אַ קענדל און דאָס וואַסער איז מיר דערגאַנגען ביז די אָבצאַסן. איך האָב געוואַרט אַז ער וועט ברענגען אַ דריטס. ער האָט נישט געבראַכט. דאָס בלייבן פּילשטענדיק אומבאַוועגלעך, שטייענדיק אין וואַסער, האָט געשאַפן ביי מיר דאָס געפיל, ווי כ'וואָלט הורכגענומען געוואָרן מיט קעלט. זיך באַוועגן אין אַזאַ לאַגע האָט קיין שום פאַרלייכטערונג נישט געגעבן.

די שעהן, וועלכע עס האָט אויסגעקלונגען דער תּפיסה-זייגער, האָבן זיך אומענדלעך-לאַנג געצויגן. האַלב צוועלף האָב איך שוין די פיס ביז די קני נישט געפילט. מיטן שטערן האָב איך זיך אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, כדי צו קאָנען בלייבן שטיין. אַ היץ האָט מיר געברענט אין מויל — דאָס טעפּל קאַלטע קאַווע

האָט נישט געשטילט דעם דורשט. איך האָב ווידער אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין טיר און געפאָדערט מיך אָפּצופירן אין דער קאַמער.

— גיי אַרויס! — האָט אויסגעשריגן דער וועכטער עפענענדיק די טיר.

אויפן קאָרידאָר האָט ער מיך אָנגעהויבן צו טרעטן מיט די פיס און שלאָגן מיט די שליסלען. — איך וועל דיר געבן אַ קאַמער, באָלשעוויק איינער! — האָט ער געשריגן.

ווען דאָס איז אים נמאס געוואָרן האָט ער מיך צוריק אַריינגעשלעפּט אין קאַרצער. איך בין אומגעפאַלן אין וואַסער. מיט מי האָב איך זיך קוים אויפגעהויבן און זיך אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט. איך האָב געפילט, אַז אין די באַדינגונגען וועל איך לאַנג נישט אויסהאַלטן. איך וועל מוזן זיך אויסציען אויף דער פּאָדלאָגע. דאָס האָט געדראָט מיט אַ לונגען־אָנצינדונג.

איך האָב נאָך אַמאָל אָנגעהויבן קלאַפּן אין דער טיר.

— שוין, איך גיי שוין, כ׳גיי — האָט זיך דערהערט דעם וועכטערס שטימע.

אין אַ רגע אַרום האָט ער געעפנט די טיר און אַריינגעוואָרפן צוויי שטיקלעך נישט קיין געלאָשענע וואַפּנע. אין דער פינצטער האָב איך זיי געזוכט אין וואַסער. זיי האָבן מיר געברענט די הענט. עס איז דאָ נישט געווען קיין שום זאַך, אויף וואָס כ׳וואָלט וואַפּנע געקאָנט אַוועקלייגן. עס האָט זיך מיר ראָך איינגעגעבן אָפּצורייסן אַ חלק פון העמד און דערין פאַרבינדן די וואַפּנע. נישט געקוקט דערויף איז די לופט אין קאַרצער געוואָרן אַ נאָך מער דומפּיקע און עסעדיקע. די אויגן האָבן געברענט און עס האָט געריסן אין האַלדז און אין נאָז.

מאָמענטווייז האָב איך געטראַכט, אַז דער וועכטער פירט אויס די דראָונגען פון תפיסה־נאַטשאַלניק קוכאַרסקי, און זיינע אייגענע דראָונגען, מיט וועלכע ער האָט מיך באַגלייט צום קאַרצער. איך האָב נאָכאַמאָל געפּרוווט זיך אַרויסקריגן פון דאַנען, אָבער דאָס קלאַפּן האָט קיין שום רעזולטאַט נישט געגעבן. חוץ דעם איז מיר שוין געווען לייכטער און וואַרעמער — אינגיכן האָט מיך אָנגענומען אַ שלאָף. איך האָב געהערט דאָס ווייטע קלינגען פונעם זייגער. איך האָב געציילט: עס איז געווען דריי אַזייגער.

ס׳האָט זיך מיר געחלומט, אַז כ׳בין אַריינגעפאַלן אין עפּעס אַ קליי־מאַסע. כ׳האָב געפּרוווט גיין איבער איר. די הענט און פיס זענען מיר שווער געווען, ווי בליי, אָבער אָפּרוען האָט מען נישט געטאָרט. דער אָנשטרענג ביים הייבן די פיס איז געווען אַזוי גרויס, אַז כ׳האָב מורא געהאַט עס זאָל אין מיר נישט פּלאַצן דאָס אינגעווייד.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט האָב איך נישט געגלייבט דאָס, וואָס מיינע אייגענע אויגן האָבן געזען. איך בין געלעגן אין דער שפּיטאָל־קאַמער. דאָס איז קענטיק געווען פון דער איינריכטונג אין צימער און פון דעם רעצעפּט, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ טאַבורעט ביי מיין בעט. דערנעבן איז געשטאַנען נאָך איין

בעט. עס איז געווען בייטאָג. אין דער שפּיטאָל־קאַמער איז ליכטיק געווען. פונעם קאָרידאָר האָבן זיך געהערט שטימען פון די קאַליפּאַקטאָרן.[1]

ווען אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אין דער קאַמער געבראַכט נאָך אַ קראַנקן, האָב איך לכתחילה חושד געווען, אַז דאָס האָט די אַדמיניסטראַציע ספּעציעל עמעצן צוגעשטעלט צו מיר, אינגיכן האָב איך זיך איבערצייגט, אַז כ'האָב געהאַט אַ טעות. מיין שכן איז געווען דער חבר זיגמונט, ער האָט געשטאַמט פון לוואָוו, אַ מאַטראָס, וואָס האָט געאַרבעט אויף אַ שוועדישער שיף. ער איז אַרעסטירט געוואָרן פאַר אַקטיווער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט.

נאָך אַ חודש ליגן אין תפיסה־שפּיטאָל, פון וואַנען איך האָב זיך צוריקגעקערט מיט אַ נישט אויסגעהיילטער לונגען־אָנצינדונג, בין איך ווידער אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַן איינצל־קאַמער. איך האָב אונטערגעהאַלטן די פאַרבינדונג, מיט די אַלטע חברים. זיי האָבן מיך אינפאָרמירט, אַז כ'דאַרף פאָדערן מ'זאָל מיך אַריבערטראָגן אין דער אַלטער געביידע. איך האָב די האָזיקע אינפאָרמאַציע איבערגעגעבן אויך אַנדערע חברים און מיר האָבן אָנגעהויבן אַן אַקציע. אין אָט דער צייט האָבן מיר אין קאַמער אַריין באַקומען אַ סך ביכער. דאָס רוב איז געווען אין דער רוסישער שפּראַך. בערנשטיינס „די פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם“, באָקלס „די געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע אין ענגלאַנד“, שאָלאָכאָווס „שטילער דאָן“. אא. איך האָב די רוסישע שפּראַך נישט געקענט און די ביכער האָבן מיר אויסגעזען ווי אַ שטאָלענער פּאַנצער, וועלכער באַהאַלט אויס דאָס סאַמע וויכטיקסטע. איך האָב פון באַגינען ביז ביינאַכט געהאָרעוועט, כדי צו באַנעמען דאָס געלייענטע, צייטנווייז האָט זיך מיר געדאַכט, אַז כ'פאַרשטיי שוין אַלץ און ריכטיק: אַדאַנק דעם האָזיקן אָנשטרענג האָב איך זיך אויסגעלערנט די רוסישע שפּראַך, פאַרשטייט זיך מיט אַזאַ מין אַקצענט, וואָס האָט ביי פיל אין פּסר, ווהין כ'בין אָנגעקומען אין 1939 יאָר, אַרויסגערופן אַ שמייכל.

אין דער גראָדזשאַנדזער תפיסה זענען געזעסן אַ סך אַקטיווע טוער פון קפּפּ. די נייע טראַנספּאָרטן פּאָליטישע אַרעסטירטע, וועלכע זענען אַהער אָנגעקומען (צווישן זיי אויך אונדזערע) זענען אָפּגעזונדערט געוואָרן באַזונדער, כדי נישט צו דערלאָזן, אַז די ווייניקער אַנטוויקלטע חברים זאָלן זיך צונויפטרעפן מיט די אַלטע גראָדזשאַנדזער פּאָליט־אַרעסטירטע. נישט געקוקט דערויף איז די אויסשולונג אין די אַלגעמיינע קאַמערן פון די „שעדלעצער“ געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ. אָנגעפירט מיט דער לערע האָט דער אַלטער „גראָדזשאַנדזער“ חבר בנימין דאַריוק און אַנדערע. די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט איז געלייגט געוואָרן

[1] קרימינעלע אַרעסטאַנטן, וואָס פילן אויס די פונקציעס פון באַדינער פון דער תפיסה־אַדמיניסטראַציע. — (איבערזעצער).

אויף צו לערנען די „פּראָבלעמען פון לענינים", „מלוכה און רעוואָלוציע", „דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד" און לענינס „אימפּעריאַליזם".

דער חבר זיגמונגט האָט געקענט אויף אויסנווייניק גאַנצע זייטן פון די „פּראָבלעמען פון לענינים", נישט מאַכנדיק קיין טעות אַפילו בנוגע די אָפּשטעל־צייכנס. שפּעטער האָבן מיר געהאַט הערפון נוצן, ווייל בעת די אדמיניסטראַציע האָט ביי אונדז צוגענומען דאָס רעכט צו האָבן ביכער פלעגן מיר, לויט דעם חבר זיגמונטס דיקטאַט, איבערשרייבן דעם ווערטפולן מאַטעריאַל.

אין אויגוסט 1934 יאָר האָט מען מיך אריבערגעפירט אין פּיאָטרקאָווער תפיסה. אין גרודזשאָנדז האָט די אדמיניסטראַציע אָנגעהויבן אן אקציע צו ליק־ווידירן די רעשטן רעכט פון די פּאָליטישע ארעסטירטע. דער נאַטשאַלניק קו־כאַרסקי האָט זיך דערביי „אויסגעצייכנט". ווען מיר פלעגן אלס פּראָטעסט זיך אָפּזאָגן צו נעמען מיטאָג, פלעגט ער ביי אונדז אָפּנעמען דעם אָוונט־ברויט. ווען מיר פלעגן זיך אָפּזאָגן פון אן איינמאָליקן שפּאַציר, פלעגט ער אונדז באַ־שטראָפן מיט צונעמען די מעגלעכקייט צו שפּאַצירן אין משך פון צוויי וואָכן. זיי באַליבטער מעטאָד איז געווען — שלאָגן די פּאָליטישע אַרעסטירטע בעתן אַפּעל אין דער פרי און פאַרנאַכט. אַכט חדשים האָט ער נישט דערלאָזט צו באַ־קומען פּעקלעך עסנוואַרג פון דער פריי און צוגענומען ביי אונדז די מעגלעכקייט צו רויכערן.

אין איין אָפּטיילונג פון דער תפיסה זענען געזעסן אוקראַינישע פאשיסטן פון „לוה"[1] און „אואָן".[2] געווען זענען זיי אַ מאַן צוואַנציק. ווען די אָנפירונג פון אונדזער קאָמונע האָט זיי פאַרגעלייגט צו קעמפן קעגן פאשיסטישן תפיסה־רעגולאַמין, האָבן זיי דעם פאַרשלאַג אָפּגעוואָרפן. „מיר האָבן נישט מיט אייך קיין שום געמיינזאַמע אינטערעסן" — האָבן זיי געענטפערט, הגם מיר האָבן זיי געזאָגט, אז זייערע אָבשרייענען גייען אונדז אין דעם פאַל נישט אָן, און מיר ווילן נישט מיט זיי וועגן דעם דיסקוטירן.

די אוקראַינישע פאשיסטן זענען, אין פאַרגלייך מיט אונדז, געווען פּריווי־לעגירט. זיי האָבן אין די קאַמערן געהאַט מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, טינט, ביכער. מ'האָט זיי דערלויבט ליגן בייטאָג אויפן בעט אדגל. אפילו אין תפיסה האָבן זיי צווישן זיך איינגעהיט א מיליטערישע דיסציפּלין און פּריווילעגיעס פאַר זייערע עלטסטע. ארויסגייענדיק אויפן שפּאַציר האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט פאַרהוויין אָדער איינציקווייז, לויט זייער ראַנג אין דער אָרגאַניזאַציע און האָבן מאַרשירט צום טאַקט. אונדזערע חברים — אוקראַינער פלעגן פון די פענצטער, מעשה חוזק, זיי צוזינגען „פּאַפּע... פּאָפּערעדו האָראָשענקאָ..."

---

[1] „לוה" איז געווען אן אוקראַינישע האַלב-מיליטערישע פאשיסטישע אָרגאַני־זאַציע.

[2] „אואָן" — אן אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטישע פאשיסטישע אָרגאַניזאַציע — (איבערזעצער).

אין דער פּיאָטרקאָווער תּפיסה איז דאָן געווען אַ סך ליטעראַטור פון אַזעלכע געביטן, ווי סאָציאָלאָגיע, עקאָנאָמיע און געשיכטע. און ווידער, ווי אין שעדלעץ, פלעג איך נישט דערשלאָפן קיין נעכט. דער גאַנצער טאָג איז געווען איבערפולט מיט אַרבעט. אפילו בעתן מיטאָג פלעג איך לייענען. חברים פלעגן חוזק מאַכן: „אַזוי ווי ביים טאַטן אין ווייגאָרטן“.

פון דער גרודזשאָנדזער תּפיסה האָב איך געהאַט אַ געוויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע דערפאַרונג און טעאָרעטישע צוגרייטונג. איך בין אויסגעוויילט געוואָרן אינעם דרייאינג, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך געווען פאַר דער קולטור־אַרבעט אין דער קאָמונע. פונקט ווי אין אַנדערע תּפיסות האָט מען אויך אין פּיאָטרקאָוו אונטערגעהאַלטן די פאַרבינדונג צווישן זיך דורך „מעלינעס“ אין דער אָביקאַציע, מיט דער הילף פון „פערד“, דורך די קאַליפאַקטאָרן, דורכן קלאַפּן מיטן מאָרזע־אַלף־בית אין וואַנט אאַז. איך פלעג אָפט טראַכטן, אַז ביזן אַרויסגיין פון תּפיסה וועל איך נישט באַוויזן איבערלייענען די ביכער, וועלכע איך האָב געוואָלט אומבאַדינגט קענען.

דער טעראָר־רעזשים איז דאָ געווען אַ פּיל שוואַכערער, נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָס איז געווען אין דער צייט פון ליקווידירן די רעשטן רעכט פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע. דער האָרטיקער תּפיסה־נאַטשאַלניק, נאָך אַ יונגערמאַן, האָט ליב געהאַט צו פאַראַדירן מיט זיין הומאַניזם. „איר זענט מיינע קעגנער — פלעגט ער אָפט איבערחזרן — אָבער אידעישע קעגנער, דעריבער האָב איך פאַר אייך, פאַר אייערע פאַרלאַנגען פאַרשטענדעניש“. דאָס פלעגן מיר, באַזונדערס אונדזערע חברטעס, אויסנוצן ביים פירן מיט אים שמועסן אין נאָמען פון אונדזער „געמיינשאַפט“.

מיט דעם דאָזיקן טערמין פלעגן מיר בעת די אונטערהאַנדלונגען מיט דער תּפיסה־אַדמיניסטראַציע פאַרבייטן דאָס וואָרט „קאָמונע“, כדי נישט צו רייצן דאָס פילבאַרע אויער פון די פאַשיסטן. צייטנווייז פלעגט עס געבן גוטע רעזולטאַטן, אפילו קובאַרסקי פלעגט באַוויליקן צו שמועסן מיט אונדזערע חבֿרטעס און פלעגט אַזוי לאַנג זיין געדולדיק, ביז ער האָט נישט דערהערט דאָס וואָרט „קאָמונע“. איך דערמאָן מיך, ווי בעת אַ שמועס מיט אונדזערס אַ חבר, וועלכער האָט אָנגעהויבן צו שפּילן אויף זיין אַמביציע, רעדנדיק וועגן זיין בילדונג, האָט ער געזאָגט:

— איר האָט ריכטיק באַמערקט, אַז איך שטרעב נישט צו דערלאָזן קיין פּראָפּאַגאַנדע אין תּפיסה. פאַרשטייט־זשע דעריבער, אַז איך קאָן אויך נישט מסכים זיין אויף דעם, אַז לעניגס און סטאַלינס ביכער, וועלכע זענען איצט געשריבן געוואָרן, זאָלן זיך געפינען אין די הענט פון די אַרעסטאַנטן. אַן אַנדער זאַך איז אויב עס גייט וועגן יענע ביכער, וועלכע זענען געשריבן געוואָרן אַמאָל, פאַר דער רעוואָלוציע.

דורך אזא מין שטעלן די פראגע האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט צו האָבן ביי זיך דעם „קאַפּיטאַל“ און פיל אַנדערע ווערק פון מאַרקסיזם.

די שלעכטע סאַניטאַרע באַדינגונגען און דאָס שטאַרק-אָנגעשטרענגטע לערנען האָבן שנעל אויסגעשעפּט מיינע כוחות. האַרבסט-צייט פון 1935 יאָר האָב איך געקריגן א שטאַרקן האַרץ-אַטאַק. געשען איז עס ביינאַכט און אַלע פּאָרעטונגען פון די חברים וועגן מעדיציניטשער הילף זענען געבליבן אָן אן ענטפער מצד די וועכטער.

— דער דאָקטער שלאָפט, און איך קאָן דאָ גאָרנישט העלפן. וואַרט ביז אינדערפרי — האָט געענטפערט דער דעזשורנער וועכטער.

איך האָב געפילט, ווי יעדע רגע דערנענטערט דעם סוף. איך האָב זיך באַמיט נישט צו טראַכטן וועגן דעם און די גאַנצע ענערגיע האָב איך געפּרוווט קאָנצענטרירן אויף געפינען עפּעס אזויגס, וואָס זאָל קאָנען אונטערהאַלטן מיינע כוחות אין די שווערסטע מינוטן. כ׳האָב געפונען. ניין! — עס איז אליין געקומען. דאָס איז געווען דער געדאַנק וועגן דער מאַמען, — מיט מיין טויט וואָלט איך איר דעם שרעקלעכסטן קלאַפּ דערלאַנגט, פון אירע נישט אַפּטע בריוו האָב איך ארויסגעפילט איר פּחד פאַר מיין לעבן. איצט האָב איך זי געזען פאַר זיך און כ׳האָב ארויסגעפילט דעם ווייטיק, וועלכן זי וועט אויף א הונדערטפאַכיק-שטאַרקערן אופן איבערלעבן. כ׳בין אַנטלאָפן פון דערווירקלעכקייט און האָב זיך פאַראַנקערט אין א שטאַרקן קוואַל פון כוח. איך האָב צוריקגעוואונען דאָס לעבן און מיינע ערשטע ווערטער, כ׳ווייס אליין נישט פאַרוואָס, האָב איך זיך געווענדעט צום חבר צ. פון מאַמאַשאָוו, א סטודענט פון מאַטעמאַטיק. — העלף מיר — האָב איך געזאָגט. דריי חברים זענען געשטאַנען לעבן מיר ביי דער נאַרע און ער איז געשטאַנען ביים ביכער-שענקל. א צייט האָט ער געקוקט אויף מיר שווייגנדיק, נאָכדעם האָט ער גענומען דעם באַנד לידער פון געטע, וואָס כ׳האָב מיט א טאָג פריער געלייענט און מיט א גאָרעדיקן קול האָט ער אָנגעהויבן צו לייענען סטראָפן פון „הערמאַן און דאָראָטעע“. כ׳האָב קוים באַנומען, אז דאָס לייענט ער וועגן דער באַגעגעניש ביים ברונעם.

אין א חודש ארום בין איך צוריקגעקומען פון שפּיטאָל.

— דו ווייסט מסתמא אזוי גוט ווי איך — האָט צו מיר געזאָגט דער חבר צ — אז שיינע זאכן גיבן צו נייע כוחות, כ׳האָב פאַר דיר געלייענט דאָס, מיט וואָס דער דיכטער אליין האָט זיך אַנטציקט. מער האָב איך דיר גאָרנישט געקאָנט העלפן. זיי מיר מוחל פאַר מיין ארט לייענען — האָט ער געבעטן.

איך האָב דאַן א טראַכט געטאָן, אז דער חבר צ. אין דער ראָל פון א רעציטאַטאָר פון פּאָעזיע איז גאָרנישט ערגער פון דאָראָטעען מיטן עמער ביים ברונעם. איך האָב אים געזאָגט:

— דער דאָקטער וועט זיכער דערפאַר נישט האָבן קיין טענות צו דיר, און איך דאַנק דיר האַרציק.

איך האָב געפּרוּווט זיך פאַראינטערעסירן מיט העכערער מאַטעמאַטיק, איבער וועלכער דער ח׳ צ. האָט געאַרבעט מיט אַזאַ באַגייסטערונג, ווי איבער אַרויסבאַקומען די שענסטע קלאַנגען. עס האָבן מיר אָבער געפעלט די עלעמענטאַרסטע קענטעניִשן און כ׳האָב דעריבער נישט געקאָנט אַריינדרינגען אין זיין וועלט פון גלייכונגען און טעאָרעמעס.

אויף דער פריי

מיין אורטייל האָט זיך געענדיקט דעם 17טן מערץ 1936 יאָר. איך האָב נאָך געגאָסן פון צוויי חדשים אַמנעסטיע. פאַרן פאַרלאָזן די קאַמער האָבן מיר געפאָדערט פון דער אַדמיניסטראַציע א פולע אמנעסטיע פאַר אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע.

ווען כ'בין פאַרנאַכט־צייט געגאַנגען פון וואָקזאַל, בין איך נישט זיכער געווען, צי די מאַמע וווינט נאָך אויפן פריערדיקן אָרט, זי האָט שוין נישט געאַרבעט אין דער וואַלד־דירעקציע. נאָך אין 1931 יאָר האָט זי חתונה געהאַט מיטן שומר פון דער וואַלד־דירעקציע, סידאָרטשוק. זי האָט צו מיר געשריבן, אַז זי האָט בדעה צו דינגען א דירה אויף א צווייטן פּלאַץ. זי האָט געוואָלט אָביסל אָפּרוען. „איצט האָב איך זיך געקאָנט דערלויבן חתונה צו האָבן — האָט זי זיך פאַרטרויט פאַר דער שוועסטער געניע — איר זענט שוין דערוואַקסענע און איר דאַרפט אין אים נישט זען קיין טאַטן". װעלנדיק וואָס גיכער זי אויסגעפינען, האָב איך באַשלאָסן זיך גאָכצופרעגן אויף איר אַדרעס. ביי דעם ערשטן באַגעגנטן מאַנסבאַרשוין האָב איך זיך געפרווט דערוויסן.

— ביטע. כ'גיי גראָד צו איר, וועל איך אייך צופירן — האָט ער געזאָגט.

ער איז געגאַנגען מיט א ברייטן טראָט. כ'האָב קוים געקאָנט אים נאָכיאָגן. ער איז העכער געווען פון מיר מיט א קאָפּ. גייענדיק האָט ער פון דער זייט געוואָרפן אויף מיר א בליק, מיך באַטראַכט.

די משפחה האָב איך געטראָפן ביים אָוונט־ברויט, אַרום טיש זענען געזעסן: די מאַמע, דער שטיף־טאַטע, דער ברודער מאַריאַן, געניעק, די שוועסטער זאָסיע און די פינפיאָריקע שוועסטער האַלינע. דער ריח פון דער לאַנג־באַקאַנטער מיר קאַרטאָפל־זופּ האָט אָנגעפילט די שטוב, וואָס איז געווען באַלויכטן מיט א שלאַבעריק פלעמל פונעם נאַפט־לאָמפּ. כאָטש אַלעמענס אויגן האָבן זיך צו מיר געווענדעט, האָט זיך קיינער אָבער נישט דערטראַכט, אַז איך בין אויך א משפחה־מיטגליד. ערשט, ווען כ'בין צוגעגאַנגען צו דער מאַמען און א קוש געגעבן איר באַרפּראַצעוועטע האַנט, האָבן אַלע, כמעט ווי מיט אמאָל, אויסגעשריגן:

— אַלבין!

— ווו איז טאַלעק? — האָב איך געפרעגט, נאָכדעם, ווי יעדער האָט מיט טרערן מיך גענדריקט צו זיך.

— וואָס? טאַלעק? — האָט זיך געוווּנדערט די מאַמע.

— ווו איז ער? — האָב איך איבערגעחזרט.

דורך טרערן האָט די מאַמע געשמייכלט מיט אן אויסדרוק אויפן פּנים, ווי זי וואָלט קיין חכמות נישט פאַרשטאַנען.

— זאָרג זיך נישט — האָט געזאָגט דער מאַנספאַרשוין, מיט יעלכן כ'בין אריין אין שטוב, — דאָס בין איך.

עס איז מיר שווער געווען צו דערקענען אין דעם דערוואַקסענעם יונגנמאַן דאָס דאַרע יאַטל פון א יאָר פערצן, אַזאַ ווי טאַלעק איז געווען בעת מיין ארעסט. אָבער אזוי ווי איך האָב אַמאָל דערקענט דעם ברודער געניעק לויט דער שוואַרצער בראָדאַוועק, אזוי האָב איך איצט, נאָכן גענענטערן צוקוקן זיך, אויסגעפונען אין דעם אויסדרוק פון טאַלעקס פּנים די גרימאַסע פון א פאַראינטריגירט הינטל, וועלכע פלעגט זיך ביי אים באַווייזן אַלס קינד נאָך, ווען ער פלעגט אָפּוואַרטן די רגע אויף אָפּצולעקן דאָס געשמאַקע געקעכץ פון דער שוועסטערס זאָשעס מויל. „ווען איך וואָלט געווען א קלייניגקער, וואָלט איך געגעסן אַזאַ געשמאַקע קאשקע און נישט געוויינט, און זי — א נאַרישע, וויינט נאָך" האָט ער זיך דאַן געוווּנדערט און באַדויערט זיין „דערוואַקסנקייט".

— ווי לעבט זיך אייך? — האָב איך געפרעגט.

דער ענטפער איז געווען א באַשיינפּערלעכער. די נישט גרייסע שטוב איז אויף דריי פּערטל געווען באַשטעלט מיט קאָזלעס אויף איינצואָרדענען געלעגערס. אין איין ווינקל איז געשטאַנען א טאַבאָרעטקע, וואָס האָט געדינט אַלס שוסטערוואַרשטאַט.

— ס' איז ווידער ווי אַמאָל — האָט געזאָגט די מאַמע — איר זענט צוזאַמען מיט מיר. עס איז אמת, אז קליינע קינדער — איז קליינע צרות, גרויסע קינדער — דעריאָגן די צרות זייער גרוים. אַזאַ איז אונדזער גורל. איך האָב געמיינט, אז איר וועט אויסוואַקסן וועט מיר זיין לייכטער. דאָס איז אָבער נישט אמת. די נויט איז די זעלבע. — זי האָט זיך פאַרטראַכט און עטלעכע מאָל איבערגעחזרט: — גאָט מיינער, גאָט! — און ווייטער געטענהט: — אַמאָל, ווען כ'פלעג אייך איבערלאָזן אליין אין שטוב, האָב איך מורא געהאַט, אז איר וועט פאַרפרוירן ווערן, איר וועט הונגערן, וועט עפּעס אָפּטאָן, א שויב אויסהאַקן, די שליסלען צעקלאַפּן, אָבער די אַלע שאָדנס זענען גאָרנישט אין פאַרגלייך דערמיט, וואָס מיין האַרץ לעבט איבער איצט, יעדן טאָג.

— און וואָס גייט דיר — האָב איך געפרעגט — עס האָט זיך דאָך שוין געענדיקט.

— פאַרוואָס ביסטו יאָרן לאַנג אָפּגעלעגן אין די תפיסות? דאָס גאַנצע לעבן איז אונדז קנאַפּ בעסער געווען, ווי אין תפיסה. איך האָב אייך אויסגעהאָדעוועט און אָט וואָס פאַרא לוין כ'האָב באַקומען — האָט זי זיך געקלאָגט.

— כ'בין דאָך צוריקגעקומען. הער שוין אויף צו רעדן וועגן דעם — האָב איך זי באַרויִקט.

— דו ביסט צוריקגעקומען — האָט זי געזאָגט — אָבער היינט אָדער מאָרגן קאָן מען צונעמען טאַלעקן אָדער געניעקן. זעסט דאָך, ווי מיר לעבן, דער אָרעמער מאַניעק, נעבעך, פאַרדינט אויף אַ פערטל קאַרטאָפל. זיי אָבער אַרבעטן שוין נישט פון הערבסט אָן. ס'וואָלט שוין בעסער געווען אומצוקומען דאָ, אין לומקי, איידער דערצו דערלעבן.

דער מאַמעס טענות האָבן נישט געקאָנט זיין קיין אָנצוהערעניש אויף דער פּאָליטישער טעטיקייט פון מיינע ברידער. איך האָב געוווּסט, אַז קיינער פון זיי האָט נישט געהערט צו דער פּאַרטיי. עס איז דעריבער קיין ספק נישט געווען, אַז ד' ברידער פאַרנעמען זיך מיט גנבה.

אַזוי איז עס ווירקלעך געווען. עוגעניוש האָט ליקווידירט דעם פּעלצן-וואַרשטאַט, וועלכער האָט אין משך פון צוויי יאָר נישט געקאָנט אים געבן די סאַמע באַשיידנסטע חיונה. ער האָט איצט געאַרבעט עטלעכע חדשים אין יאָר ביי עפנטלעכע אַרבעטן. באַקומען די דאָזיקע אַרבעט איז אַליין שווערער און שווערער געווען. אַ זלאָטע מיט אַכציק גראָשן פאַר אַ צופעליקן טאָג אַרבעט האָט באַין אופן נישט געקאָנט סטייען אויף די סאַמע נויטווענדיקסטע באַדערפענישן. עס האָט זיך געהאַנדלט בלויז וועגן קאַרטאָפל, אַ פאָר קילאָגראַם ברויט אין דער וואָך, אַביסל זאַלץ און נאַפט. ווער עס האָט דאָס פאַרמאָגט, האָט געהאַט, ווי מ'האָט עס געזאָגט, אַ רויִקן קאָפּ אויף אַ גאַנצן ווינטער. האָלץ האָט קיינער פון די סעזאָן-אַרבעטער אין זשעטשיצע, לויטן אַלטן שטייגער, נישט געקויפט, נאָר געשלעפּט פון וואַלד אויף די פּלייצעס. טאַלעק איז מיט אַ יאָר צוריקגעקומען פון יענער זייט שעדליץ, ער איז שוין צו גרויס געווען צו זיין אַ פּאַסטעך ביים באַלעבאָס, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פאַר אונדזער אַ בעל-טובה דערפאַר, וואָס איך און מיינע ברידער זענען ביי אים געווען. „ביי מיר האָבן זיי זיך אויסגעהאָדעוועט" — פלעגט ער מיט שטאָלץ ענטפערן, ווען עמעצער האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן גורל פון מיכאַלס קינדער.

מיין ברודער עוגעניוש, טאַלעק און איך זענען אויסגעוואַקסן אין דער צייט פון קריזיס. אַלס קינדער זענען מיר נאָך געווען נייטיק צו עפּעס. אונדזערע באַדערפענישן זענען באַפרידיקט געוואָרן דורך רייכע פּויערים אָדער באַלמעלאָכעס, וועלכע האָבן זיך גענייטיקט אין אומזיסטער אַרבעטס-קראַפט. ווען אונדזערע באַדערפענישן זענען אָבער אויסגעוואַקסן — מיר האָבן געדאַרפט שיך, קליידונג, טאַבאַק — און זיי זענען גלייך געוואָרן צו די באַדערפענישן כאָטש פון אַן אָרעמען פּויער אָדער באַלמעלאָכע, זענען מיר שוין צו גאָרנישט נישט נייטיק געווען. איך געדענק, ווי מאַטושעווסקי האָט געשריבן אין דער „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ" וועגן

פּאַנאַנדערטיילן האָט לעבל ברויט. וועגן וואָס פאַר אַ לעבל, האָט זיך עס ביי איב געהאַנדלט? דאָס לעבל, וואָס ער האָט אָפּגעגעבן פאַר די שטעט און דערפער, האָט נישט געטויגט פאַר אַזאַ צעטיילונג, פון וועלכער מיר וואָלט געקאָנט געניסן. צו וואָס האָט מען אָבער געדאַרפט רעדן וועגן דעם, אויב מאַטושעווסקיס קאָלעגע, דער מיניסטער פּאָניאַטאָווסקי האָט „ביי זיך“ אין דער לאַנדווירטשאַפט געהאַט אַכט מיליאָן „איבעריקע מיילער“. אונדזער גאַנץ לעבן אינעם סאַנאַציע־פּוילן האָט אונדז אָנגעזאָגט אפילו אַזאַ ווייניק אָנגענעמען גורל, ווי עס האָט געהאַט מיין טאַטע. און מיר האָבן דאָך געטראַכט בלויז צו גיין אין זיינע וועגן. דאָס איז אָבער געווען אין יענע באַדינגונגען נישט צום דערגרייכן.

מיין ברודער עוגעניוש האָט געזען, אַז מער ווי פון מאַנגל אין עסן ליידט איך צוליב דעם וועג, וועלכן ער האָט אויסגעקליבן. איך האָב מיט אים וועגן דעם גערעדט.

— דו האָסט א טעות — האָט ער געענטפערט. — איך האָב דעם דאָזיקן וועג נישט אויסגעקליבן. ער איז מיר אָנגעוואָרפן געוואָרן. פון דער צייט, ווי כ׳האָב געענדיקט די לער האָב איך זיך אַנטקעגנגעשטעלט, כ׳האָב זיך אָבער געמוזט אונטערגעבן. דו ווייסט, וואָס עס הייסט זיך אַנטקעגנשטעלן דער דאָזיקער קראַפט? פּגרן — אָט איז דער אויסוועג. איך האָב חתונה געהאַט, און מיין ווייב דאַרף ווייטער זיין א דינסט ביי די פּאַנעס. איך קאָן איר נישט געבן קיין חיונה. איצט בין איך ווידער ביי דער מאַמען. דו ביסט גערעכט געווען — האָט ער ווייטער געזאָגט — ווען דו האָסט אין אַלעקסאַנדרוווקע מורא געהאַט, אַז עס קאָן נאָך ערגער זיין. דעמאָלט זענען מיר געווען קינדער, מיר האָבן געוואָלט אויסוואַקסן, כדי עס זאָל נעמען אַ סוף מיט דעם הונגער. איצט בין איך אַ דערוואַקסענער, כ׳בין שוין אפילו אַ טאַטע. צי ווייסטו, אַז צום ווייב און קינד מוז איך זיך אַריינגנבענען, כדי נישט באַמערקט צו ווערן פון איר פּאַן, וועלכער פאַרלייט נישט קיין פרעמדע מענטשן ביי זיך אין שטוב? אין אַלעמען זעט ער אַ גנב. וואָס שייך מיר — האָט עוגעניוש געזאָגט — האָט ער קיין טעות נישט. איך קאָן אָבער וועגן דעם נישט טראַכטן אָן אַ פאַרלאַנג פון נקמה לגבי יעדן, ווער עס זאָגט מיר דעם דאָזיקן אמת. וואָלט מען מיר געגעבן אַרבעט אין טאַרטאַק, וואָלט איך יאַנקען גענומען אין שטוב אַריין. דערווייל וואָלט איך געוווינט מיט דער מאַמען, נאָכדעם וואָלט איך געדונגען עפּעס אַ ווינקל און וואָלט געלעבט. ווען דו ווייסט, ווי שיין עס איז מיין יאַנושעק! — האָט ער געזאָגט אַן אויפגערעגטער — וואָס וואָלט איך אים געגעבן צום עסן, ווען כ׳זאָל נישט מסכים זיין אויף דעם פאַרלאַנג פונעם פּאַן, אַז איך זאָל זיך האָרט נישט ווייזן? כ׳האָב חתונה געהאַט און האָב קיין ווייב נישט. שעם זיך נישט מיט מיר — האָט ער געבעטן, אפילו איצט שטעל איך זיך נאָך אַנטקעגן. ווי דו זעסט האָב איך א שטאַרקן ווילן. כ׳וואָלט געקאָנט זיין אַ באַנדיט, כ׳בין עס אָבער נישט און וועל עס נישט זיין. ווען ס׳וועט זיך ענדערן אויף דער וועלט, וועל איך געפינען אַרבעט און וועל אָנהייבן לעבן אָרנטלעכ-

— פאַרשטיי, אַז איצט גייט דאָ וועגן לעבן, וועגן דעם, אַז כ'זאָל נישט דערפרוירן ווערן, ווייל כ'האָב קיין אָנטועכץ נישט, און נישט אויסגיין פון הונגער. בלויז דאָס וויל איך.

וועגן דער לאַגע אין מיין משפחה האָב איך אינפאָרמירט דעם חבר קויפּטשע און אַנדערע מיטגלידער פון שטאָט-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. איך האָב זיי געבעטן, זיי זאָלן זיך באַמיען, אַז כאָטש איין ברודער זאָל באַקומען אַרבעט. דאָס איז אָבער געווען אַ שווערער ענין און ער איז דערליידיקט געוואָרן דאַן, ווען אויפן פאָרשלאַג פונעם חבר שמואל האָבן עטלעכע פעלץ-מאַכערס („קישמאַרעס" הייסן זיי ביי די יידן פון מעזריטש) זיך אָפּגעזאָגט פון עטלעכע שעה אַרבעט אין דער וואָך, כדי מיין ברודער זאָל קאָנען האָבן פיר טאָג אַרבעט אין דער וואָך.

אַזוי ווי אַמאָל, אין די קינדער-יאָרן, אַזוי אויך אין די דרייסיקער יאָרן, שוין דערוואַקסענע און געזונטע, זענען מיר ווייטער געווען הילפלאָז לגבי דער נויט און דעם הונגער. דער דאָזיקער צושטאַנד איז נאָך ערגער געווען צוליב די אויסגעוואַקסענע באַדערפעענישן, צוליב די אַנטוישטע האָפענונגען פון די קינדער-יאָרן, צוליבן באַוווסטזיין, אַז מ'איז אַרבעטלאָז און מ'איז נישט בכוח צו פאַרבעסערן, צו ענדערן די דאָזיקע לאַגע. די קראַפט, וואָס האָט דעמלט נישט דערלויבט זיך איינצוברעכן איז געווען די פּאַרטיי, אירע צילן און אויפגאַבן, וועלכע האָבן געשטרעבט אַ סוף צו מאַכן צו דער אומבאַרחמנותדיקער, זינלאָזער לאַגע, ביי וועלכער מיר האָבן געדאַרפט אויסשטיין פיל דערנידערונגען.

זייער אַ סך האָט זיך געענדערט אויף דער מעזריטשער פאָרשטאָט פאַר די פיר יאָר, וואָס איך בין דאָ נישט געווען. צו דער גרופּע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דער קונסט פון בייקומען די צייט דורך שלאָף, האָבן זיך איצט פאַראייניקט פיל פון מיינע באַקאַנטע און קאָלעגן. די צאָל ווידער פון יענע, ביי וועלכע די נעכט זענען געווען פאַרנומען מיט „אַרבעט", אין רעזולטאַט פון וועלכער עס פלעגן פאַרפאַלן ווערן פון די שפּייכלערס, קעלערס און הינערשטייגן די פויערישע זאַפּאַסן, און פון די שייערן — זייער פאַרמעגן — איז שטאַרק אויסגעוואַקסן. אפילו בייטאָג פלעגן פאָרקומען גנבות אין די מאַגאַזינען מיט חזיר-האָר. די בערשטער פלעגן דערפון צום מיינסטן ליידן. עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ מנהג אויסצוקויפן די געגנבעטע חזיר-האָר ביי די גנבים גופא און נישט געבן צו וויסן דער פּאָליציי. די לעצטע ווידער האָט איר גאַנצע ענערגיע אָפּגעגעבן צום זוכן קאָמוניסטן. די פּופּציק פראָצענט פונעם פּרייז, וואָס די סוחרים האָבן געצאָלט די גנבים בעתן אויסקויפן זייער סחורה, האָבן נישט דערפירט דערצו, אַז זיי זאָלן מוזן אויפהערן פירן זייערע געשעפטן.

די פּאָליציי, וועלנדיק אײנהיטן דעם פּרעסטיזש פון דער מאַכט, האָט אויך געעגדערט איר טאַקטיק ביים „אויפדעקן" פאַרברעכנס. די, וועלכע זי האָט חושד געווען, אַז זיי האָבן געליטן פון אַ גנבה, פלעגט זי אַרעסטירן און אָפּט אָפּהאַלטן

צי עטלעכע וואָכן אין אַרעסט. זייער טענה איז געווען, אז וויבאלד ביי זיי האָט מען געגנבעט חזיר־האָר און זיי האָבן וועגן דעם נישט געמאָלדן דער פּאָליציי — זענען זיי דערמיט אליין באַגאַנגען אַ פאַרברעכן. דער דאָזיקער מעטאָד האָט צו דער פּאָליציי צוגעצויגן אַלערליי דעקלעמענטן, מיט וועלכע זי האָט זיך באַנוצט ביים פאַרפאָלגן קאָמוניסטן, ראַדיקאַלע מיטגלידער פון „וויזשי" און פון דער פויערים־פּאַרטיי. איינמאָל האָט די פּאָליציי אָנגערעדט דעם באַקאַנטן גנב מיעטעק, ער זאָל אַריינוואַרפן אַ שטיין אין שטוב פון איינעם פון די מיטגלידער פון דער פויערים־פּאַרטיי. דאָס האָט גלייך אַרויסגערופן אַ רעאַקציע: עס איז דערגאַנגען צו אַ געשלעג צווישן פויערים און די, וועלכע מ'האָט חושד געווען אין גנבה. און וויל די גרענעץ צווישן די פּראָפעסיאָנעלע גנבים און די כסדר־אַרבעטלאָזע איז כמעט אָפּגעווישט געוואָרן, האָבן די געשלעגן זיך אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט. אַנדערהאַלבן טעג האָט געדויערט דער קאַמף. מ'האָט אַראָפּגעריסן די דעכער פון די הייזער, וווּ עס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן די אָנגעפאַלענע. נישט געקוקט אויף די אַליאַרמען האָט די פּאָליציי נישט אינטערווענירט. בעת די דאָזיקע אומרוען זענען צעשלאָגן געוואָרן מיין ברודער אַנטאָני און מיין עלטסטע שוועסטער. בעת דער אויספאָרשונג האָט דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט אויף אַ פּראָוואָקאַטאָרישן אופן זיך אָפּגערופן צו די פויערים: „אַהאַ, אָט האָט איר אייך אייער אַרבעטער־ און פויערים־בונד! זיי האָבן דאָך אייך געוואָלט אַרויסיאָגן פון אייערע אייגענע כאַטעס". צו די לומפּן ווידער האָט ער געטענהט: „גיט זיך נישט אונטער די זשלאָבעס".

די דאָזיקע פּראָוואָקאַטאָרישע מעטאָדן פון דער פּאָליציי האָבן געצילט נישט צום דערלאָזן שאַפן דעם פאָלקס־פראָנט און דעם פראָנט פון יונגן דור. די פּראָבלעמען פון פאָלקס־פראָנט זענען באַהאַנדלט געוואָרן שוין נישט בלויז אין דער „וויזשי"־אָרגאַניזאַציע, נאָר אויך אין די גרייזן פון „סיעווו"[1]. איך האָב אומעטום געזען אַן אומגעהייערע ענדערונג אין פאַרגלייך מיט דער לאַגע אין דאָרף אין די יאָרן 1930—1932. דער פּאָליטישער אויפשטייג האָט דערמעגלעכט דעם קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד פון פוילן איבערצוגיין אין פיל געביטן צו לעגאַלע פאָרמען פון אַרבעט.

פון די ערשטע טעג אויף דער פריי בין איך צוגעטרעטן צו דער ווייטערדיקער אַרבעט אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פוילן. אמת, מיין הויפּט־אַרבעט איז ווייטער געווען צווישן דער יוגנט, אָבער די דאָזיקע אַרבעט איז מיר אָנפאַרטרויט געוואָרן דורכן קרייז־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און אַלס זיין דעלעגירטער בין איך אַריין אין קרייז־קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד. מיט אַלע פראַגן האָט מיך באַקענט די קרייז־טוערין ח'טע „וואַנדאַ" און מיט די יוגנט־פראַגן די קרייז־טוערין ח'טע „סאָניע".

---

[1] „סיעווו" איז געווען אַ סאָנאַציע־אָרגאַניזאַציע פאַר דער פויערים־יוגנט. — (איבערזעצער).

שווער איז געווען נישט בלויז דאָס לעבן אויף פּאָדלאַשע, אויך דער קאַמף פאַר ענדערן דאָס לעבן איז דאָ געווען נישט קיין גרינגער. טויזנטער סעזאָן-אַרבעטער, וואָס זענען געווען צעזייט איבער די קליינע וואַרשטאַטלעך, וואָלטן געקאָנט ווערן רעוואָלוציאָנערן — עס איז אָבער שווער געווען זיי צונויפצוזאַמלען אין גרעסערע קאַמפס-צענטערן. די געדיכטע באַזעצטע פּאָליציי-פּאָסטנס האָבן שטרענג געהיט די דאָרפישע „שטילקייט". זייער אויפגאַבע איז נישט געווען קיין גאָר שווערע. ווען אַ פויער איז געפאָרן אין שטאָט, איז דאָס אפילו געווען אַ געשעעניש אין דאָרף. דער סחורה-אומזאַץ האָט זיך באַגרענעצט בלויז צו נאַפט, זאַלץ, שוועבעלעך. דעריבער איז יעדער פרעמדער מענטש אין דאָרף באַמערקט געוואָרן. בלויז ביינאַכט בין איך געווען אימשטאַנד זיכער זיך צו באַוועגן, פאַרשטייט זיך — צופוס. פּאָליציי פלעגט קאָנטראָלירן די צוגן אויטאָבוסן. באַקומען אַ ראָווער איז שווער געווען. חוץ דעם האָט דער דאָזיקער טראַנספּאָרט זיך אויך געוואָרפן אין די אויגן. יעדער אייגנטימער פון אַ ראָווער איז געווען באַקאַנט אין דער גמינע, קודם כל אין דער פּאָליציי. אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט מען געמוזט אויסרעכענען אויף די אייגענע פיס. פלעג איך טאַקע גיין צו 60-70 קילאָמעטער אַ טאָג, באַדינענדיק די גמינע-קאָמיטעטן און יוגנט-קרייזן פון מיעלניק, פּישטשאַץ, פּאַרטשעוו, וואָהין און אַנדערע. די דאָזיקע ערטער זענען באַזונדערס געהיט געוואָרן דורך דער פּאָליציי, ווייל דאָרט האָט געוווינט אַן אוקראַיִנישע און ווייסרוסישע באַפעלקערונג. אין זאַבלאָטשע, אין דעם דאָרף פונעם דיכטער האַווריליוק,[1] האָט מען זומער פון ניין אַזייגער אין אָוונט, און ווינטער פון 4 אַזייגער נישט געקאָנט באַגעגענען אויפן גאַס קיין צוויי מענטשן צוזאַמען, פאַרן ברעכן דעם דאָזיקן פאַרשריפט פלעגט די פּאָליציי שלאָגן מיט גומענע שטעקנס. עס האָט נישט געהאָלפן, אויב דאָס פּאָרל האָט געטענהט, אַז זיי זענען פאַרליבט און נישט קיין פאַרשווערער.

אין דער דאָזיקער געגנט איז חוץ שעדלעץ בלויז מעזריטש געווען אַ גרעסערער צענטער פון פּראָלעטאַריאַט, וועמענס מערהייט עס איז באַשטאַנען פון די קעמפערישע בערשטער-אַרבעטער. אָבער אויך אויף די מעזריטשער גאַסן איז יעדער ניי-געקומענער געווען אויסגעשטעלט צו ווערן אַן אָביעקט פון פאַראינטערעסירן זיך, אויב נישט מצד דער פּאָליציי און דעפענסיווע, איז פון זייערע שפּיקעס, וועלכע זענען געקויפט געוואָרן פאַר אַ פּאָר פעקלעך פּאַפּיראָסן, פאַר באַקומען אַרבעט ביי די סעקוועסטראַטאָרן, דאָס הייסט ביים אויסברעכן שענק און דורכפירן פערזענלעכע רעוויזיעס, פאַר וואַל-וורשטלעך אָדער פאַר אַ קופּעל ביר. ביי אונדז אין שטעטל איז פול געווען מיט אָט די „שמעקערס". די דאָזיקע דעקעלעמענטן זענען באַזונדערס אַקטיוו געוואָרן בעתן שטרייק פון די בערשטער און

[1] אַלעקסאַנדער האַווריליוק — אַ רעוואָלוציאָנערער אוקראַיִנישער שרייבער, אַן אַרעסטאַנט פון קאַרטוז-בערעזע אין 1937 יאָר, ער איז אומגעקומען אין 1941 יאָר, בעת די היטלעריסטן האָבן באָמבאַרדירט לוואָוו. — (איבערזעצער).

בעת די פויערים שטרייקן אין יאָר 1936. נישט געקוקט דערויף האָט זיך נישט איינגעגעבן אָפּצוהאַלטן די ווירקונג פון דעם אַלפּוילישן קאַמף קעגן דער סאַנאַציע.

אונדזער קרייז האָט אין דער דאָזיקער צייט געגעבן פיל ביישפּילן פון אַרבעטער־ און פויערים־סאָלידאַריטעט. די פויערים פון האָגאָזשניצע, ראָגאָווישגעטשקע, טלושטשעץ און פון פיל אַנדערע דערפער, וועלכע האָבן אין משך פון גאַנצע וואָכן נישט צוגעשטעלט קיין פּראָדוקטן אין שטאָט, האָבן אָרגאַניזירט דאָס באַזאָרגן מיט קאַרטאָפל, מעל, גרינוואַרג, פלייש און פרוכטן פאַר די שטרייקנדיקע בערשטער און פעלצנמאַכערס. דאָס זענען געווען פּראָדוקטן, וואָס זענען סיי פאַרקויפט געוואָרן דעם שטרייק־קאָמיטעט, סיי געזאַמלט געוואָרן — אין די טויזנטער קילאָגראַמען קאַרטאָפל און תבואה — צווישן די פויערים. די פויערים־פּיקעטן, וועלכע זענען געווען אויסגעשטעלט אויף די וועגן, האָבן גלייך דורכגעלאָזט יעדן טראַנספּאָרט, וואָס איז געווען באַשטימט פאַרן שטרייק־קאָמיטעט. די זעלבע פּיקעטן פלעגן באַגיסן מיט נאַפט און קאַרבאָל אַלץ, וואָס שטרייקברעכער האָבן געפירט אין שטאָט אַריין.

די ברייטע פויערים־מאַסן האָבן אָבער נישט געהאַט קיין גוטע אָנפירונג. די פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן דער פרייז־פּאָליטיק, קעגן דער אַזוי־גערופענער „צעפּנטער שער", וואָס האָט פאַראָרעמט דאָס דאָרף, האָט אין אַ גרויסער מאָס זיך אַנטוויקלט סטיכיש. אין דער דאָזיקער צייט איז אין אונדזער קרייז די מערהייט קאָמוניסטן און זייערע סימפּאַטיקער געווען אַרעסטירט. ווען איך האָב זיך געווענדט צו די אָפיציעלע טוער פון דער פויערים־פּאַרטיי וועגן צוזאַמענאַרבעט, כדי צו קאָאָרדינירן די אַקציע און שאַפן אַ קאָנטראָלירטן מאַרק־אויסטויש, כדי נישט דערלאָזן אויסצוהונגערן די אַרבעטער אין די שטעט, האָבן זיי זיך דערפון אַרויסגעדרייט. דער „ראַדיקאַלער" סעקרעטאַר פון דער פויערים־פּאַרטיי אויף דריי פּאָוויאַטן, וועלכער איז גלייכצייטיק געווען אַן אייגנטימער פון אַ ביוראָ אין ביעלסק־פּאַדלאַסקע צום שרייבן ווענדונגען און ביטעס, האָט געענטפערט:

— איר ווייסט אַליין, אַז איך בין אַ יוריסט און איך קאָן נישט פאָרמעל זיך פאַרנעמען מיט אַן ענין, וואָס באַגרענעצט די רעכט פון קויפער אָדער פאַרקויפער. כ'בין מיט מיין גאַנצער נשמה אויף דער זייט פון דער אַקציע, אָבער איך טאָר נישט באַגרענעצן די פרייהייט, וועלכע פאַרפליכטעט אין לאַנד. און ווען איר וועט אפילו — האָט ער ווייטער געזאָגט — אָנרופן מיר די פּאַרטיי, אין וועמענס נאָמען איר ווילט מיט מיר רעדן, וועל איך זיין געצוווּנגען אָפּצוזאָגן זיך פון אַ ווייטערדיקער דיסקוסיע מיט אייך אויף וועלכער טעמע עס זאָל נישט זיין.

לויט אים איז די האָזיקע מעלדונג נישט געווען קיין ציניִשער חוזק פונעם קאַמף, נאָר אַן אויפריכטיקע אָנצוהערעניש אויף דעם גוטן ווילן, וועלכן ער האָט לגבי דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

זייענדיק איצט אויף אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט, איז מיר אויסגעקומען צו טרעפֿן באַקאַנטע פֿון אַמאָליקע יאָרן. ווען כ'בין אָנגעקומען אויפֿן באַשטימטן טרעף־פּונקט אינעם דאָרף דרעליוו האָב איך א מיט־גערירטער דערקענט, אַז דאָס איז די זעלבע שטוב, ווו איך האָב אין 1925 יאָר געבעטן ברויט. אַפֿילו אינערלעך האָט זיך די שטוב גאָרניט געענדערט פֿון יענער צייט אָן. א באַנק ביים פּענצמער, רעכטס א בעט און מסתמא דערזעלבער פּריפּעטשיק ביים קוימען. דאָס דאָזיקע בילד איז מיר שטאַרק איינגעקריצט געווען אין זכרון. איך האָב אַפֿילו דערקענט יענעם מאַנספּאַרשוין, וועלכן כ'האָב דאַן באַמערקט אויף א רגע ביי דער טיר. ער איז געזעסן ביים טיש און געלייענט א צייטונג. ווען איך האָב אים געזאָגט דעם פּאַראָל האָט ער אויפֿמערקזאַם א קוק געגעבן אויף מיר, אַראָפּגענומען די ברילן און געענטפֿערט:

— נישט איך בין עס, דאָס איז דאָרט, אין יאַלקער.

אין דעם דאָזיקן אָוונט האָב איך רעפערירט וועגן 7־טן קאָנגרעס פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אין דעם חבר וואָס האָט גערעדט אין יאַלקער, האָב איך דערקענט דעם ייִנגל, וואָס האָט מיר אַמאָל געהאַט געגעבן א פּענעץ ברויט. נישט בלויז ער האָט מיך דערמאָנט מיינע קינדער־יאָרן. צווישן די חברים האָב איך דערקענט צוויי פֿון דאָרף לוזקי, מיט וועלכע איך האָב אין 1924 יאָר געפּאַשעט צוזאַמען קי. נאָכן פֿאַרענדיקן דעם רעפֿעראַט האָבן זיי די ערשטע זיך אָנגערופֿן צו מיר און דערמאָנט יענע צייטן.

די פּויערישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „וויטשי“ פֿון אונדזער פּאָרשטאָט האָט מיך איינגעלאַדן אויף אַלע אירע זיצונגען. דער פּויערים יום=טוב און דער יום=טוב פֿון שניט פֿלעגן איינגעאָרדנט ווערן צוזאַמען מיט אונדזער קאָמוניסטישן יוגנט־פֿאַרבאַנד. אַלע פּאָליטישע און קולטור־אַקציעס פֿלעגן איצט געפֿירט ווערן געמיינזאַם. אַזוי איז געווען אין גאַנצן פּאָוויאַט און אין קרייז. דאָס האָבן אָבער נישט געוואָלט די פֿירער פֿון דער פּויערים־פּאַרטיי און פֿון פּפּס.

אויפֿן צוזאַמענפֿאָר פֿון דער פּויערים־פּאַרטיי פֿון ראַדזינער, לוקאָווער און ביאַלע פּאָדלאַסקער פּאָוויאַט, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין מעזריטש, בין איך געווען דער גאַסט פֿון די מיטגלידער פֿון „וויטשי“ און פֿון דער פּויערים־פּאַרטיי. מצד דעם הויפּט־קאָמיטעט פֿון דער פּויערים־פּאַרטיי איז אויף דעם צוזאַמענפֿאָר געקומען כמאַיקאָ. די אַנטיסעמיטישע און פּשרהמאַכערישע לגבי דער סאַנאַציע טענער האָט ער אין זיין רעפֿעראַט פֿאַרשלייערט מיט פֿראַזן פֿון אַגראַרישן ראַדיקאַליזם. אויפֿן זאַל האָט געהערשט א געדריקטע שטימונג. עטלעכע הונדערט פּויערים, וועלכע זענען ביי זיך אין די דערפֿער געווען אַקטיוו, פֿול מיט איניציאַטיוו האָבן דאָ געהאַט א פּנים פֿון אומגייטיקע מענטשן. נאָך פֿאַרן אָנהייבן דעם צוזאַמענפֿאָר האָב איך זיך געהאַט צונויפֿגערעדט מיט כמאַיקאָ, אַז כ'זאָל נעמען א וואָרט אין דער דיסקוסיע. איך האָב טאַקע באַקומען דער ערשטער דאָס וואָרט.

דאָס איז געווען מײַן ערשטע, פֿון דעם מין, עפֿנטלעכע אַרויסטרעטונג. איך האָב באַגריסט דעם צוזאַמענפֿאָר אין נאָמען פֿון די אַרבעטער און אַרבעטסלאָזע פֿון מעזריטש. נאָך אַ לענגערן אָפּשטעלן זיך אויף דער סיטואַציע אין לאַנד האָב איך דורכגעלייענט אַ פּראָיעקט פֿון אַ רעזאָלוציע, וואָס איז פֿון פֿריער געווען צוגעגרייט. דער זאַל האָט די דאָזיקע רעזאָלוציע אָנגענומען איינשטימיק און אָן שום אויסבעסערונגען.

— אַזאַ מין אומפּאַרטייאישער זענט איר עס! — האָט פֿליסטערנדיק זיך געווענדעט צו מיר סטאָיקאָ — איר האָט געדאַרפֿט זאָגן, אַז איר זענט אַ קאָמוניסט, וואָלטן מיר אפֿשר געמאַכט אַ חלוקה מיט דער רעזאָלוציע, מיר וואָלטן זי אפֿשר צעטיילט אויף דער העלפֿט. אַ האַלבע פֿאַרן דאָרף און אַ האַלבע פֿאַר אײַך — האָט ער געפּרוּווט איראָניזירן.

— די פֿויערים־באַוועגונג באַשטייט דערין, וואָס עס טוען די פֿויערים גופֿא — האָב איך געענטפֿערט.

סטאָיקאָ האָט זיך געווענדעט צום צוזאַמענפֿאָר מיט די פֿאָלגנדיקע ווערטער:

— איך האָב גאָרנישט קעגן דעם, אַז איר זאָלט די דאָזיקע רעזאָלוציע אָננעמען. דאָס איז אָבער נישט פֿאָרמעל. אויף אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון דער פֿויערים־פּאַרטיי קאָנען רעזאָלוציעס אַרײַנגעטראָגן ווערן בלויז דורך מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי. דעריבער לייג איך פֿאָר אויסצוטיילן אַ קאָמיסיע, כּדי זי צו רעדאַגירן — ער האָט דערבײַ גלייך גענומען אָנרופֿן נעמען פֿון די, וועלכע דאַרפֿן אַרײַן אין אַזאַ קאָמיסיע.

— מיר דאַרפֿן נישט קיין אַנדער רעזאָלוציע — האָבן זיך דערהערט שטימען.

— אויב דאָס איז נישט פֿאָרמעל, טאָ לייענט זי אַליין איבער, איר זענט דאָך אַ מיטגליד פֿון דער פֿויערים־פּאַרטיי.

אין זאַל איז געוואָרן טומלדיק. דאָס פּרעזידיום האָט נישט געקאָנט באַהערשן די לאַגע. אינגיכן איז אָנגעקומען אַ פּאָליציאַנט און האָט מיך אַרעסטירט. סטאָיקאָ האָט, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ „רושענטעלמען", פּראָטעסטירט:

— איך דערווידער קעגן אַזאַ האַנדלונג. איך בין דאָ באַלעבאָס — האָט ער דערקלערט:

מ'האָט מיך געבראַכט צום געהיים־אַגענט, וועגן וועלכן מ'האָט אין שטאָט גערעדט, אַז ער אַליין ווייסט גאָרנישט און ווייסט קיינעם גאָרנישט נישט זאָגן. ער איז געווען שיכּור און האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פֿיס. נאָכן דורכפֿירן בײַ מיר אַ רעוויזיע, וואָס האָט דערמאָנט די תּפֿיסה אין גראָדזשאָנדז, האָט ער מיך אָנגעהויבן אויסצופֿרעגן.

— ווער האָט דיך אַהין געשיקט? — האָט ער געפֿרעגט — ווער, ווער? — האָט ער איבערגעחזרט אָן אַ סוף, פֿאַרגאַווערנדיק זיך דערבײַ. ער האָט זיך באַמיט צו זײַן שטרענג און דראָענדיק. ער האָט געהאַט אַ פּנים פֿון אַ פּאַיאַץ,

וואָס באַמיט זיך מיט דער שטרענגער שטימע קאָמפּענסירן די וואַקלעניש פון זיין קערפּער. דער פּאָליציאַנט, וואָס איז דערביי געווען, האָט אים שטיל עפּעס אריינגערעדט אין אויער — כ׳ווייס, וואָס איך טו. — האָט געשריגן דער געהיים־אַגענט — און איך בעט זיך נישט אריינצומישן! — ווען דער פּאָליציאַנט איז ארויס איז דער געהיים־אַגענט שטיל געוואָרן. ער האָט לאַנג געקוקט אויף מיר און האָט אויסגעבראָכן אין א געוויין, — איר נעמט ביי מיר צו די מעגלעכקייט צו פארדינען אויף א שטיקל ברויט — האָט ער ספּאַזמאַטיש געכליפּעט — מאָרגן וועט מען אין וואַרשע וויסן וועגן דעם, וואָס דאָ האָט זיך געטאָן. מ׳וועט מיך ארויסיאָגן ווי א הונט. — ער האָט געפּרוווט גיין איבערן צימער, די פיס האָבן זיך אָבער ביי אים געפּלאָנטערט, ער האָט זיך אָנגעהאַלטן ביי דער וואַנט, כּדי נישט אומצופאַלן. — איך וועל אייך — האָט ער איבערגעחזרט — איך וועל אייך... ער האָט איופגעעפנט דאָס טירל פון אויוון, אהין משתין געווען אין אַש און צו מיר געזאָגט: — גיי, גיי אהיים און קוק זיך נישט אום.

א סך איינפאַכער האָט אין א וואָך ארום נאָכן פויערים־צוזאַמענפאָר זיך אָן עצה געגעבן קוואַפּינסקי אויפן צוזאַמענפאָר פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע ארבעטער. בעת דער זיצונג האָט ער, נאָכן דערהאַלטן א קאָנווערט פון א פּאָליציאַנט, פאָראָרדנט נאָכאַמאָל צו קאָנטראָלירן די איינטריטס־קאַרטן. דער, וואָס האָט קאָנטראָלירט, האָט פון מיר געפאָדערט אַ פאַריינס־ביכל. איך האָב אים פארשטייט זיך, אַזוינס נישט באַוויזן, וועלנדיק אָבער דאָך בלייבן אין זאַל האָב זיך געווענדעט צום פּרעזידיום.

— ביטע — האָט געענטפערט דער פאָרזיצער פון דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון פאריין פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע ארבעטער קוואַפּינסקי — איר דאַרפט בלויז זאָגן אין נאָמען פון וועלכער פּאַרטיי זענט איר געקומען אויף אונדזער צוזאַמענפאָר.

פאַרשטייט זיך, אַז אויף אַזאַ פראַגע האָב איך נישט געקאָנט ענטפערן. קיין שום מעטאָדן און כיטרעקייטן האָבן אָבער נישט געגעבן אונדזערע פאַרפאָלגער די געווונטשענע פאר זיי רעזולטאַטן. איך האָב געפירט שולונגס־קרייזן פון אקטיוו פון דער קאָמוניסטישער יוגנט. דאָרט זענען באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגן, וועלכע האָבן אינטערעסירט די יוגנט און עס איז אויף זיי געגעבן געוואָרן אַן ענטפער. די אומלעגאַלע בראָשורן וועגן זעקסטן קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל האָבן ארויסגעשטויסן פון דאָרף די אַגראַריסטישע „טעאָריעס“ וועגן דעם וועג צו א פארמעגלעכער קולטורעלער צוקונפט. די „וויטשי“־מיטגלידער סטאַניסלאַוו מאַזור פון זשאַקאָוולע, וואַנדאַ טאַרנאָווסקאַ פון פּשעזשעדזשאַטקע ביי סאָקאָלאָוו און פיל, פיל אַנדערע האָבן מיר געהאָלפן אָרגאַניזירן קורץ־טערמיניקע שולן פאר די מיטגלידער פון קאָמוניסטישן יוגנט־פארבאַנד. מ׳ האָט אונדז געהיט פאר דער פּאָליציי און צוגעשטעלט עסנוואַרג. אלס איינציקן לוין האָבן אונדזערע אפּוטרופּסים פארלאַנגט, אַז מיר זאָלן זיי

איבערלאָזן די מאַטעריאַלן, וואָס האָבן אונדז געדינט פאַר דער שולונג. א סך פון זיי זענען שפּעטער אַריינגעטראָטן אין די רייען פון קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד און פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן. מאַזור איז אין 1946 געפאַלן אין קאַמף פאַר דער זאַך פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי. מאַרגאָוואָסקאַ איז א טוערין פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי. מיט אונדז זענען צענדליקער פון די, וועלכע עס האָט דאַן אויסגעפעלט דרייסטקייט.

נאָכן אַרויסגיין פון תּפיסה איז מיין יעדער באַוועגונג געהיט געוואָרן דורך שפּיצלעס, דורך דער דעפענסיווע. איך האָב געמוזט אָנווענדן די פאַרשידנסטע מיטלען, כּדי צו פאַרווישן די שפּורן און נישט געבן זיי די מעגלעכקייט אונטערצושיידן צווישן מיין פּאַרטיי־אַרבעט און פּריוואַטן לעבן.

ווען איך האָב געפונען פאַר די געקומענע חברטעס „וואַנדען" און „סאָניען" א דירה אין דער צפון־טייל פון דער שטאָט, אין די אַזוי גערופענע „דזשאַלקעס", כּדי זיך דאָרט מיט זיי צו קאָנטאַקטירן אין די נעכט, אָדער פינצטערע אָוונטן, האָב איך מיט איינער פון די טעכטער פון דער באַלעבאָסטע זיך געמוזט צונויפרעדן, אַז אין פאַל פון אַן אויספאָרשונג צו וואָס איך קום דאָרט, וועט זי זאָגן, אַז איך בין איר חתן.

צום דריטן מאָל, ווען כ'בין אויף דער דאָזיקער דירה געקומען, האָט דער קאָמענדאַנט אַרויסגעשיקט אהין א פּאָליציאַנט. פּונקט איז נישט געווען די באַלעבאָסטע, עס זענען אויך נישט געווען אירע טעכטער. עס זענען דאָקעגן געווען „וואַנדע" און „סאָניע". דער פּאָליציאַנט האָט זיי געטראָפן, ווען זיי האָבן זיך געפּאָרעט ביי דער קיך, צוגרייטנדיק מיטאָג. אין אָוונט האָב איך געדאַרפט מיט זיי גיין אין וויטן דאָרף זשעראָמשין.

— וואָס מאַכט איר, ווייבער — האָט זיי דער פּאָליציאַנט באַגעגנט.

די סיטואַציע, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען די פּאַרטיי־פונקציאָנאַרינס, האָט נישט געגעבן קיין מעגלעכקייט צו טראַכטן וועגן זעלבסטגעפיל. פאַר זיי זענען געווען בלויז צוויי מעגלעכקייטן: אָדער עס האָט פאַראַטן די באַלעבאָסטע, אָדער איך האָב פאַראַטן.

— קיין ווערטער זענען מיר נישט אַדורך דורכן האַלדז — האָט שפּעטער געזאָגט די חברטע „וואַנדע". — עס האָט מיך אָנגעכאַפּט א כעס דערפאַר, וואָס די מאַטעריאַלן, וועלכע איך האָב געבראַכט מיט זיך, זענען געלעגן אין בייטל אויפן טיש. איך האָב דאָך זיי געקאָנט ערגעץ באַהאַלטן און אַרויסנעמען ערשט פאַרן אַוועקגיין.

— נו, וואָס האָט איר עס אָנגענומען א פּולן פּיסק מיט וואַסער? ווען דער באַלשעוויק פון זשעטשיצע קומט צו אייך — זיצט איר אויך, אַזוי ווי איצט — האָט אָנגעהויבן צו זידלען דער פּאָליציאַנט. איצט האָבן מיר פאַרשטאַנען פאַר וועמען ער האַלט אונדז — האָט דערציילט „סאָניע". — איך האָב מיר ספּעציעל פאַרשמירט מיט סאַדזע דעם פּנים און האָב אָנגעהויבן בלאָזן אין קוימען,

„װאַנדע" װידער האָט אָנגעהויבן זיך נאָכצופרעגן, צי דו ביסט טאַקע אויף אַן אמת אַזאַ געפערלעכער טיפּ. „לאָזט אים נישט איבער דער שוועל — האָט געוואָרנט דער פּאָליציאַנט. — ער וועט אייך אַלע חתונה מאַכן, איר וועט נאָך זען" — און איז נאָכדעם אַוועק.

פיל אַזעלכע סיטואַציעס האָב איך איבערגעלעבט. בלויז די גרייטקייט אויף אַלערליי פאַלן האָט מיר אָפט דערלויבט אויסצומיידן אַזעלכע שלעכטע רעזולטאַטן.

פון 1928 יאָר אָן האָב איך קיינמאָל נישט געאַרבעט מער, ווי פיר ביז זעקס חדשים אין יאָר. נאָכן 1936 יאָר איז דאָס שוין אויך געוואָרן אומדערגרייכבאַר. ווען איך האָב שוין יאָ באַקומען אַרבעט, פלעג איך מער ווי עטלעכע וואָכן נישט זיין באַשעפטיקט. דער מינדסטער פּרעטעקסט פלעגט זיין גענוג, כדי פּטור צו ווערן פון „בונטאַר". בלויז ביים רעגולירן דעם טייך קושנאַ האָב איך געאַרבעט אַ לענגערע צייט. דער אָנפירער פון דער אַרבעט האָט איגנאָרירט דעם אָנזאָג פון דער פּאָליציי, אַז מע זאָל מיר נישט געבן קיין אַרבעט, פאַר וועלכער כ'פלעג באַקומען איין זלאָטע מיט אַכציק גראָשן אַ טאָג. אָפט פלעג איך אַליין מוזן אַוועקוואַרפן די אַרבעט. לאַנג פאַרן ערשטן מאַי אָדער זיבעטן נאָוועמבער פלעגט די פּאָליציי מיך אַרומזוכן. כ'האָב מיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער און האָב געהונגערט. אין שטוב בין איך געווען — ווי די מאַמע פלעגט זאָגן — אַ זעלטענער גאַסט.

— ווען וועט איר שוין ענדלעך מאַכן די רעוואָלוציע — האָט זי געפרעגט — זאָל שוין נעמען אַ סוף צו מיינע צרות און זאָרג פאַר דיר. כ'וואָלט אייך נאָך געוואָלט זען זאַטע און באַקליידטע. אוי, כ'וועל עס מסתמא נישט דערלעבן — האָט זי געקרעכצט.

נישט קיין סך האָט עדות געזאָגט דערויף, אַז דער מאַמעס ווונטשן וועלן שנעל מקוים ווערן. זי האָט זיך מודה געווען, אַז זי בענקט נאָך די צייטן, ווען מיר זענען קליינע געווען.

— נישט איינמאָל ווילט זיך מיר, אַז די דאָזיקע צייטן זאָלן זיך אומקערן — האָט זי געזאָגט — עס איז מיר שווער געווען, אָבער נישט אַזוי ווי איצט. אַמאָל האָט ווער געקאָנט אייך אָנקלאַפּן די ביינער מיט אַ בייטש, און איצט אַרעסטירט מען אייך און מען פאַרשפּאַרט אייך אויף לאַנגע יאָרן אין תפיסה. אייך אַלע איז מיר אַלצאיינס אַ שאָד — האָט זי געזאָגט — טאָלעק און געניעק זיצן פאַר גנבה, אָבער מיין האַרץ ווייסט נישט פון קיין אונטערשייד, ווער פון אייך פאַר וואָס עס ליידט.

אין מערץ 1937 יאָר האָב איך באַקומען אַן אויפגאַבע אָנצושרייבן אַן ערשטמאַיקן אויפרוף.

— איך פאַרבאָט דיר אַריינצופאַלן פאַרן ערשטן — האָט געזאָגט דער חבר „קרישטאָף“ מיט וועלכן איך האָב זיך צונויפגערעדט וועגן אַלע ענינים, וועלכע זענען געווען דערמיט פאַרבונדן.

שוין פון סוף מערץ האָב איך נישט גענעכטיקט אין שטוב. איך בין געגאַנגען אַן איבערגעטוענער און אַלע נייטיקע קאָנטאַקטן, וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיט אַרויסגעבן דעם אויפרוף, האָב איך געהאַט ביינאַכט.

דעם 9־טן אַפּריל בין איך שפּעט צוריקגעקומען פון ראַיאָן און עס האָט זיך מיר נישט געוואָלט וועקן דעם באַלעבאָס, אין וועמענס שייער איך פלעג שלאָפן. איך האָב דעריבער באַשלאָסן די דאָזיקע נאַכט פאַרברענגען אין דער היים. פינף אַזייגער פאַרטאָג האָט די פּאָליציי אָנגעהויבן קלאַפּן אין פענצטער און גאָטערס אין טיר.

אין דעם מאָמענט האָב איך דערפילט די גאַנצע לייכטזיניקייט פון מיין האַנדלונג. אויף אַ בוים אין וואַלד אָדער אַפילו אויף די בלאָטעס וואָלט איך זיך בעסער און זיכערער געפילט, איידער אין דער לאַגע, אין וועלכער איך האָב זיך אין דער רגע געפונען. איך האָב אין קיין פאַל נישט געקאָנט איינגיין אויף דער געשאַפענער סיטואַציע, וועלכע איז דאָך געווען נישט אָפּצוווענדן. איך האָב ווייניק פאַרשטאַנען, וואָס די פּאָליציי פרעגט זיך נאָך ביי מיר. אָנטאָן זיך האָב איך געקומען דאַן, ווען די פּאָליציי האָט עס פון מיר געפאָדערט און מיך געמאָלדן, אַז איך בין אַרעסטירט.

די מאַמע האָט שנעל געמאַכט פרישטיק און געבעטן די פּאָליציאַנטן, זיי זאָלן מיר דערלויבן אָפּצועסן. אין דעם מאָמענט האָבן אַלע נישט אויסגענוצטע דורך מיר מעגלעכקייטן אויסצומיידן דאָס לייכטזיניקע נעכטיקן אין דער היים, מיר אויסגעוויזן צו זיין לייכטע און נאַטירלעכע. איצט איז מיר געבליבן בלויז איין מעגלעכקייט — אַנטלויפן. אין געדאַנק האָב איך געזען, ווי כ׳וועל דורכלויפן דעם שטח פון די דריי קילאָמעטער, אויף וועלכן עס וועלן מיך פירן די פּאָליציאַנטן. „מ׳קאָן פּלוצלינג זיך אַרויסרייסן פון זייערע הענט און אַריינפאַלן אין אַ הויף פון אַ שטוב, אין אַ קאָרידאָר מיט אַ צווייטן אַרויסגאַנג און פון דאַנעט ווייטער...“ — האָב איך געטראַכט. איך האָב ספּעציעל פאַרצויגן די צייט פון עסן דעם פרישטיק, כדי צו באַטראַכטן אַ פּלאַן פון אַנטלויפן. וואָס וועט איצט וועגן מיר טראַכטן דער חבר „קרישטאָף“? פון די שמועסן מיט אים האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער האַלט פון מיר, ווי פון אַ מענטש, וואָס קאָן זיך אַן עצה געבן. וואָס וועט איצט זיין מיטן אויפרוף? אמת, אַלץ איז שוין אויפן אָרט. דער סעקרעטאַר פון שטאָט־קאָמיטעט קען דעם זעצער, וועלכער וועט אים אָנווייזן דאָס אָרט, וווּ עס געפינט זיך די דרוקעריי. אָבער נאָך מיין אַרעסט דאַרף מען דאָס דאָזיקע אָרט האַלטן אַלס „פאַרברענטס“.

ביידע פּאָליציאַנטן האָבן מיך געאיילט מיטן עסן. דער הריטער איז אַרומגעגאַנגען אונטערן פענצטער פון דער שטוב. די מאַמע האָט זיך באַמיט זיי איבערצייגן, אַז איך בין אומשולדיק, אַז זיי דאַרפן מיך נישט אַרעסטירן. דער ברו־

דער מאַריאַן איז אויפֿגעשטאַנען פֿון געלעגער און האָט אין שכנותדיקן אַלקער נישט ווילנדיק געקלאַפּט אין דער פֿאָדעשווע פֿון א שטיוול. איך האָב באַשלאָסן צו אַנטלויפֿן פֿון דער דירה. איך האָב אָנגעהויבן זיך אָנצוטאָן ווי צום לייכטסטן. דעם דאָזיקן באַשלוס האָב איך אָנגענומען נאָכן פֿעסטשטעלן, אַז די פּאָליציאַנטן האָבן נישט קיין רעוואָלווערן; נאָר לאַנגע ביקסן מיט באַגנעטן. איך האָב געכאַפּט א בליק אויפֿן ברודער און ער האָט פֿון אים אַרויסגעלייענט מיין באַשלוס. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון וואַרשטאַט און האָט שטיל געעפֿנט א פֿענצטער אין אַלקער. „כ'וועל אויסטרינקען נאָך אַ גלאָז טיי" — האָב איך געזאָגט דער מאַמען, ווילנדיק דעמאָביליזירן אַביסל די פּאָליציאַנטן, וועלכע זענען שוין געווען גרייט צום רירן אין וועג אַריין. אין דער זעלבער רגע האָב איך מיך געוואָרפֿן אין אַלקער און מיט איין שפּרונג בין איך אַרויס דורכן פֿענצטער און נאָכדעם אַריבער דעם פּלויט פֿון גערטנדל. די גאַס, מיט וועלכער איך בין געלאָפֿן, איז געווען א גלייכע און א פּוסטע. כ'האָב געמוזט נעלם ווערן פֿון די אויגן פֿון די פּאָליציאַנטן, וועלכע וואָלטן געקאָנט אָנהייבן צו שיסן. איך האָב זיך געכאַפּט פֿאַר דער קליאַמקע פֿון דער ערשטער באַגעגנטער הויף־טיר. זי איז געווען פֿאַרשלאָסן. כ'בין דורכן פּלויט אַריין אין הויף. איידער אָבער איך בין נאָך דערלאָפֿן צום מיטן הויף האָב איך אַחוץ די געשרייען „שטיי! שטיי!" דערהערט דאָס קלאַפּן בעתן אָנלאָדן די ביקסן. צווי ביקס־רערן, אָנגעשפּאַרטע אויפֿן פּלויט זענען געווען גרייט צום שיסן. אויסרעכענענדיק דערויף, אַז זיי וועלן נישט טרעפֿן, איז נישט מעגלעך געווען. איך בין געווען אין די הענט פֿון דער פּאָליציי.

כ'בין איצט געגאַנגען אונטערגעשפּאַרט פֿון ביידע זייטן מיט באַגנעטן. איך האָב זיך באַמיט אויסצודריקן אויפֿן פּנים רעזיגנאַציע, כאָטש אין געדאַנק האָב איך נאָך געזוכט מעגלעכקייטן, וועלכע קאָנען זיך מאַכן אין וועג.

אין צענטער שטאָט האָבן די פּאָליציאַנטן אַראָפּגעלאָזט די באַגנעטן. זיי האָבן זיך בלויז נענטער צוגערוקט צו מיר, צוקוועטשנדיק פֿון ביידע זייטן. איך האָב זיך באַמיט זיי צוצוגעווייגען צו פֿלוצימדיקע ענדערונגען אין דעם אופֿן פֿון מיין גיין. כ'האָב געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז דער שוך פֿאַלט מיר אַראָפּ, אַז עס קוועטשט מיר א פֿינגער, כ'האָב זיך פֿאַרטשעפּעט אין גאַנג, געשאָלטן און געמאַכט גרימאַסן, ווי מיר וואָלט שטאַרק וויי געטאָן.

— עס איז שוין נישט ווייט. גיי גיי, — האָט געברומט דער פּאָליציאַנט — דאָרט וועסטו זיך פֿאַרריכטן דעם שוך.

אויפֿן מאַרק, פֿון וועלכן עס איז געווען ביי דרייהונדערט מעטער צו דער פּאָליציי־וואַך, איז געווען א באַוועגונג ווי אין א מאַרק־טאָג. „בלויז דאָ קאָן זיך איינגעבן" — האָב איך באַשלאָסן. איצט האָב איך נישט געפֿילט די אַקסלען פֿון די פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן מיך צוגעקוועטשט. עס האָט מיך געשטיקט דער כעס אויף זיך אַליין, פֿאַרוואָס איך האָב אַזוי לייכט זיך געלאָזט נעמען. מיט א שטאַרקער קראַפֿט האָב איך דערלאַנגט א זעץ דעם פּאָליציאַנט

פון ליגקס און כ'בין אָפּגעשפּרונגען אויף רעכטס. איך האָב זיך אויסגעמישט מיטן גאָר נישט גרויסן עולם.

— שטיי! שטיי! כאַפּט דעם גנב, דעם באַנדיט! — האָבן געשריגן די פּאָליציאַנטן.

כ'בין געלאָפן אין דער זייט פון שמולעוויזנע. א גראָבער חזירים-הענדלער האָט מיר פארשטעלט דעם וועג. איך האָב א כאַפּ געטאָן ליימענע טעפּ, וועלכע זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אויפן ברוק, צום פארקויפן, און מיט איין טאָפּ האָב איך א זעץ געטאָן דעם חזירים-הענדלער. איך בין אריין אין א געסל. איצט איז שוין פאר קיינעם פון די צושויער נישט געווען קיין ספק, אז כ'בין א געפערלעכער גנב. א גאנצער המון האָט זיך געלאָזט נאָך מיר. איך האָב געפילט, אז אויב איך וועל לענגער לויפן, וועל איך קריגן א הארץ-שלאַג.

ווען כ'האָב דערזען, אז דער המון און די פּאָליציי האָבן מיך פארלוירן פון אויג, בין איך אריין אין די ערשטע באַגעגנטע טירן. דאָס איז געווען א קליינער ברעשטער-ווארשטאַט, וואָס איז געווען פארלייגט מיט קאַסטנס און פעסלעך. געארבעט האָבן צוויי אלטיטשקע.

— כ'וועל א רגע זיך פארהאלטן ביי אייך — האָב איך געבעטן.

אין דער רגע איז דורך דער גאַס פארביי דער המון מיט דער פּאָליציי.

— ניי ארויס פון דאַנעט — האָט געזאָגט דער אלטיטשקער, מאַכנדיק א שטרענגע מינע.

— גנב! — האָט זיך צעשריגן די באַלעבאָסטע.

— כ'בין נישט קיין גנב — האָב איך גענומען זיך פארענטפערן.

דאָס גייט אונדז נישט אָן. אנטלויף פון דאַנעט!

כ'בין צוריק ארויס אין גאַס. כ'האָב געוואָלט מאַכן דעם אָנשטעל, אז כ'בין איינער פון די, וואָס יאָגן נאָך דעם אנטלאָפענעם. דאָס האָט זיך מיר אָבער נישט איינגעגעבן און כ'בין ווידער געווען געצוווּנגען צו אנטלויפן. עס האָבן זיך דערהערט רעוואָלווער-שאָסן. כ'בין געלאָפן דורך א פינצטער, פאר-עיפּושט געסל און בין ווידער אריין אין דער ערשטער אָפענער טיר.

— כ'בין נישט קיין גנב — האָב איך געזאָגט צו א יונג מיידל, וואָס האָט אויפגערוימט די שטוב.

זי האָט מיר גאָרנישט געענטפערט. זי האָט פארבעט דאָס בעט און זיך צוגעקוקט, ווי שווער איך אָטעם. ווען דער אָפּקלאַנג פונעם געיעג האָט זיך דערהערט נעבן פענצטער, האָט זי עס פארשטעלט מיט א פאָרהאַנגל. איך האָב געהערט, ווי א קינד האָט דערציילט דעם פּאָליציאַנט, אז ער האָט מיך געזען לעבן דער שטוב, אין וועלכער כ'האָב זיך געפונען. כמעט איינציייטיק האָב איך אויפן קאָרידאָר דערהערט שווערע טריט. כ'בין ארונטער אונטערן טיש, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט א טישטעך. אין צימער איז אריינגעפלויגן א פּאָ-ליציאַנט.

— ווער איז דאָ פאַראַן — האָט ער געפרעגט אַ פּראָסאָפּעטער.

אַ שטילשווייגן.

— ווער איז דאָ פאַראַן פרעג איך — האָט ער איבערגעחזרט.

— איך בין דאָ פאַראַן — האָט געענטפערט דאָס מיידל.

ער האָט פאַנאַנדערגעוואָרפן דאָס בעטגעוואַנט, מיינענדיק, אַז איך באַהאַלט זיך אויס אין בעט. ער האָט גענומען אַרויסגיין. ווען ער איז שוין געווען אין קאָרידאָר האָט ער באַמערקט הינטערן טיש מיינע פיס. ער איז איצט געגאַנגען אויף מיר. איך האָב מיך אויפגעהויבן און אין דער זעלבער רגע האָט אַ זעץ מיט דער ביקס מיך אומגעוואָרפן אויף דער פאָדלאָגע. דער פּאָליציאַנט האָט אָנגעהויבן צו פייפן, עס זענען אָנגעקומען די אַרומיקע פּאָליציאַנטן, מ׳האָט מיך געשמידט, צוגעטשעפעט חוץ דעם צו אַ לאַנגער קייט און גענומען מיך שלעפן צו דער פּאָליציי־וואַך.

— אַראָפּ מיט די קייטן — האָב איך געשריגן.

דער עולם אַרום האָט זיך גענומען אָריענטירן, אַז ער איז אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ טעות און האָט אָנגעהויבן צו וואַרפן אין דער פּאָליציי ציגל און שטיינער.

— איך האָב דיך געוואָלט פאַרשפּאָרן שטילערהייט, כּדי דו זאָלסט זיך נישט איבערהאָרעווען פאַרן ערשטן מאַי — האָט טריומפירט דער קאָמיסאַר.

— עס איז אָבער קענטיק — האָט ער ווייטער געזאָגט — אַז דו פילסט הינטער זיך אַ גרעסער שטיצקעכץ. אַנדערש וואָלסטו גאָר אַזויפיל נישט ריזיקירט.

איך האָב געשוויגן. די קייטלעך האָבן זיך אַריינגעשניטן אין די הענט, וואָס זענען אָנגעשוואָלן געוואָרן און האָבן באַקומען אַ פיאָלעט־קאָליר. דאָס פּנים האָט מיר געברענט, אין די פּלייצעס האָט געבראָכן אַ טעמפּער ווייטיק. דאָס איז געווען דער רעזולטאַט דערפון, וואָס אַכט פּאָליציאַנטן האָבן מיך געבוטשן.

דער אויפרוף איז נישט דערשינען — נישט צוליב מיין אַרעסט. איך בין אַרויס אין לעצטן טאָג פון חודש יוני פון ביאַלע פּאָדלאַסקער תּפֿיסה.

אין דער היים האָב איך שוין פון דאַן אָן געגעכטיקט אין גאָר זעלטענע פאַלן, די צייט איז ביי מיר אַוועק, חוץ דער טעטיקייט אין דער פּאַרטיי, אין גרעסטן טייל אויף זוכן אַרבעט. און ווען כ׳פלעג שוין באַקומען אויף אַ קורצער צייט אַרבעט, פלעגט זי מיך דערדריקן מיט איר האָפענונגסלאָזיקייט — דער לוין האָט נישט געסטייעט אויף עסן.

דעם טויבן און אָרעמען לעבן אין פּאָדלאַשע האָט אַ זין געגעבן דער קאַמף פון דער פּאַרטיי; נאָכן פאַנאַנדערלאָזן די פּאַרטיי האָב איך באַשלאָסן אַרויסצופאָרן קיין וואַרשע. דער פּאָליציי־טעראָר, דאָס פאַרפאָלגן די אַרבעטער און פויערים האָט נישט אויפגעהערט. אין דער צייט בין איך צוויי מאָל געמשפּט געוואָרן און פאַראורטיילט געוואָרן צו זעקס און אַכט חדשים אַרעסט פאַרן אַזויגערופענעם „טעראָריזירן די, וואָס האָבן געוואָלט ערלעך אַרבעטן בעת די

אומאָפּאַראַנטוואָרטלעכע עקסצעסן מצד די שטרייקנדיקע און פאַרן שטערן מלוכה=פונקציאָנאַרן אויסצופירן זייער דינסט" — אַזוי איז עס פאָרמולירט געוואָרן אינעם אָפיציעלן באַשולדיקונגס=אַקט.

אכציק גראָשן איז מיר געבליבן אין קעשענע נאָכן באַצאָלן פאַר אַ באַןבילעט קיין וואַרשע. קיין שום אויסזיכטן אויף צו געפינען אַרבעט און אַ דירה האָב איך נישט געהאַט. איך האָב געפונען דעם אַדרעס פונעם מיטגליד פון קאָמוניסטישן יוגנט=פאַרבאַנד אין אונדזער פאָרשטאָט מישניעוויטש, וועלכער האָט שוין עטלעכע חדשים זיך דאָ אויסבאַהאַלטן, זייענדיק פאַרפאָלגט פון דער פּאָליציי צוליבן פאַרשפּרייטן ליטעראַטור. ער האָט געוווינט אַ נישט געמאָלדענער און בלויז אַדאַנק אַ „קונץ", האָט ער באַקומען אַרבעט ביי אַ שניידער אויף דער זשוראַוויע גאַס אַלס אַ שיק=ייִנגל. אַדאַנק אים האָב איך אויף קרעדיט באַקומען אַ מעגלעכקייט צו וווינען ביי אַ פריזירער אויף בוגאַי 8; חוץ מיר איז שוין אין דער דאָזיקער איינציממערדיקער דירה געווען „אויף סטאַנציע" איינע אַ פריילין האַלינאַ.

— עס איז מיר נמאס געוואָרן די גאַס — האָט זי דערקלערט מיט אַזאַ פּשוטקייט, ווי ס'וואָלט זיך בלויז געהאַנדלט וועגן בייטן דאָס פאַך — און איך האָב באַשלאָסן חתונה צו האָבן מיט מירעקן. ער וועט זיין אַ גוטער מאַן. שוין היינט גיט ער מיר אַוועק זיין גאַנצן וואָכן=לוין.

דער פּאַן מירעק איז געווען אַ מעכאַניק ביי ליל=פּאָפּן. דעם אָוונט פלעגט ער פאַרברענגען מיט דער פריילין האַלינאַ, און די נאַכט, ביז אין דער פרי, האָט פריילין האַלינאַ פאַרבראַכט אויף דער גאַס.

— היינט איז שוין דאָס לעצטע מאָל — האָט זי אין דער פרי געזאָגט צו דער באַלעבאָסטע.

אַזוי האָט זי געוואַרט אויף דער חתונה, כדי נאָכדעם צו וווינען ביי מירעקס עלטערן.

— פאַר דער חתונה איז נישט מאָראַליש צו זיין ביי די עלטערן פון מאַן — האָט זי געטענהט.

פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט האָב איך געזוכט אַרבעט. געשטיצט האָט מיך אין דער צייט דער חבר מישניעוויטש מיט אַ האַלבן זלאָטע אַ טאָג. דאָס איז געווען אַ סך, ווען מ'זאָל נעמען אין אַכט, אַז דער באַלעבאָס האָט אים גאָרנישט געצאָלט און ער האָט זיך אויסגעהאַלטן בלויז דערפון, וואָס אַ גוטהאַרציקער קליענט פלעגט אים אַמאָל עפּעס געבן בעתן אָפּטראָגן אַן אָנצוג.

אין יולי האָט מען מיר צוגעזאָגט אַרבעט אין „וויסטולאַ", אויף פּראַגע, ביים אויסלאָדן לאַסט=דאַמפערס. וועגן דער דאָזיקער פרייד‌לעכער נייעס האָב איך געגעבן צו וויסן דעם חבר סטאַניסלאַוו קירילוק פון ביאַלקי, וועלכער האָט, ווי אַ סך אַנדערע, נאָכן פאַנאַנדערלאָזן די פּאַרטיי, פאַרלאָזט דאָס היימישע דאָרף. ער איז געקומען זיך איבערצייגן, צי האָב איך ווירקלעך באַקומען אַרבעט.

נישט געקוקט דערויף וואָס אין דעם טאָג האָב איך פאַרן זלאָטע, וואָס כ'האָב געבאָרגט ביים באַלעבאָס זיך אָנגעגעסן צו דער זעט מיט ברויט און וווּרשט, איז מיר פון ערשטן אַרויסגעטראָגענעם זאַק מיט רייז פּינצטער געוואָרן אין די אויגן און כ'האָב באַקומען אַ האַרץ־קלאַפּעניש. נאָכן צווייטן זאַק בין איך שוין געגאַנגען אָן גלויבן, אַז כ'וועל באַווייזן אים אַרויסצוטראָגן. אונטער דער לאַסט פון דער משא איז איין זשעבערע מיר אַרונטערגעקראָכן אונטער דער צווייטער. מיט פאַרשטשעמעטע ציין בין איך אַרויף אויפן בריקל, וואָס האָט געפירט פון דאַמפער אויפן ווייסל־ברעג. אין די אויגן האָבן מיר געמיניעט גרינע און רויטע פלעקן. פון האַלבן וועג בין איך אַראָפּגעפאַלן צוריק אויפן דעק פון דעם לאַסט־דאַמפער. פאַלנדיק מיטן זאַק רייז האָב איך שיער נישט דערהרגעט איינעם פון די טרעגער.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז דאָ איז אַ שווערע אַרבעט — האָט דערמאָנט דער אונטערנעמער — און איר האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט געווען אַ וואַלד־העקער.

— דאָס איז געווען פאַר דער תּפיסה — האָב איך געזאָגט און זיך באַלד געכאַפּט, אַז כ'האָב צופיל געזאָגט.

— פאַר וועלכער תּפיסה? — האָט ער אונטערגעכאַפּט.

— כ'בין געווען אַ תּפיסה־וועכטער און דערביי האָב איך פאַרלוירן דאָס געזונט — האָב איך געענטפערט.

— אַ שווערע אַרבעט — האָט ער מיטפילנדיק באַשטעטיקט.

מיין פּלאַץ האָט פאַרנומען דער חבר סטאַניסלאַוו קירילוק. מיט קנאה האָב איך זיך צוגעקוקט, ווי ער האָט אָן שום אָנשטרענג געטראָגן הונדערטקילאָגראַמיקע משאות. כדי מיך צו טרייסטן האָט ער מיר געגעבן דעם אַדרעס פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון די האַנדלס־ און ביוראָ־אָנגעשטעלטע, וווּ עס האָט געאַרבעט זיינער אַ באַקאַנטער חבר. דער דאָזיקער חבר, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז אויך געווען מיינער אַ באַקאַנטער פון גראָדזשאָנדזער תּפיסה — בנימין דאָדיוק. אַרבעט האָב איך באַקומען אַלס אַקוויזיטאָר אין דער פאַבריק פון וואַש־מאַשינדלעך און מעטאַל־אויסאַרבעטונגען אויף טשיכע־גאַס 6. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין געפינען קונים, הויפּטזעכלעך מחוץ וואַרשע. אין וואַרשע גופא איז כמעט אויף יעדן טויער געהאָנגען אַן אויפשריפט: „פאַר בעטלערס, אַקוויזיטאָרן און הויף־הענדלערס איז דער איינגאַנג שטרענג פאַרבאָטן“. דער קויפער פלעגט אונטערשרייבן אַן אָפּמאַך, ציימגוויז אַ וועקסל און פאַרן אונטערשרייבן האָט ער פאַר אַ וואַש־מאַשינדל אין ווערט פון פופצן זלאָטעס געצאָלט פון פופציק ביז זעכציק זלאָטעס. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט האָבן די זעלבסטקאָסטן פון אַזאַ וואַש־מאַשינדל באַטראָפן ניין זלאָטעס. ביי דער געלעגנהייט האָב איך אויך געזוכט קונים אויף ראַדיאָ־אַפּאַראַטן.

כמעט אַלע ביי־וואַרשעווער שטעטלעך — פון וולאָכי ביז זשיראַרדאָוו — האָב איך גאָענט דערקענט, כמעט אַלע טירן אין די שטעטלעך האָב איך אָפּגע־

שלאָגן און דערביי איבערגעחזרט: אמעריקאַנער וואַש-מאַשינדלעד אויף האַטעם". די שווערע כלים, וואָס איך האָב אויף זיך געשלעפּט, דער דערנידערנדיקער אופן פון פאַרדינען האָבן אויף מיר שווער געווירקט. מיין פאַרדינסט האָט אפילו נישט געסטייעט אויף באַצאָלן דירה-געלט און אויף עסן. איך האָב אָפט געמוזט אָנקומען צו דער קיך, וואָס עס האָט געפירט די „אַקציאַ קאַטאָליצקאַ" אויף סענאַטאָרסקע גאַס. פאַר פופציק גראָשן האָב איך דאָרטן באַקומען אַ זופּ מיט ברויט. כ'בין פשוט פאַרטעמפּט געוואָרן און געווען נאָענט פון פסיכישן איינברעכן זיך. ביים געזעגענען זיך מיט באַקאַנטע פלעג איך אָנשטאָט מיט אַ „גוט-מאָרגן" באַגעגענען זיי מיטן אויסרוף „אַמעריקאַנער וואַש-מאַשינדלעך". באַקאַנטע מיידלעך פלעגן פרעגן: „פון וואַנען נעמען זיך צו אים אַזעלכע נאַרישע חכמות?".

אין דער זעלבער צייט פלעגט די מאַמע מיט שטאָלץ דערציילן די שכנים:

— מיין זון אַרבעט אין וואַרשע. אפשר וועט גאָט געבן און ער וועט ווערן מיט לייטן גלייך.

בלויז איין מאָל האָב איך פון מיינע פאַרדינסטן געקאָנט שיקן דער מאַמען צען זלאָטעס. כדי דאָס צו דערגרייכן האָב איך געמוזט אַ גאַנצע וואָך לעבן מיט ברויט און טיי.

דעם פינפטן אָקטאָבער האָב איך דורך אַ פּאָליציאַנט באַקומען אַן אָנזאָג זיך צוצושטעלן אין תפיסה, כדי אָפּצוזיצן אַן אורטייל פון אַכט חדשים אַרעסט פאַר אַ פאַרברעכן, וועלכן איך בין באַגאַנגען אין קרייז-געריכט אין ביאַלע-פּאָדלאַסקע. איך האָב געבעטן מען זאָל עס מיר אָפּלייגן כאָטש אויף איין טאָג, כדי צו דערלייזדיקן אַ ריי ענינים אין שטוב און ביי דער אַרבעט. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן, כ'בין גלייך איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה אויף נענשע-גאַס. איצט בין איך געווען אַ קרימינעלער אַרעסטאַנט. מ'האָט מיך אָפּגעשוירן און איבערגעטאָן אין אַרעסטאַנטן-קליידער. כ'בין געזעסן אין דער אַזוי גערופענער אינטעליגענטן-קאַמער. אַ געוועזענער ראַטמייסטער, אַ פריץ פון מזרח-אוקראַינע, אַ שול-חבר פון רידז-שמיגלען; אַ געוועזענער סעקרעטאַר פון דער וואַרשעווער אָפּערע בעתן צאַר; אַן אַרטיסט פון דער זעלבער אָפּערע — אָט דאָס איז געווען אַ קאַטעגאָריע מענטשן, פאַר וועלכע די זכרונות וועגן דער פאַרגאַנגענהייט זענען געווען דער יסוד, אויף וועלכן זיי האָבן געבויט פּלענער וועגן דער נישט ווייניק גלענצנדיקער צוקונפט. דערווייל זענען זיי אָפּגעזעסן תפיסה-שטראָפן: פאַר אומלעגאַלן פּראָדוצירן ציינד-מאַשינקעס צו גאַז, ווי דער ראַטמייסטער, למשל; פאַר פאַרברעכערישע באַציונגען מיט מינדעריעריקע, ווי דער סעקרעטאַר פון דער אָפּערע. און דער אַרטיסט — פאַר אַ געוויינלעכער גנבה. פאַר זיי אַלע איז קיין ספק נישט געווען, אַז אין דער צוקונפט וועלן זיי זיין רייך. אַלס באַווייז, אַז אַזוי וועט עס זיין, האָט דער ראַט-

מייסטער, בעת זיי דערציילן און דיסקוטירן אַנגערופן רידז־שמיגלען, אַז ער איז אַ ששיק מינות, אַז ער האָט ריהזן געלערנט האַלטן אַ שווערד אין דער האַנט. דער פיר און זעכציק יאָריקער געוועזענער סעקרעטאַר, וועלכער איז שטאַרק געווען ווי אַן אַקס, ביי וועמען דער מוח איז אָבער געווען „נישט מיט אַלעמען" האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אָנצושרייבן אַן אָפּערע, וועלכע, ווי ער האָט געזאָגט, וועט אויסזינגען דעם גייסט פון די פאַרגאַנגענע, איצטיקע און קומענדיקע צייטן; דער אַרטיסט ווידער האָט פאַרזיכערט, אַז ער וועט ווערן אַ מיליאָנער, פירנדיק שמוגל פון משעביע.

צוויי מאָל אין דער וואָך זענען זיי געגאַנגען אין תפיסה־קלויסטער. זיי האָבן אָפּט פון דאָרט געבראַכט קרייטעכצער, וואָס דינען דעם רעליגיעזן קולט און זיי האָבן עס געדויבערט אָנשטאָט טאַבאַק. זיי האָבן אויך דערציילט, אַז דער גלח פּאָליטיקירט פון דער בימה און לעסטערט גאָט. אין איינעם אַ מיט־וואָך בין איך מיט זיי מיטגעגאַנגען, כדי צו הערן די דרשה פאַר געפאַלענע און אויסגעגליטשטע מענטשן. נאָך עטלעכע מאָל גיין אין קאָשטשאָל האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דער בעל דרשן איז דאָרט אָפּט געווען דער גלח משע־משאַק. נאָך עטלעכע פּסוקים פון דער עוואַנגעליע איז ער אַלס כּלל גלייך אי־בערגעגאַנגען צו פּאָליטישע פראַגן. ער האָט געלויבט היטלערן פאַר דער מוס־טערהאַפטער אָרדענונג, וואָס ער האָט איינגעפירט אין דייטשלאַנד; ער האָט פאַרגעוואָרפן דער פּוילישער רעגירונג נאַכלעסיקייט און מאַנגל פון אַנטשלאָסנ־קייט ביים נאָכטאָן די גרייטע ביישפּילן און האָט פייערלעך פאַרזיכערט, אַז די פּאָליאַקן זענען אַ מין אויסדערוויילט פאָלק. „די פראַנצויזן — האָט ער געזאָגט — וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דער קריסטלעכער מאָראַל, וועלן אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד דורך גאָטס צאָרן, פּונקט ווי די „באָלשעוויקעס". אַלס ביישפּיל דערפון, אַז די פראַנצויזן זענען אָפּגעטראָטן פון דער קריסטלע־כער מאָראַל האָט ער געבראַכט דעם פאַקט, וואָס אין פּאַריז זענען פאַראַן עפנטלעכע קלאָזעטן אַדגל. „איך האָב אַליין געזען — האָט ער דערציילט — ווי אין העלן טאָג, אויף די אויגן פון אַנדערע מענטשן, טוען זיי זייערע נאַ־טירלעכע באַדערפעניש אונטער אַ פּאַראַוואַן, וואָס גרייכט זיי קוים עפּעס העכער ווי איבער די קני".

אין חודש מערץ, ישוין נאָך היטלערס דערקלערונג וועגן זיינע פּלענער לגבי דער פּוילישער ערד, האָט דער גלח משעמשאַק, רעדנדיק וועגן דער פּוילי־שער ליבקער באַוועגונג, געוואָרנט: „עס וועט קומען אַ צייט, ווען מיר וועלן די קאָמוניסטן, די מאַסאָנען, די ליבעראַלן אויסשיסן אויפן מאַרק פון דער אַלט־שטאָט". כ'וויים נישט פאַרוואָס גאָטס שליח האָט צו דעם ציל אויסגעקליבן חווקא דעם דאָזיקן שיינעם טייל פון דער הויפּט־שטאָט. דאַקעגן ווייס איך, אַז ער וואָלט גערן אַליין אָנטיילגענומען אין דער דאָזיקער „פרומער מלאכה". דער גלויבן, מיט וועלכן ער האָט געפּריידיקט די דאָזיקע זאַך, די פלעמלעך פון זיינע

אויגן און די זשעסטן פון זיינע הענט האָבן מיך איבערצייגט, אז דער דאָזיקער געטלעכער מאן באגערט שטארק צו דערלעבן אָט די הייסע טעג.

— טפו זאָל ער ווערן, וואָס פארא געמיינער יונג! — האָט אויפגערעגט געזאָגט דער ראָטמייסטער נאָכן אויסהערן דעם גלחס דרשה.

אין אָנהייב אפריל בין איך ארויס אויף דער פריי. אויף דלוגע גאס האָב איך מיך אָנגעטראָפן מיט א מאניפעסטאציע.

— וואָס פאר א יום־טוב איז היינט? — האָב איך געפרעגט דעם ערשטן באגעגנטן מענטש.

— איר האלט די לוויה פונעם פרעזעס סלאוועק פאר א יום־טוב? — האָט ער געענטפערט און האָט קריגעריש א בליק געטאָן אויף מיר.

— א יום־טוב וועט זיין דעמלט, ווען מיר וועלן די גאנצע סאנאציע באַגראָבן — האָט עמעץ, וואָס איז געשטאנען נעבן מיר, אונטערגעזאָגט.

ווידער האָב איך אָנגעהויבן אָפּצוקלאפּן די שוועלן, פּאָרלייגנדיק צו קויפן די בעסטע אמעריקאנער וואש־מאשינדלעך. דער האנדלס־פאָרשטייער און דער פאבריקאנט האָבן אויף מיר קיין פאריבל נישט געהאט פארן אורטייל, וועלכן כ'בין אָפּגעזעסן. „פאר געוועזענע קאָמוניסטן — האָבן זיי געזאָגט — האָבן מיר כאָטש קיין מורא נישט, אַז זיי וועלן אונדז באַגנבענען". פארן סוף פון אָפּזיצן דעם טערמין אין תפיסה האָבן זיי מיר אפילו צוגעשיקט א שפּייז־פּעקל.

כ'האָב איצט פארדינט נאָך ווייניקער ווי אין יאָר 1938. „וואָס קומט ארויס פון נעמען אויף קרעדיט — האָבן געטענהט די הויז־באלעבאָסטעס, בעת כ'האָב פאר זיי גערימט די „טייערע סחורה" — ווער ווייסט, וואָס מאָרגן וועט זיין? מען זאָגט גאָרנישט און מען שרייבט נישט, וואָס עס דארף זיין. און די דייטשן — מען ווייסט דאָך, וואָס זיי גרייטן. בעסער נישט האָבן צו טאָן מיט קיין קרעדיט".

כדי צו פאריכטן די שיך אָדער קויפן זיך א העמד האָב איך געמוזט צו־נויפזאמלען געלט אויף אזא אופן, וואָס האָט מיר אוממעגלעך געמאכט צו קויפן זיך א פּאָר פּאפּיראָסן, אויפעסן אן עפּל אָדער גיין אין קינאָ. איך האָב די אָפּ־געשפּאָרטע איינצלנע זלאָטעס ארייננעלייגט אין דער שפּאָר־קאסע — פּ. ק. אָ. בעתן איינצאָלן די ערשטע דריי זלאָטעס אין דער קאסע אויף נאָוואָליפּקע גאס האָב איך באשלאָסן ארויסצונעמען א שפּאָר־ביכל מיטן פּאראָל „נידער מיט היטלערן".

— אפשר וועט איר זיך נעמען א צווייטן פּאראָל — האָט מיך געפּרוווט איבערצייגן דער באאמטער.

— פארוואָס עפּעס? עס איז דאָך אן אקטועלער פּאראָל — האָב איך דערוויהערט. נאָך א לענגערער דיסקוסיע האָט ער מיט מיר מסכים געווען.

אויף צומאָרגנס אין אָוונט האָט מיין באַלעבאָס אויף שוויענטאָיערסקע 14 מיך אויפגענומען מיט אן איבערגעשראָקענער מינע.

— וואָס פראַוועט איר פאַר א שטיק? — האָט ער אָנגעהויבן מיט א מוסר־טאָן — עפּעס עטלעכע הערן פון אמט האָבן זיך שוין צוויי מאָל נאָכגעפרעגט אויף אייך און האָבן דאָ איבערגעלאָזט אן ארויסרוף.

ביז איך בין נישט געקומען צום שעף פון דער פּ. ק. אָ. האָב איך נישט געוווסט, צוליב וואָס מען רופט מיך ארויס.

— דאָס זייט איר דער דערפינדער פונעם פּאַראָל „נידער מיט היטלערן?"

— האָט ער געפרעגט.

— ניין. כ'האָב זיך בלויז באַנוצט מיט איינעם פון די פּאָפּולערסטע צווישן דער באַפעלקערונג לאָזונגען. — האָב איך געענטפערט.

— שוין זשע פארשטייט איר עס נישט? ——האָט פארוואונדערט מיט א פּאָר אויגן, וואָס האָבן מיך דורכגענומען, זיך אָפּגערופן דער שעף. — איר גיט זיך דאָך אָפּ א דין־וחשבון, א מיר זענען אן אָפיציעלער אמט, אונדזער מלוכה האָט אָפּמאַכן מיט דייטשלאַנד און שוין דאָס אליין פארפליכטעט אונדז צו לאָיאַלקייט.

— אונדז — האָב איך זיך אָפּגערופן — פאַר וואָס, אייגנטלעך? איך מיין, אז אייך איז באַקאַנט היטלערס שטעלונג צו דעם אזוי־גערופענעם דאַנציקער „קאָרידאָר". איבעריקנס, קוקט דורך די דייטשישע פּרעסע. די פאַשיסטן ווייסן כלל נישט פון אזא טאַקטיק — האָב איך אָפּאָנירט קעגן אים.

— דאָס ווייסט מען — האָט מיר איבערגעריסן דער באַאמטער מיט אזא טאָן, מיט וועלכן א באַזאַכטער מאַנסבּאַרשוין רופט זיך אָפּ וועגן א צעלאָזענעם יאַטל, — אונדז אָבער פארפליכטעט צו שווייגן און שעצן יעדע אונטערשריפט פון דער רעגירונג פון דער רעפּובליק.

פון דעם דאָזיקן פאַראָל אין פּ. ק. אָ. האָב איך זיך געמוזט אָפּזאָגן.

— דאָס זענען קעגנאַוויאַציע־איבונגען — האָט מען אין וואַרשע כסדר איבערגעחזרט אין טאָג פון ערשטן סעפּטעמבער.

אזוי האָבן געזאָגט סוחרים, סאַנאַציע־טוער, פּיליסטערס מכל המינים און אָרנטלעכע מענטשן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט גלייבן, אז עס איז מעגלעך א מלחמה מיט היטלערן.

„מ'האָט דאָך געוואָלט מלחמה האלטן אויפן מזרח" — האָבן זיי איבערגעחזרט. צוויי מאָל בין איך אויף דער גאַס פארהאַלטן געוואָרן דורך דער פּאָליציי פאַר „פּרוון ארויסרופן צעטומלעניש". „אייך ווילט זיך מלחמה" — איז מען צו מיר צוגעשטאַנען דאָן, ווען איך האָב אין דייטשישע אעראָפּלאַנען געזען, אז זיי זענען טאַקע דייטשישע.

איך האָב זיך תיכּף געמאָלדן אין מיליטערישן מאָביליזאַציע־אַמט.

— נעמט מיך צו באַדאַי אַלס אַ לעבעדיקע מאַרפּעדע, אָבער פאַרשרייבט מיך — האָב איך געבעטן. — די פּרעסע שרייבט דאָך, אַז דאָס איז נייטיק.

— קיין שום אָפּווייכונגען פונעם געריכטס־אורטייל — האָט מען מיר געענטפערט, דערמאָנענדיק דערביי, אַז ביי מיר איז צוגענומען געוואָרן דאָס רעכט צו דינען אין מיליטער. — זייט צופרידן, וואָס מ'האָט אייך נאָך נישט פאַרשפּאַרט אין אַ לאַגער פאַר דעמאָראַליזירן די פּוילישע געזעלשאַפט. טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען!

אין די אָוונטן פלעג איך מיך טרעפן מיט באַקאַנטע. אַ סך פון זיי האָבן געטרוימט, אַז וואַרשע זאָל זיך פאַרטיידיקן ווי מאַדריד, אַז מ'זאָל אַהער נישט צולאָזן די דייטשן. אָבער ווי אַזוי? יעדער פון זיי האָט אין מיליטערישן מאָביליזאַציע־אַמט באַקומען דעם זעלבן ענטפער, וואָס איך.

אין דער נאַכט פון זעקסטן אויפן זיבעטן סעפּטעמבער האָבן מיר שוין פון טראַמוויי־ געמאַכט באַריקאַדן. טויזנטער מענטשן זענען אַוועק אַהיים, ווייל עס האָט געפעלט לאָפּאַטעס און גראָבאייזנס. דעם זיבעטן אינדערפרי האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די דייטשן זענען אריין אין וואַרשע. כ'בין אַוועק אויף וואַרעצקאַ־גאַס, צום הויז פון פּפּס. איך האָב זיך געוואָלט טרעפן מיט אַ באַקאַנטן קאָרעקטאָר פון מעזריטש און גלייכצייטיק קאָנטראָלירן די ידיעות וועגן געשאַפענע אַרבעטער־באַטאַליאָנען. דער טעכנישער פּערסאָנאַל פון דער רעדאַקציע „ראָבאָטניק" האָט מיך געקענט. האָט מיר טאַקע די וואַך געמאַכט שוועריקייטן ביים אַריינבאַקומען זיך אינעווייניק. דער אויפזעער, וועלכער האָט קאָנטראָלירט די וואַך האָט באַפוילן: „קיין קאָמוניסטן נישט אַריינלאָזן!"! איך בין געגאַנגען אַהין מיט דער האָפענונג זיך איינצושליסן אין דער אַרבעט — און געבליבן איז אַ פּיינלעכע איינזאַמקייט נאָך די ווערטער פונעם אויפזעער. כ'בין צוריקגעגאַנגען דורך גאַסן, אויף וועלכע עס איז צום ערשטן מאָל נישט געווען קיין פּאָליציי. מאַסן מענטשן האָבן זיך צונויפגעזאַמלט ביי די בעקעריייען און שפּייז־געשעפטן. דער דאָזיקער המון איז נישט געווען צעהיצט. שטאַרקער פונעם פאַרלאַנג צו באַזאָרגן זיך מיט פּראָדוקטן איז געווען די זאָרג און דער אומרוו פאַר דעם, וואָס איז געשען און דאַרף נאָך געשען.

ווען איך האָב ביי דער קערבעדזש־בריק געזען, ווי סאָפּערן גרייטן זיך זי אויפצורייסן אין דער לופט, האָב איך באַשלאָסן אַריבערגיין אויף דער זייט פון פּראַגע. צוזאַמען מיט די אומענדלעכע שטראָמען פּליטים בין איך אַוועק אויפן מזרח: „אין ראַטנפאַרבאַנד — האָב איך באַשלאָסן. — אָבער וואָס שנעלער, כּדי אָנצוקומען צו דער גרענעץ, איידער זי וועט באַזעצט ווערן דורך די דייטשן".

פון די זאַמדיקע היגלען, איבער וועלכע עס האָט זיך געצויגן דער בריסקער שאָסיי, האָב איך געקוקט אויף דעם ברענענדיקן וואַרשע. אַלע נייע גרויסע רויך־וואָלקנס האָבן זיך אויפגעהויבן צום בלויען הימל אַזוי ווי מעכטיקע ריזן, איינ־

בעטונקטע אין זון־שטראַלן, וועלכע קוקן פאַרחידושטע אויף דעם אייגענעם חורבן־ווערק. העכער, איבער זיי זשעגען מיט אַ מוראדיקן רעווען דורכגעפלויגן דייטשישע עראָפּלאַנען־עסקאַדרעס. די אומצאָליקע מענטשן־מאַסע האָט זיך געצויגן איבער פעלד־וועגן און סטעזשקעס. די פּיקירנדיקע דייטשישע עראָפּלאַנען האָבן באַשאָטן די שוצלאָזע מענטשן מיט באָמבעס און געשאָסן פון מאַשין־געווער. דער מענטשן־שטראָם האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו פליסן. טויטע און פאַרוווּנדעטע האָט מען אַראָפּגעשלעפּט פון די וועגן און זיי איבער־געלאָזט אויף הפקר.

אויך מיליטער־אָפּטיילן, קלענערע און גרעסערע, זענען אָפּגעטראָטן און געפּאָדערט, אַז זיי זאָל מען קודם־כל פריי מאַכן דעם וועג.

— העלפט זיי — האָט די באַפעלקערונג געפּאָדערט, ווייזנדיק אויף די פאַרוווּנדעטע.

— קיין ציווילע מענטשן גייען אונדז נישט אָן — האָבן זיי געענטפערט.

— און וועמער גייט אייך יאָ אָן? — זענען געפאַלן ווערטער פול מיט אויפ־רעגונג. — דענקמעלער האָט מען געשטעלט, זיי האָבן געזאָגט: „קיין קנעפּל וועלן מיר נישט אָפּגעבן" און איצט אַנטלויפן זיי. עד, איר העלדן!

צענדליקער זעלנער האָבן אין די וועלדער זיך איבערגעטאָן אין ציווילע קליידער, וואָס זיי האָבן באַקומען ביי די פּליטים. „ס'וועט דערפון גאָרנישט זיין, מ'האָט אונדז פאַראַטן" — האָבן זיי געזאָגט:

אין משך פון דער גאַנצער צייט פון מיין גיין אין דער ריכטונג פון דער סאָוועטישער גרענעץ זענען די דייטשן געווען פון דער זייט, פון הינטן און פון פאָרנט. זייערע פאַנצער־אָפּטיילן האָבן געפירט קורצדויערנדיקע שלאַכטן מיט די שלעכט באַוואָפנטע און צעשטויבטע אָפּטיילן פונעם פּוילישן מיליטער. אינעם דאָרף מיעדנא נאָכן בוג האָבן אַכט הונדערט זעלנער אונטער דער אָנפי־רונג פון אַ רעזערוו־פּאָרוטשניק געפירט אַ קאַמף מיט האַנט־ביקסן און צוויי מאַקסים־קוילנוואַרפערס קעגן פינף דייטשישע טאַנקן. עס זענען נישט געווען קיין גראַנאַטן און קיין פלעשער מיט צינד־מאַטעריאַלן.

— כ'וועל די מענטשן אָפּלאָזן אהיים — האָט געזאָגט דער פּאָרוטשניק.

— דער מאַיאָר איז אַנטלאָפן און איך האָב נישט בדעה צו פירן אומבאַוואָפנטע מענטשן צו דער שחיטה.

דעם 17־טן סעפּטעמבער פאַרטאָג בין איך אַריין אין אַ כאַטע פון אַ דאָרף ביי קאָוועל.

— גיט מיר אָפּצועסן פרישטיק, כ'וועל גוט באַצאָלן — האָב איך פאָרגע־לייגט.

די יונגע באַלעבאָסטע, וועלכע איז געזעסן ביים פענצטער, האָט זיך אפילו קיין ריר נישט געטאָן, האָט זיך בכלל נישט אָפּגערופן. איך האָב ווידער גע־מאַכט מיין פאָרשלאָג און געוואַרט.

— אוכּאַדיטיע זי מאָיעהאָ דאָמאַ[1] האָט זי אויסגערופן, אויפשטייענדיק פון ערד. איר גאַנצע פיגור האָט אויסגעדריקט פּיין און פאַרצווייפלונג, וועלכע זי האָט איבערגעלעבט.

— וואָס קושאָט? — האָט זי געזאָגט — וסיו זשיזן מוטשילי יעהאָ, פּאָטיורמאַם טיאַהאַלי, אַ טעפּער אוביילי אי יעשטשאָ פּריכאָדיט?[2]

איך האָב פאַרשטאַנען, ווער זי איז און וואָס עס האָט איר געטראָפן.

— איך בין נישט שולדיק — האָב איך געענטפערט — מעגלעך, אַז כ׳בין צוזאַמען מיט אייער מאַן געווען אין תפיסה.

זי האָט אויף מיר געקוקט מיט אומצוטרוי. אין שטוב זענען אריין צוויי מאַנספאַרשוינען!

— אַ ווי אָט קודאַ?[3] — האָבן זיי געפרעגט.

— פון וואַרשע — האָב איך געענטפערט.

— ניטשעוואָ וואַם זדיעס איסקאַט[4] — האָט מיר געמאָלדן איינער פון זיי מיט אַ קול, אין וועלכן איך האָב דערפילט פרייַדיקע זיכערקייט אין זיך.

— איך אייל זיך אין ראַטנפאַרבאַנד — האָב איך דערקלערט — און כ׳וויים נישט, צי וועל איך באַוויַזן צוקומען צו דער גרענעץ, איידער די דייטשן וועלן דאָרט זיין.

— גראַניצאַ אוזשע זאַניאַטאַ — האָט געמאָלדן דער צווייטער — ראָוונאָ טאָזשע זאַניאַטאַ[5] — האָט ער צוגעגעבן.

איך האָב פאַרלוירן דעם אַפּעטיט. כ׳בין שנעל אַרויסגעלאָפן צום שאָסיי. „אויב זיי זענען שוין אפילו פאַראַן ביי דער גרענעץ, וועל איך ביינאַכט זיך דורכרייסן אויף דער צווייטער זייט“ — האָב איך באַשלאָסן. עס האָט מיך געוואונדערט, פאַרוואָס דאָס מיליטער, וואָס האָט כסדר געאיילט אויף מזרח, גייט איצט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. אַן אָפיציר, וועלכן איך האָב וועגן דעם געפרעגט האָט געשוויגן, א צווייטער האָט געהיימניספול געענטפערט:

— אויב איר זענט נישט קיין היגער, וועט פאַר אייך זיין בעסער, ווען איר וועט זיך אומקערן אויף צוריק.

פאַרנאַכט בין איך דערגאַנגען צום ישוב און אייזנבאַן־סטאַציע פּאַוורסק.

---

[1] גייט אַרויס פון מיין שטוב (דאָ און ווייטער — טייל ווערטער רוסישע, טייל אוקראַנישע) — (איבערזעצער).

[2] איך געבן עסן? אַ גאַנץ לעבן האָט מען אים געפּייניקט, איבער די תפיסות געשלעפּט און איצט אים דערמאָרדעט און זיי קומען נאָך אַהער. — (איבערזעצער).

[3] פון וואַנען זייט איר? — (איבערזעצער).

[4] איר האָט נישט וואָס דאָ צו זוכן. — (איבערזעצער).

[5] די גרענעץ איז שוין פאַרנומען. ראָוונע איז שוין אויך פאַרנומען. — (איבערזעצער).

— גייט נישט! — האָבן געוואָרנט באַגעגנטע אויפֿן וועג פֿרויען — אוקראַינישע באַנדעס קוילענען און טוען אויס פֿאַליאַקן, עס איז מעגלעך, האָב איך געטראַכט, אַז או. אָ. נ. האָט אָנגעהויבן אָפּן איר טעטיקייט, אָבער זיי זענען נישט אזויפֿיל, אַז זיי זאָלן מיר קאָנען שטערן צו דערגיין ביז דער גרענעץ. איבעריקנס איז אויפֿן מערב פֿאַראַן אַ מער דראָענדיקער שונא, ווי זיי.

אין פֿאָוורסק האָב איך געטראָפֿן סטודענטן פֿון טשעכאָסלאָוואַקיע. זיי האָבן זיך געלאָזט אין האַטנפּאַרבאַנד. איך האָב זיך פֿאַראייניקט צו זיי. מיר האָבן באַשלאָסן צו וואַרטן ביז מאָרגן, כדי צו קאָנטראָלירן די קלאַנגען וועגן מאַרש פֿון דער סאָוויעטישער אַרמיי. און צו מאָרגנס זענען עסקאַדרעס אַעראָפּלאַנען דורכגעפֿלויגן איבערן ישוב. די באַפֿעלקערונג האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די ראָוועס, אָבער אָנשטאָט באָמבעס האָבן די אַעראָפּלאַנען אַראָפּגעוואָרפֿן בלעטלעך מיט דער רעדע פֿונעם חבר מאָלאָטאָוו. עס האָט זיך ממש נישט געוואָלט גלייבן, אַז דאָס איז נישט קיין חלום. די אַעראָפּלאַנען האָבן אויף זייערע פֿליגל געהאַט רויטע שטערנס און האָבן נישט געשאָסן. די פֿרייד האָט מען אָבער אָפּן נישט געקאָנט דערמאָנסטרירן. הונדערטער זעלנער צוזאַמען מיט פּאָליציי האָבן געהאַלטן אַריינפּאַקן אין וואַגאָנעס די משפּחות פֿון די פּריצים און הויכע באַמטע, וועלכע זענען אַנטלאָפֿן. זיי האָבן טעראָריזירט די אָרטיקע באַפֿעלקערונג. בייטאָגט האָבן זיי דערשאָסן אַ פֿויער — אַ קאָמוניסט, וועלכער איז מיט עטלעכע טעג פֿריער צוריקגעקומען פֿון תּפֿיסה. דאָ איז אויך געשטאַנען אַ פּאַנצער-צוג און עטלעכע טאַנקן. עפּעס אַ מאַיאָר מיט סאַנאַציע-באַגריפֿן וועגן דער סאָוויעטישער אַרמיי האָט פּלאַנירט מיט כּוח זיך אַדורכצורייסן דורך קאָוועל, וואָס איז געווען פֿאַרנומען דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי, צו די דייטשן.

איך האָב זיך צוריקגעקערט קיין מעזריטש.

— ענדלעך האָסטו דאָס, צו וואָס דו האָסט געשטרעבט און וואָס דו האָסט געוואָלט — האָט זיך די מאַמע געפֿרייט, דערזעענדיק מיך מיט אַן אָפּטייל מיליציאָנערן.

— ביליק קאָסט אונדז דער נצחון — האָבן חברים איבערגעחזרט.

— זייער ביליק — האָט באַשטעטיקט אַן אַלטער קוטשער פֿון פּאָלוואַרק סטאָלפּנע.

ווען כ'בין אָבער מיט אים געווען אויף אַ רעוויזיע אין פּאָלוואַרק, איז דער אויפֿזעער פֿון דעם דאָזיקן פּאָלוואַרק — אַ געטרייער דינער פֿון גראַף פּאָטאָצקי — זענענדיק זיינע ביז דאָ נישט לאַנג געהאָרכזאַמע אַרבעטער באַוואָפֿנטע מיט ביקסן, געבליבן שטיין אַ רגע שווייגנדיק אַ פֿאַרוווּנדערטער, ווי אַ חיה,

וואָס איז צוגעשפּאַרט געוואָרן צו א תהום, נאָכדעם האָט ער זיך באַהערשט און אויסגעשריגן:

— נעמט אַראָפּ די היטלען ביי מיר אין דירה!

ווי לויט א באַפעל האָט די מערהייט מיליציאָנערן, נישט אויסשליסנדיק דעם אַלטן קוטשער, אויסגעפירט דעם באַפעל פונעם פּאָלוואַרק־אויפזעער.

— נו, וואָס הערט זיך מיטן נצחון? — האָב איך אים געפרעגט אויף צוריקוועגס.

— עס איז נאָך ווייט צום סוף — האָט ער אין פאַרלעגנהייט געענטפערט.

אין ראַטנפאַרבאַנד

נישט קיין סך טעג האָט געדויערט די פרייד פון דער מעזריטשער באַפעלקערונג. די סאָוויעטישע ארמיי איז צוריקגעגאַנגען ביז צו דער ליניע פון בוג. הונדערטער יונגע־לײַט און גאַנצע משפּחות זענען אוועק אין דער ריכטונג פון פּסס. איך בין אהין געגאַנגען מיט מײַנע ברידער עוגעניוש, אַנטאָני און מיט דער שוועסטער זאָכע. די מאַמע מיט דער איבעריקער משפּחה איז געבליבן.

— מיר וועלן אינגיכן צוריקקומען — האָבן מיר איר פאַרזיכערט. — ס'וועט קומען א סוף אויף היטלערן.

נישט געקוקט אויף דער טראַגעדיע פונעם פאָלק, האָב איך געפילט, ווי דער קאָשמאַר, וואָס איז געלעגן אויף מײַן לעבן, איז פאַרשווונדן. עס האָבן געפּלאַצט די ראַמען, וועלכע האָבן געפּענטעט דעם ווילן צו טאַט און די פרייד פון לעבן. „כ'וועל זײַן אין ראַטנפאַרבאַנד — האָב איך צענדליקער מאָל איבערגעחזרט. — גרינג איז געקומען דער נצחון און צו ביליק קאָסט ער מיך" — האָב איך געטראַכט. איך האָב זיך אליין געשטראָפט פאַר דער צוריקגעהאַלטנקייט ביים אויפנעמען דעם פאַקט, אז כ'בין אריין אין א נײַ לעבן.

מיר זענען אָנגעקומען קיין בריסק. די שטאָט, וואָס איז איבערגעפולט געווען מיט פּליטים, האָט אויפגענומען די נײַע באַלעבאַטים, וואָס האָבן איר געטראָגן אן אנדער לעבן, נײַע באַציונגען צווישן מענטשן מיט וועלט און מיט מענטש. ווי נאָענט, כאָטש קיינמאָל פריער נישט געזען, איז געווען דאָס אַלץ, וואָס האָט צוזאַמען מיט זיי זיך באַוויזן. די מעכטיקע טראַקטאָרן „סטאַליניעץ" האָבן מיט זייער רעש נישט איבערגעשראָקן, נישט געוועקט דאָס געפיל פון מורא. די געהיימעניש פון די ראָזיקע טראַקטאָרן האָבן אָן מי אַנטפּלעקט פאַר אונדז מיידלעך אין וואַטענע שפּענצערס. דווקא די מיידלעך — טראַקטאָריסטינס זענען געווען פאַר מיר די צום מערסטן געהיימענישפולע.

— ווער זענט איר חברטע? — האָב איך געפרעגט ביי איינער פון זיי. זי איז געווען פאַרנומען מיט באַזײַטיקן א קליינעם דעפעקט.

— א פויערטע פון ווײַסרוסלאַנד — האָט זי געענטפערט — מ'האָט מיך געשיקט העלפן די ברידער — ווײַסרוסן! .

אירע שוואַרצע, געדיכטע האָר האָבן ווי חוזק געמאַכט פון דער שווערקייט פונעם פוטערנעם היטל, וואָס האָט צוגעדעקט איר קאָפּ. אירע ווייסע ציין האָבן קאָנקורירט מיטן גלאַנץ פון די לעבעדיקע, שוואַרצע אויגן. „אזא איינע פירט אַ מאַטאָר, ווי אַ מיידל פון פּאָדלאַשיע פירט אַ ציג פאַר די הערנער — האָב איך געטראַכט. — וואָס שנעלער אָנקוקן די קאָלווירטישע פעלדער, דאָס גאַנצע לעבן אין קאָלווירט און אַזוי ווי זיי דאָרט אָנהייבן אַרבעטן!“.

איין פאַרוואונדערונג האָט אָנגעיאָגט די צווייטע.

— צי ווילט איר, חבר, אונדז העלפן ביים דורכפירן די פאָלקס־אָפּשטימונג? — האָט ביי מיר געפרעגט אַ סאָוויעטישער זעלנער אין אַ פּאָר טעג אַרום. — האָס געזעץ פון מיין פאַטערלאַנד פאָדערט, אַז די באַפעלקערונג זאָל זיך אַרויסזאָגן, צו וועמען עס דאַרף געהערן די פּאָלעסיער ערד. — ער האָט זיך געזעגנט מיט אונדז, פונקט ווי ער האָט זיך באַגריסט, מיט דער פשוטקייט פון אַן אַלטן, גוטן באַקאַנטן.

איך האָב געוואָלט זיין אַזוי פריי, ווי זיי. דעם פאָרשלאַג האָב איך אָנגענומען מיט פרייד. איך האָב אָבער געפילט, אַז איך שייד זיך אומעטער פון זיי. איך האָב נישט געקאָנט גלייבן אין דעם אַלעמען, וואָס האָט זיך געטאָן אַרום מיר. ווי אַזוי איז עס? זיבן און צוואָנציק יאָר האָב איך דורכגעלעבט אין פּוילן כמעט אויף איין אָרט. כ'בין צוגעצויגן געוואָרן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט לויטן געזעץ פון מיין לאַנד און קיינמאָל האָב איך נישט געהאַט קיין שטימע, קיינמאָל האָב איך נישט רעגירט. איצט דאַרף איך העלפן אין דער וואַל־אַרבעט, מע געטרויט מיר.

איך האָב אָרגאַניזירט איינעם פון די וואַל־פּונקטן. פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט האָב איך געפירט אַן אַרבעט מיט מענטשן. איך האָב זיך שוין נישט געדאַרפט אַריינגנבענען אין אַרבעטער־וווינונגען. איך האָב קיינעם נישט אויסגעמיטן. מיינע חברים זענען געווען די זעלנער פון דער סאָוויעטישער אַרמיי. כמעט אין יעדער שטוב האָט מען אונדז פאַרוואָרפן מיט פראַגן. מ'האָט געוואָלט זיך פאַרזיכערן, אַז טאַקע אויף אַן אמת וועלן שוין קיינמאָל מער זיך נישט אומקערן די פּאָליציאַנטן און סאַנאַציע־באַאַמטע.

איינער אַן אַלטיטשקער פון נאַפּטאָווע־גאַס האָט לאַנג געקוקט אויף אונדז, וועןן ער האָט דערהערט אונדזער „דזשען דאָברי" און „זדראַסטוווטיע“. אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן האָט ער אויסגעגלייכט זיין גוף. זיינע אויגן — גראָע, אָפּגעבליאַקעוועטע, וועלכע האָבן שוין מסתמא קיין שום זאַך נישט געקאָנט באַוווּנדערן, זענען פול געווען מיט טרערן. זיין גרויע, לאַנגע באָרד האָט אָנגעהויבן זיך צו טרייסלען. ער האָט באַוועגט מיטן קאָפּ — דאָ צו איין אַקסל, דאָ צום צווייטן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אונדז, נאָכדעם — אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי ער וואָלט זיין אייגענעם בליק נישט געגלייבט. ער האָט עטלעכע מאָל געעפנט דאָס מויל און מען האָט נישט געקאָנט וויסן, צי וויל ער רעדן אָדער אָפּעטעמען. דער ייִנגערער פון די זעלנער, וועלכע האָבן מיך באַגלייט, האָט געגו=

מען דעם אַלטן אונטער אָרעם און אים געהאָלפן זיך אַוועקזעצן אויף דער קאַנאַפּע, וועלכע איז געווען פאַרבעט מיטן אַן אַלטן צודעק.

— אַזוי... אַזוי — האָט אָנגעהויבן דער אַלטיטשקער. — צום ערשטן מאָל זע איך זעלנער, וועלכע רעדן אויף אַזאַ אופן צו מיר. שטענדיק בין איך פאַר זיי געווען אַ „קאַצאַפּישע מאָרדע". איר זאָגט צו מיר: פאָטער. דאָס לעצטע מאָל האָב איך דאָס דאָזיקע וואָרט געהערט מיט אַכט יאָר צוריק. מ'האָט מיר מיין זון צוגענומען פון דער היים. „דאַגה זיך נישט פאָטער" — האָט ער מיר געזאָגט ביים געזעגענען זיך. ער איז מער צוריק נישט געקומען — ער האָט צוגעגעבן אָטעמענדיק שווער. — איך האָב פון מענטשן געהערט, אַז מ'האָט אים אויפגעהאָנגען אויף אַ שטעכיקן דראָט. אין דעם דאָזיקן יאָר האָט מען אַ סך אַלטע לייט פאַריתומט — האָט ער ווייטער געזאָגט. — פון יענער צייט אָן זענען אָפט געקומען צו מיר פּאָליציאַנטן און סעקוועסטראַטאָרן, געבראַכט מיט זיך באַפעלן, געזוכט ביי עמעצן אַנדערן די זין.

די ווערטער פונעם אַלטן האָבן געוועקט אַן אומרו וועגן גורל פון די נאָענטסטע, וואָס זענען געבליבן אין דער היימשטאָט. וואָס קומט זיי איצט אויס דאָרט אויסצושטיין אונטערן צוויי־פאַכיקן יאָך?

איך האָב נישט באַגעגנט קיין שום שוועריקייטן ביים בלייבן אין בריסק. מיט די ברידער, מיט דער שוועסטער און מיט עטלעכע באַקאַנטע האָבן מיר צוזאַמען געוווינט אין עפּעס אַ פאַרלאָזענעם קאָאָפּעראַטיוו־מאַגאַזין. די אַרבעט, וואָס איך האָב געטאָן, האָט מיר געגעבן אַ סך באַפרידיקונג. זי האָט אָבער נישט געקאָנט שטילן דעם נייגיר צום לעבן טיף אין ראַטנפאַרבאַנד, ווו דאָס נייע האָט שוין אָפּגערוימט די שפורן פון דער פאַרגאַנגענהייט. סוף אָקטאָבער האָב איך זיך פאַרשריבן צוזאַמען מיט מיינע אייגענע צו פאָרן טיף אין ראַטנפאַרבאַנד. אויפן פענצטערל, ווו מען האָט פאַרשריבן איז געהאָנגען אַ שילדל: „אויפן וויַטן מזרח". „וואָס טיפער אין ראַטנפאַרבאַנד און וואָס לענגער און וואָס מער קוקן אויף דער סאָוויעטישער ערד" — האָב איך געטראַכט, ווען מ'האָט גענומען גרייטן דעם טראַנספּאָרט, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט דער אינזשיניער י.

— אַנטשולדיקט — האָט ער זיך געווענדעט צו אַלעמען בעת דער רייזע — אויב איך וועט עפּעס וואָס פעלן. קומענדיק אויפן אָרט וועלן מיר זיך אַלץ אָפּנעמען — האָט ער שמייכלענדיק געזאָגט.

די אומאָליקע גרענעץ זענען מיר דורכגעפאָרן פאַרנאַכט. עס האָבן אונדז באַגריסט לאָזונגען פון די אייזנבאַנער־שטיבלעך. פרויען און קינדער האָבן פריינדלעך אונדז באַגלייט מיט אויסגעשטרעקטע הענט. אָט איז די גרענעץ, פאַר וועלכער עס האָט געצאָלט דער אַלטיטשקער פון בריסק. פאַר מיינע אויגן זענען אויפגעקומען הונדערטער חברים, ווייסרוסן און אוקראַינער. באַזונדערס בולט האָב איך געזען דאָס רואיקע געזיכט פונעם ח' ה. פון הינטער קאָוועל. איך האָב אים באַגעגנט אין פּיאָטרקאָווער תפיסה. מאַקע אין דער צייט, ווען דער אַל-

טיטשקער פון נאפטאָווע־גאס האָט פארלוירן דעם זון, האָט דער ה׳ ה. פארלוירן דעם טאטן און ברודער. דער ברודער איז אומגעקומען אין פעלד. דעם טאטן האָט די פאָליציי דערמאָרדעט ביינאכט בעתן שלאָפן און, וועלנדיק פארווישן די שפורן האָט זי אונטערגעצונדן דעם שייער, אין וועלכן זי איז באגאנגען דעם מאָרד. די מוטער פונעם ארעסטאנט האָט וועגן דעם אלעמען רואיק געשריבן. „זאָלסט אויסהאלטן מיין זון" האָבן גערופן די ווערטער פון איר בריוו, וואָס איז געווען געשריבן נישט אָן פעלערן, ווייל זי האָט צו אים געמעגט שרייבן בלויז אין דער פרעמדער פאר איר פוילישער שפראך, איך האָב געזען איר פאָטאָגראפיע. זי איז געווען אָנגעטאָן אין א שווארץ, פשוט קלייד פון א פויערטע. דער וועכטער האָט די פאָטאָגראפיע דורכגעלאָזן, נישט געקוקט אויף דעם פארבאָט. איר פנים האָט נישט געהאט קיין אויסדרוק פון ווייטיק אָדער פון איינברעכן זיך; עס האָט פון איר, פונקט ווי פון די ווערטער פון איר בריוו, געאָטעמט מיט רואיקייט און אנטשלאָסנקייט. און איר זון אין תפיסה איז געווען ענלעך צו דער מאמען אויף דער פריי.

ווען דער צוג איז אָנגעקומען אויף איינער פון די פיל סטאציעס, האָט אונדז באגריסט א דעלעגאציע פון אָרטיקן שטאָטישן ראט און פון פארטיי־קאָמיטעט.

— צוואנציק יאָר האָבן מיר געווארט אויף דעם מאָמענט, אויף דער באפרייונג פון דער פארפייניקטער ערד פון אונדזערע ברידער־ווייסרוסן — האָט געזאָגט א יונגע פרוי אין א ווייס ווארעם טיכל. — עס וועט אויך זיכער קומען דער מאָמענט צו באפרייען די פאָליאקן און ס׳וועט א סוף נעמען צו אייערע צרות. אייער פאָטערלאנד וועט זיין פריי.

דאָ האָט מען אונדז אויך געמאָלדן, אז אונדזער טראנספּאָרט וועט נישט גיין ווייטער. מ׳האָט אונדז פאָרגעלייגט ארבעט אין דער געגנט פון פאָליעסער פיאָטרקאָוו. אהין זענען מיר געפאָרן מיט אויטאָמאָבילן.

היינט געדענק איך שוין נישט, ווי אזוי עס האָט געהייסן דער קאָלווירט. אין וועלכן מיר האָבן געוווינט. איך וועל אָבער קיינמאָל נישט פארגעסן די טעג, וועלכע איך האָב דאָרט דורכגעלעבט, די באגעגעניש מיט די דאָרטיקע מענטשן. „צי איז עס נישט צופיל גוטס?" — האָב איך געטראכט, ווען גייענדיק צו דער ארבעט האָב איך נישט געדארפט זאָרגן פאר וואָס, פון וואָס און אויף וואָס פאר אַן אופן וועל איך זיך צוגרייטן אַ פרישטיק, אַ מיטאָג, אַן אָוונט־ברויט. אויפן אָרט איז געווען א קיך. געלט האָט מען אונדז ארויסגעגעבן פאָרויס. דער געביט פון דער ארבעט איז גלייכצייטיק געווען דער געביט פון באגעגענישן צווישן מענטשן, וועלכע עס האָט פאראייניקט די געמיינזאמע פאר אלעמען פארשטענדלעכע גרויסע זאך. פון דאנען האָט מען געזען דאָס לעבן פון ראטנלאנד און אויך אונדזער אייגענעם וועג, וואָס איז פול געווען מיט וונדערבארע פערספעקטיוון.

אזוי פריי האָב איך זיך געפילט אמאָל, אין דער קינדהייט, ווען מיר האָט זיך איינגעגעבן אָן דער קאָנטראָל פונעם טאטן אָדער פון דער מאמען צו פאר=

לאָזן אויף א רגע אונדזער אייגענעם הויף. די זאָרג פון דער מאַמע פאַר אונדז איז פאַר איר געווען א צוגאָב־שווערקייט. אויף אונדז האָט די האַזיקע זאָרג אויך געדריקט, זי האָט ביי אונדז צוגענומען דעם גרעסטן פאַרגעניגן: ארויסרייסן זיך אין דער גרויסער וועלט. ארום זענען געווען נישט אונדזערע פעלדער, לאָנקעס און וועלדלעך, און אויף די וועגן האָבן די קינדער פון די באַלעבאַטים געקאָנט אונדז שלאָגן פאַרן שרעקן די בהמות. עס איז אָבער נישט געווען אזא קראַפט, וואָס זאָל מיר קאָנען אָפּהאַלטן פון ארײנקריכן אין דער טיפעניש פון קאָרן, וואָס האָט צו זיך געצויגן מיט טויזנטער ריחות, בלומען־קאָלירן, און וואָס עס האָט צוגעזאָגט אַלץ נייע איינדרוקן. אפילו די פעלד־פערדלעך האָבן אויסגעמיטן דעם ענגן הויף, וואָס האָט קיין גראָז נישט געהאַט. א האָז איז געווען פאַר מיר אַ געהיימעניספולער, גליקלעכער איינוווינער פון די פאַרבאָטענע רוימען. אומגעשטערט הורך קיינעם בין איך געלאָפן פאָרויס גלייבנדיק, אַז כ'וועל טרעפן דאָס, וואָס מיר פעלט. אפשר וועט עס זיין א ברויט, אפשר עפּעס אַנדערש — דאָס האָב איך אליין נישט געקאָנט זיך פאָרשטעלן. עס האָט געדאַרפט זיין עפּעס אזוינס, א גאָר נויטווענדיקס.

איצט בין איך צום ערשטן מאָל געגאַנגען אין א לעבן, וואָס איז פול געווען מיט ענינים און אויפגאַבן, צו וועלכע איך האָב געבענקט שוין אלס דערוואַקסענער.

דעם גאַנצן פאַרנעם פון דער גרויסער בוויונג האָב איך דערקענט אַדאַנק דעם אינזשעניער י. ער איז אַלט געווען אַ יאָר פופציק, אָבער צו יעדן ענין איז ער צוגעגאַנגען מיט אזא ברען, ווי אן אכצניעריקער יאַט.

— דו וועסט זיין ביי אונדז דער אָנפירער פון דער גאָרקיך — האָט ער מיר פאָרגעלייגט.

— כ'וועל עס נישט זיין — האָב איך געענטפערט — קיין שום קוואַליפיקאַציעס דערצו האָב איך נישט — דאָס איז ערשטנס; צווייטנס בין איך צו אייך געקומען, כדי צו ארבעטן דאָרט, ווו עס איז צום נייטיקסטן. כ'וויל זיין נוצלעך, כ'וויל זיך אויסלערנען א פאַך אלס שלאָסער, אלס סטאָליער, אלס שמיד. ביי אייך אויף דער בוויונג זענען פאַראַן שלאָגלער און זייערע פּאָטאָגראַפיעס באַצירן דאָס קולטור־הויז. פאַרשטייט, אז איך, אין פוילן, האָב א גאַנץ לעבן מקנא געווען די קוואַליפיצירטע ארבעטער, וועלכע האָבן אַלע טאָג געאַרבעט, האָבן געהאַט באַשטימטע און שטענדיקע פליכטן, האָבן געוווּסט ווער זיי זענען, וואָס עס געהער צו זיי און וואָס עס דערוואַרט זיי — און איך? דעם גרעסטן טייל פון מיין לעבן בין איך געווען אן ארבעטלאָזער. איך האָב זיך נישט אויסגעלערנט אויסצופירן די פונקציעס, וואָס זענען נייטיק דער געזעלשאַפט. די געזעלשאַפט האָט זיך געקאָנט באַגיין אָן מיר און דאָס האָט מיך שטאַרק דערדריקט.

— לויט אייך קומט אוים — האָט געזאָגט דער אינזשעניער — אַז אַן אַדמיניסטראַטאָר איז עפּעס א מין נישט נייטיקער מענטש. א פאַרוואַלטער פון א קיך איז זייער א נייטיקער מענטש. קוקט זיך גוט צו צו אונדזערע אַרבעטס־שלאָגלער. נעבן אַן אַרבעטער — אַן אינזשעניער, נעבן אַן אינזשעניער — אַ רוימעריז, נעבן א קעכער און קעלנערין — א מאַשיניסטקע. עס איז נישט פאַראַן קיין סטאַכאַנאָוועצעס־פאַך, עס איז פאַראַן א באַציונג צו אַרבעט, וואָס הייסט — סטאַכאַנאָווישע באַציונג.

איך האָב אים פאַרשטאַנען און האָב אָבער פאָרט בעסער געוואָלט אַן אַרבעט ביים בויען, אין טאַרטאַק. די אַרבעט איז דאָ נישט געווען ענלעך צו דער, וואָס איך האָב געטאָן אין פוילן. דאָרט זענען די אייציקע אינסטרומענטן געווען א האַק, א גראָב־אייזן און די הענט פונעם אַרבעטער גופא, פאַר וועלכע קיינער האָט נישט געזאָרגט. דאָ, ביי דער בוינג, זענען געשטאַנען באַראַקן, אויב דאָס אָרט איז ווייט געווען פון א דאָרף. יעדער האָט באַקומען א געלעגער, פלעגט אָפּגעבן די וועש צום וואַשן. מ'האָט געקאָכט מיטאָג, פרישטיק און אָוונט־ברויט. אין אָוונט פלעגן די אַרבעטער זיך צונויפקומען אין קולטור־ווינקל, ווו מ'האָט געלייענט צייטונגען, גענומען ביכער, דערקענט די מעטאָדן פון דער אַרבעט, ביי וועלכער זיי זענען געווען באַשעפטיקט. מען פלעגט צוזאַמען באַהאַנדלען פראַגן, ווי אַזוי טאָן די אַרבעט, אַז זי זאָל זיין שנעלער. מעכאַניקע עקסקאַוואַטאָרן, מעכאַנישע זעגן, אויטאָמאָבילן, האָבן אויסגעפירט צענדליקער פונקציעס, אַזעלכע, איבער וועלכע איך האָב זיך אַמאָל אָן שום רעזולטאַטן געמאַטערט. טראַקטאָרן האָבן אַרויסגעריסן פעלדזן, מ'האָט זיי אפילו אויפגעריסן מיט דינאַמיט. פאַר מיר איז דאָס אַלץ געווען ניי און זייער אינטערעסאַנט.

שוין אין עטלעכע טעג אַרום, ווי איך בין צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, האָט מען מיר אָנפאַרטרויט צו זיין א בריגאַדיר פונעם פעלד־טאַרטאַק. כ'בין שטאָלץ געווען דערמיט, וואָס איך האָב אָרגאַניזירט די אַרבעט אין דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט. איך האָב זיך געלערנט פון די סאָוויעטישע מענטשן.

— שעמט זיך נישט, אויב איר וועט עפּעס נישט באַווייזן צו טאָן — האָט זיך צו אונדז געווענדט דער דירעקטאָר פון דער קאָלווירמישער צענייאָריקער שול. — ביי אונדז באַווייזט א מענטש אַלץ צו טאָן. אַמאָל בין איך דאָ, אין דעם דאָזיקן דאָרף געווען א פאַסטעך. איז געקומען די ראַטנמאַכט און כ'בין געוואָרן א פעדאַגאָג.

אין די אָוונטן פלעגן מיר פאַרברענגען אין דער שול. יעדער איינער פון אונדז האָט געוואָלט וואָס שנעלער דערלערנען די רוסישע שפּראַך. אַזויפיל ביכער און זשורנאַלן איז פאַראַן אין קולטור־ווינקל! איך האָב דערויף געקוקט מיט די אויגן פון די פאַרגאַנגענע יאָרן, ווען דער הונגער אין געדרוקטן וואָרט איז גלייך געווען צו דעם כמעט קיינמאָל נישט געשטילטן ברויט־הונגער.

— און נאָך עפּעס וויל איך אייך זאָגן — האָט געוויינלעך דערמאָנט דער דירעקטאָר. — די געביידע פון אונדזער שול איז א טראַדיציאָנעל־גאַסטפריינד־

לעבע און פארטראָגט נישט, אַז מען זאָל זי אויסמיידן. אמאָל פלעגט גיין אהער דער פויער, כדי צו באקומען שמיץ פון פריץ, היינט גייט אהער דער קאָל־ווירטניק, כדי צו באקומען בילדונג.

איך האָב אלץ שטארקער געפילט די באדייטונג פון זיינע ווערטער, ווען ער פלעגט זאָגן, אַז ער איז ערשט געבוירן געוואָרן אין 1917 יאָר. איצט האָב איך אויך געפילט, אַז איך הייב אָן צו לעבן. איך האָב מער נישט געדארפט אויסמיידן דאָס, וואָס האָט מיטגעריסן, נאָך וואָס איך האָב געבענקט. אויך איצט האָב איך איבערגעלעבט אַן אומרו, אזוי ווי אמאָל, אין די קינדער־יאָרן, אָבער געווען איז עס אַן אומרו פון פרייד און האָפענונג. ער איז ביי מיר גע־בוירן געוואָרן אויף יעדן שריט אויף דער סאָוועטישער ערד.

ווען כ'בין געשטאַנען אויף דער טריבונע אינעם יאָרטאָג פון דער רעוואָלו־ציע לעבן די שלאָגלער פון קאָלווירט, לעבן די סטאכאנאָוויצעס פון דער בוינג, האָב איך געהערט די פראָסטע רייד וועגן די גרויסע אויפטוען, פון וועלכע עס באשטייט זייער טאָג־טעגלעכע ארבעט. איך האָב זיי מקנא געווען די פרייד, וואָס איז נישט געשטערט געוואָרן דורך קיין שום ספקות. דער רעדנער האָט זיך געווענדעט צו זיי און צו אונדז, פליטים.

— נישט בלויז גאסטפריינדלעכקייט ווייזט אייך ארויס אונדזער ערד, — האָט ער געזאָגט — פון דאַנען וועט איר נישט פארלירן פון אויג די אָנקומענ־דיקע פרייהייט פאר אייער לאנד. מיר ווילן זי, די פרייהייט, צוזאמען דערגרייכן דערגאָ־בערן און עס וועט אונדז נישט קאָנען שטערן דערין די נייע טארגאָוויצע פון די בעקס און רידז־שמיגלים.

לאַנג און צום ערשטן מאָל אויף אַזא אופן האָב איך אויך געטראַכט צו די פארזאמלטע אין דעם דאָזיקן טאָג.

דער וויינקעדיקער פויער יוזעף וו. פון הינטער לוקאָוו האָט אין זיין לעבן קיינמאָל נישט געטראַכט אויף קיין מיטינגען.

— איך וועל פרוון — האָט ער מיר שטיל איינגערוימט. מ'האָט אים גע־געבן א וואָרט, — אויף פויליש וועל איך אייך זאָגן, אַז מ'האָט אונדז אָפגע־נארט — האָט ער אָנגעהויבן זיין רעדע. — מ'האָט ליגן געזאָגט, אַז דאָ, ביי אייך, ווען מ'פאראייניקט די ערד האָט קיינער נישט קיין אייגנטום. מ'האָט אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן נישט הערן די קאָמוניסטן. איצט האָבן מיר גארנישט: נישט קיין ערד, נישט קיין היים, נישט קיין לאנד. דער גלח האָט געדראָט מיט גיהנום, אויב מיר וועלן אויפהערן גאָט בעטן, ער זאָל אָפווענדן פון אונדז די אי־בערקערעניש. און איצט זע איך דאָ, אַז עס זענען פאראַן באַזונדערע כאַטעס, חזירים, אזוי ווי ביי אונדז, נאָר קיין פאַנעס זענען נישט פאראַן און קיין וואָיטן, וואָס שינדן די הויט פאר שטייערן זעט מען אויך נישט. די שול איז א גרויסע, די קינדער זענען ביי די מאַמעס און זיי אלע לערנען זיך, און וואָס נאָך דארף א פויער? כ'ווייס נישט, צי איר האָט מיך פארשטאַנען, גראָזשדאַניע? — האָט ער פארענדיקט.

— יעדעס וואָרט — האָט מען אים געענטפערט.

דאָס האָט ער טאקע זיך געוווּנדערט נאָכן קומען אין ראטנפארבאנד, וואָס דער קאָלווירטישער ישוב איז א נאָרמאל דאָרף מיט באַזונדערע כאַטעס. אמאָל האָט ער געגלייבט דער אנטיקאָלווירטישער פּראָפּאַגאנדע אין פּוילן. איצט האָט ער נישט געוואָלט צוריקפאָרן פון בריסק צו זיך אין דאָרף אויף יענער זייט. איצט האָט ער זיך דערפרייט, וואָס זיינע קינדער וועלן אויך גיין אין שול און ער וועט שוין נישט האָבן זיך צערייסן צווישן דער אַרבעט ביי זיך אויפן בּעקער און ביים קולאַק.

איך האָב זיך אויך געפרייט נישט בלויז מיטן אייגענעם גליק. טאָלעק איז שוין אַלט געווען 21 יאָר. צום ערשטן מאָל האָט ער איצט באַקומען אַן אַרבעט. פון פערצנטן לעבנס־יאָר איז ער קיינעם נישט נייטיק געווען. איצט האָט ער געאַרבעט צוזאַמען מיט געניעקן און איז געווען א סטאַכאַנאָוויעץ. זיי ביידע האָבן ספּעציעל אויסגעקליבן די שווערסטע אַרבעט. „מיר האָבן זיך שוין אויסגערוט אין זשעטשיצע — האָבן זיי געזאָגט. — איצט דאַרף מען עס אָפּאַרבעטן“.

אינגיכן זענען מיר איבערגעגאַנגען אַרבעטן אין טאַרטאַק „פּראָלעטאַרי“ אויף דער סטאַציע מאָזיר. נאָכן באַקענען זיך מיט אונדז, האָט דער דירעקטאָר פונעם טאַרטאַק אונדז געמאָלדן:

— כ'ווייס, אַז איר האָט נישט אויסגענוצט דעם אורלויב, וואָס קומט אייך, דעריבער וועט איר צו דער אַרבעט קומען אין א וואָך אַרום. פאַר דער צייט וועט איר אין דער גאָרקיד באַקומען עסן אומזיסט.

— ס'וואָלט ריכטיקער געווען צו זאָגן, אַז מיר האָבן נאָך אפילו נישט באַוויזן רעכט זיך אומצוקוקן, און נישט זיך אָנהאָרעווען — האָב איך זיך באַמיט צו דערוווידערן דעם דירעקטאָר.

— דאָס איז נישט מיין באַשלוס. די מענטשן פון אונדזער טאַרטאַק האָבן אַזוי באַשלאָסן — האָט ער געזאָגט און מיר געגעבן א צעטל אויף באַקומען א דירה און א פאַראָרדענונג אין מאַגאַזין.

— אַזוינס איז נאָך אין אונדזער לעבן נישט געווען — האָט אַן אויפגערודערטער זיך אָפּגערופן דער ברודער אַנטאָני, באַטראַכטנדיק דעם דירעקטאָרס פאַראָרדענונג — א דרייצימערדיקע דירה מיט א ראַדיאָ־רעפּראָדוקטאָר. דאָס פאַרשטיי איך. דירה־געלט וועלן מיר צאָלן גאָר א קלייניקייט. אָבער — ער האָט דערביי אויסגעשפּרייט דעם דירעקטאָרס צעטל און קאָליעטשנדיק די רוסישע שפּראַך האָט ער אָנגעהויבן צו לייענען — „אַרויסגעבן אומזיסט פיר בעטן, צוויי טישן, א קליידער־שאַנק, זעקס בענקלעך, א קיך־שאַנק, פיר מאַטראַצן, פיר קאָלדרעס, אַכט ליילעכער, אַכט פּאָר וועש, אַכט האַנטעכער, פיר פּאָר שיך, פיר פּאָר וואַליקעס, פיר קאָמפּלעטן וואַטענע קליידער, פיר ווינטער־היטלען, הענטשקעס און גאָז־טיכלעך צו פיר פּאָר. מאָזיר, דעם 11־טן דעצעמבער 1939 יאָר“.

צום ערשטן מאָל האָבן אין אונדזער וווינונג געברענט עלעקטרישע לעמפּלעך. אונדזער פרייד האָט בלויז געשטערט די זאָרג וועגן דער מאמען. „פאַרוואָס האָבן מיר נישט געווירקט אויף איר — האָבן מיר זיך איינער דעם אַנדערן פאָרגעוואָרפן — אַז זי זאָל פאָרן צוזאמען מיט אונדז“. די יונגט פלעגט אונדז ברענגען בילעטן אין קינאָ, אויף פאָרשטעלונגען פון די אמאטאָרישע קרייזן, פון גאסטראָלירנדיקע טעאטערס, אויף טאַנץ־פאַרווײַלונגען.

אײַנגיכן האָט מען מיר פאָרגעלייגט דעם פּאָסטן פון א בראַקער. „מ׳זעט, אַז איר קענט זיך אויף וואַלד־מאַטעריאַלן“ — האָט צו מיר געזאָגט דער פאַרוואַלטער פון מאגאזין. פון אָנהייב האָב איך געמיינט, אַז ער חכמהט זיך. אָדער איך האָב אים שלעכט פאַרשטאַנען. א בראַקער — דאָס איז געווען איינער פון די, וועלכע איך האָב שטענדיק מקנא געווען, צו וועמענס מדרגה איך האָב נישט געקאָנט דערגרייכן אין פּוילן. עפּעס אַן אומבאַקאַנטע פרייד איז אַרײַן אין מיר, זינט מ׳האָט מיר אָנפאַרטרויט דעם דאָזיקן פּאָסטן. דער אַרבעטס־טאָג איז שטענדיק געווען א צו־קורצער. איך האָב געלייענט א סך פאַך־ליטעראַטור, אין צוקלייבן אַזאַ ליטעראַטור האָבן מיר געהאָלפן דער דירעקטאָר, דער סעקרעטאַר פון דער אָרטיקער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און דער פאָרזיצער פון פּראָפעסיאָנעלן פאַרײַן. אין עטלעכע חדשים אַרום בין איך געוואָרן באַשטימט אַלס עלטערער בראַקער. אין די עטלעכע חדשים האָב איך דערגרייכט דאָס, צו וואָס איך האָב אומזיסט אין משך פון א סך יאָרן געשטרעבט, ריכטיקער געזאָגט — געטרוימט. דאָס לעבן האָט איצט אויפגעהערט צו גיין פאַרבײַ מיר, איך בין געוואָרן זײַנס א באַשטאַנדטייל.

אין 1940 יאָר האָבן מײַנע ברידער און די שוועסטער חתונה געהאַט. צום פולן גליק האָט אונדז בלויז געפעלט די מאַמע, מיר האָבן זי געוואָלט זען אין אונדזערע היימען און כאָטש אביסל אָנוואַרעמען אירע פאַרגאַנגענע קאַלטע און שטרענגע יאָרן. איר גלויבן איז געווען, אַז גויט האָט קיין גרענעץ נישט. איך האָב שטאַרק געוואָלט זי זאָל גלייבן, אַז עס קאָן זײַן אַנדערש.

דאָס אָפּטרעטן בעת די יולי־טעג איז דאָ נישט ענלעך געווען צו די סעפּטעמבער־טעג אין פּוילן. דאָס איז נישט געווען קיין לויפעניש פון מענטשן אין דער אומבאַוווּסטקייט, אַזוי ווי אין וואַרשע. דאָס איז געווען א פּלאַן, וואָס האָט זיך בעשטיצט אויפן גלויבן אין נצחון, אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט מיט זיי אָנגעפירט ביים בויען דאָס פרידלעכע, בעסערע לעבן.

די מלחמה האָט מיך צעשיידט מיט מײַן פאַמיליע.

איך האָב זיך געפונען אין סטאַלינגראַד. איך האָב באַשלאָסן אַרײַנצוטרעטן אין שיקאָרסקים אַרמיי — אַזוי האָט מען דאַן אָנגערופן די באַוואָפנטע כוחות פון דער עמיגראַציע־רעגירונג. „דאָרט, וווּ עס זענען די מאַסן — דאָרט זענען די קאָמוניסטן“ — האָב איך באַשלאָסן.

פון סטאַלינגראַד בין איך געפאָרן קיין אקטיובינסק. אינעם צוג צווישן דער סטאַציע וויערכני באַסקונטשאַק און עלטאָן האָב איך צום ערשטן מאָל באַגעגנט פאַרשטייער פון דער פוילישער ארמיי. פּיקאַנטיקע היטלען, אָדלערס... דאָס האַרץ האָט מיר געגומען האַסטיקער קלאַפּן. „ענדלעך האָבן זיי פאַרשטאַנען, ווער עס איז דער שונא, און ווער דער פרייַנד" — האָב איך געטראַכט. איך האָב אָבער נישט געוואָגט אָנצוהייבן מיט זיי קיין שמועס. נישט געקוקט אויף אַלץ האָט דער מאַיאָר און דער סערזשאַנט נישט דערוועקט ביי מיר קיין צוטרוי און כ'האָב זיך נישט געקאָנט פאַרשטעלן, אַז כ'זאָל זיי פאַרטרויען. כ'האָב קודם געוואָלט הערן וועגן וואָס זיי שמועסן צווישן זיך, צי האָבן זיי ווירקלעך פאַרשטאַנען די איצטיקע סיטואַציע. זייער שמועס האָט זיך אָבער באַגרענעצט צו גאָרנישט זאָגנדיקע ווערטער.

— מיר וועלן עפּעס עסן? — האָט געפרעגט דער מאַיאָר.

— דעציזירט איר, פּאַניע מאַיאָר — האָט געענטפערט דער סערזשאַנט.

ווען זיי האָבן צום דריטן מאָל זיך גענומען צום עסן, האָב איך ביי זיך באַשלאָסן צו „אנטפּלעקן זיך". איך האָב געוואָלט געניסן פון די גרויסע זאַפּאַסן פונעם מאַיאָר, ווייל צוויי טעג האָב איך שוין נישט געהאַט געגעסן. עס איז מיט מיר געשען אַזוי, אַז אויף דער סטאַציע וויערכני באַסקונטשאַק בין איך אויסגעשטיגן, כדי צו קויפן א הייסן מיטאָג; דער צוג, מיט וועלכן איך בין געפאָרן איז אוועק צוזאַמען מיט מיין טשעמאָדאַן, מיטן עסן און מיט דעם היטל. איצט, פאָרנדיק מיט די פוילישע מיליטער-לייט, האָב איך עס זיי דערציילט. זיי האָבן אויסגעהערט עסנדיק קאָנסערוון.

— ה...ם יאָ, יאָ — האָט געזאָגט דער מאַיאָר און האָט געהייסן דעם סערזשאַנט באַהאַלטן אין רוקזאַק דאָס נישט דערעסענע קעסטל קאָנסערוון און די סוכאַרעס.

דער חודש מערץ איז אין אקטיובינסק געווען געפּענטעט דורך דעם שטרענגען ווינטער. די מאָביליזאַציע-קאָמיסיע האָט דאָ שוין נישט געאַרבעט. אין דער דעלעגאַטור האָט מען מיר געעצהט צו וואַרטן, אָדער אַרויסצופאָרן אויפן דרום. אין דעם אינטערנאַט פאַר פאָליאַקן האָבן בלויז איינצלנע געהאַט א באַשטימטע אַרבעט. דער קאָמענדאַנט פונעם פונקט, דער פּאַן יאַן האָט געמאַכט סקאַנדאַלן די אַלע, וועלכע האָבן אים נישט געוואָלט העלפן אין זיינע מאַרק-אָפּעראַציעס.

— איר הערט, צי ניין? — האָט ער געדראָט — די דעלעגאַטור האָט מיר געגעבן אַזעלכע רעכט, אַז כ'קאָן יעדן אַרויסוואַרפן פון דאַנען צו אַלדי שוואַרץ יאָר.

איך האָב וועגן דעם אינטערוועניִרט ביי דער דעלעגאַטקע.

— בירגערין — האָב איך זיך צו איר געווענדעט — מען דאַרף מאַכן א סוף צו די באַציונגען, וואָס הערשן דאָרט.

— כ׳בין נישט קיין „בירגערין“ — האָט די דאמע רעאגירט. — כ׳בעט זיך ווענדן צו מיר פער פאני.

— ווער זשע, אויב אזוי, האָט ביי אייך צוגענומען די בירגער=רעכט? — האָב איך איראָניש זי געפרעגט.

— כ׳וועל רופן מיליץ, אויב איר וועט גלייך נישט פארלאָזן די רעלעגאטור — האָט זי געדראָט.

איך האָב זיך בלויז געוואונדערט, פארוואָס זי האָט די דאָזיקע דראָונג נישט געמאַכט אין דער ענגלישער אָדער פראַנצויזישער שפּראַך, ווייל בלויז מיט די דאָזיקע שפּראכן האָט מען זיך דאן באנוצט אין דער רעלעגאטור.

כ׳בין אוועקגעפאָרן קיין ארים. אָבער אויך דאָרט האָב איך שוין נישט געטראָפן די מיליטערישע קאָמיסיע. פון די פּאָליאקן, וואָס האָבן זיך דאָ ארומגעשלעפט האָב איך זיך דערוווּסט, אז די גאנצע רעלעגאטור האָט שנעל ליקווידירט אירע ביוראָען און איז ארויסגעפאָרן קיין פּערסיע, איבערלאָזנדיק דאָ די מענטשן אָן שום אויפזיכט. עס איז געבליבן בלויז איין אָפיצער צו געבן אינפאָרמאציעס די אזויגערופענע „מיליטערישע ספּעציאַליסטן“. צו דער דאָזיקער קאטעגאָריע האָבן זיי פאררעכנט אלע, וואָס האָבן געהאט שטערנדלעך אין דער סאנאציע=פּאָליציי, מיליטער און זשאנדארמעריע. בלויז פאר זיי האָט ער געזאָרגט און פאר זיי האָט ער געהאט שפּייז=זאפּאסן. מיט די איבעריקע האָט ער אפילו רעדן נישט געוואָלט. העכסטנס, וואָס ער האָט געקאָנט טאָן פאר די פארלאָזענע, איז זיי איבערגעבן אין אַ פּעסימיסטישן טאָן:

איר קאָנט אין לעצטן פאל פאָרן קיין יאנג=יול אָדער קערמינע. כ׳צווייפל אָבער צי איר וועט דאָרט עמעצן נאָך טרעפן.

אין קערמינע איז דער ווינטער געבליבן בלויז אויף די העכסטע בארג=שפּיצן. דאָרט האָט אין דער הימל=בלויקייט געבלאנקט דער שניי איבערן ים פון סטעפּישער גרינקייט, באגיסנדיק די טאָלן מיט האסטיקע שטראָמען ריין און אייז=קאלט וואסער. דער ווינטער איז נאָך ערגעץ געווען, אָבער דאָ האָט ער שוין נישט געהערשט.

איידער כ׳האָב זיך ארייננעקריגן אין גארניזאָן, האָב איך ווי אנדערע הונדערטער אָנקומענדיקע, געמוזט אויסגעבן דאָס גאנצע ביסל געלט, וואָס איך האָב געהאט. די סערזשאנטן און אינספּעקציע=אָפיצערן האָבן געמוזט באקומען בראָנפן, טאַבאַק — אָן דעם איז שווער געווען אָנצוקומען צו דער קאָמיסיע. די קאָמיסיע האָט געזאָגט, אז איך בין געזונט און דער אינטענדענט — אז מיין אָנצוג איז א גוטער און כ׳דארף אים נישט טוישן פארן ארויספאָרן קיין איראן.

עס איז נישט שווער געווען צו אָבסערווירן, אז אינעם מיליטער איז נישט געווען קיין קאמפּס=גייסט. די אָפיצערן און אונטעראָפיצערן האָבן בלויז גערעדט וועגן די רייזעס, וואָס שטייען זיי פאָר, דורך ווייסטענישן און עקזאָטישע לענדער. קיין שום ידיעות פון פראָנט, וועגן די העלדישע קאמפן פון דער סאָוויעטישער

ארמיי, זענען אהער נישט דורכגעדרונגען, נישט פון די צייטונגען, נישט פון די שמועסן. פארקערט. מ'האָט זיך דערציילט אויפן אויער וועגן די געוואלדיקע פארלוסטן פון דער ראָזיקער אַרמיי און געגעבן אָנצוהערן, אַז אונדזער ארויספאָרן האַרף אויסהיטן דאָס פוילישע מיליטער פון אַן ענלעכן גורל. „דער מערב גרייט זיך צו מאכן א טאָלק מיט אַלץ". — האָט מען איבערגעחזרט. דאָס איז געווען אַן אָנצוהערעניש, וואָס האָט אָנגעזאָגט די מפּלה פון דער סאָוויעטישער ארמיי. אפילו פאר סעפטעמבער 1939 יאָר אין פוילן האָב איך נישט באגעגנט אזויפיל שנאה לגבי דעם ראטנפארבאנד, ווי איך האָב עס געטראָפן צווישן די פוילישע אָפיצערן אויף דער סאָוויעטישער ערד. דער גאנצער אָפיצערן־קאָרפּוס איז געווען ענלעך צו אַן אָ.נ.ר.[1]־אָרגאַניזאַציע פאַר אַן אַקציע קעגן סטראַגאַנעס, און נישט אויף קיין אָנפירער אין קאמף קעגן היטלערן.

ווי פיל אנדערע זעלנער בין איך ארויסגעטראָטן קעגן אזעלכע שטימונגען.

— די פארנעמסט זיך מיט פּאָליטיק — האָבן מיר אויפמערקזאם געמאכט די קאפראלן.

— כ'וויל קעמפן, און דעריבער בין איך קעגן ארויספאָרן קיין איראן — האָב איך געענטפערט.

נאָך איינעם אזא שטרייט מיט א סערזשאנט, איז אין מיין געצעלט געקומען בייגאכט א זעלנער, אן עלטערער מאנספארשוין, מיטן אויסרייד, אז ער זוכט א באקאנטן פון זיין געצעלט. ער האָט מיר אָנגעהויבן צו וואָרענען.

— מען שפירט דיר נאָך — האָט ער געזאָגט. — גיב אכטונג, ווייל ביי אונדז קומען אום מענטשן. טאקע אזעלכע קומען אום, וועלכע האָבן גערעדט דאָס זעלבע, וואָס דו. עס איז ווייניק פאראן גוטע אָפיצערן. דאָס זענען אַלץ גרויסע פאנעס — האָט ער מיר אָנגעזאָגט.

אויף צומאָרגנס האָט דער וואך־אונטעראָפיצער מיך גערופן אין לאָקאל פון דער מאָביליזאציע־קאָמיסיע.

— אויף וואָס קלאָגט איר זיך — האָט געפרעגט א דאָקטער — א מאיאָר.

— איך האָב מיך אהער נישט געמאָלדן — האָב איך געענטפערט, נישט וויסנדיק וועגן וואָס עס האנדלט זיך.

— טוט זיך אוים — האָט ער געזאָגט.

אויפן טיש איז געלעגן מיין עווידענץ־קארטע, וואָס איז ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך דער זעלבער קאָמיסיע. דער פּאָרזיצער האָט אויסגעמעקט דעם אות „א" און אָנגעשריבן א „צע".

— איר זענט נישט פעיק צו מיליטער־דינסט — האָט ער געזאָגט.

— וואָס באדייט עס? — האָב איך געפרעגט, דערפילנדיק אין דעם א פּראָוואָקאציע.

---

[1] אָ.נ.ר. — פוילישע פאשיסטישע אָרגאַניזאַציע — (איבערזעצער).

— גייט פון דאַנען, גייט! — האָט ער אויסגעשריגן, — לאָזט אונדז אַר־בעטן.

אינעם וואַרט־זאַל זענען געווען אַ סך זעלנער. די מערהייט צווישן זיי זענען געווען יידן.

— וואָס איז געשען? — האָט געפרעגט איינער ביים צווייטן.

— קראַנק בין איך נישט, אפשר אַן אײַנשפּריצונג פאַרן אָפּפאָרן — האָט איינער געפּרוווט אויפקלערן.

דורך די פאַרמאַכטע טירן פונעם צימער, וווּ די קאָמיסיע האָט זיך געפו־נען, איז צו מיר דערגאַנגען די באַקאַנטע שטימע פונעם פאָרזיצער.

— אַ נו, צלמט זיך איבער... אנו זאָגט נאָך אַ תפילה... נו, נו, — האָט געהאָלפן די זעלבע שטימע, נאָכדעם — אַן אויסברוך פון געלעכטער און דאָס זעלבע טריומפירנדיקע קול האָט געמאָלדן: — כ'האָב דאָך געזאָגט, אַז ער איז אַ פּראַוואָסלאַוונער.

— אַ פּראַוואָסלאַוונער, אָבער אַ פּאָליאַק — האָט געפּרוווט זיך פאַרטיי־דיקן דער מענטש, וועלכן מיר האָבן נישט געזען.

— נאָר אַ קאַטאָליק קאָן זיין אַ פּאָליאַק — איז געקומען אַן ענטפער.

ביים אַרויסגאַנג האָט אויף מיר געוואַרט אַ גרופּע אונטעראָפיצערן.

— קומט נאָך מיר, אין קאַנצעלאַריע — האָט באַפוילן אַ סערזשאַנט.

מ'האָט מיך אַרייַנגעפירט צום פּלאַץ־קאָמענדאַנט. ביים לאַנגן קאַנצעלאַ־ריע־טיש זענען געזעסן צוויי פּאָרוטשניקעס און אַ קאַפּיטאַן, ביים פענצטער איז געשטאַנען אַ קאַפּראַל און אַן עלטערער זעלנער. כ'האָב באַקומען דעם איינדרוק, אַז מיט מיין פּנים איז געשען עפּעס אויסטערלישעס: אַלעמענס בליקן האָבן מיך שווייגנדיק אַדורכגעקבערט.

— ווען וואָס גייט דאָ? — האָב איך איבערגעריסן די פּיינלעכע שטיל־קייט.

— פון וואַנען האָט איר אַזאַ מין אָנצוג? — האָט אָנגעהויבן דער קאַפּי־טאַן.

— פון דער אַקטיוויבינסקער דעלעגאַטור — האָב איך געענטפערט.

— צי קאָנט איר דערויף געבן אַ דאָקומענטאַלע באַשטעטיקונג?

— כ'האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געזען קיין דאָקומענטן, וואָס דערלויבן צו טראָגן מלבושים.

— אויב אַזוי טוט אויס דעם אָנצוג... — ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיי־נע פיס און האָט צוגעגעבן: די שטיוול אויך.

— וואָס דאַרף עס באַדייטן — האָב איך אויסגעשריגן.

— פירט אויס דעם באַפעל — האָט אַ געשריי געטאָן דער קאַפּיטאַן.

— איך פּראָטעסטיר! איר פּראָוואָצירט מיך, און דער אָנצוג איז בלויז אַ פּרעטעקסט דערצו.

— אַן ענגלישן אָנצוג טראָגן בלויז גוטע פּאָליאַקן. אונדז איז אַלץ באַוווסט — האָט ער געזאָגט. — איר ווילט פאַרטראָגן קיין פּוילן די רויטע קרענק, דאָס וועט אייך נישט געלינגען, אָ ניין!

— ווי וואַגט איר אַזוי צו רעדן אויף דער סאָוועטישער ערד — האָב איך אים איבערגעריסן. — איר האָט געלייענט שיקאָרסקיס דעקלאַראַציע? אין קומענדיקן פּוילן דאַרפן אַלע פּאַרטייען גענים פון גלייכע רעכט — האָב איך אונטערגעשטראָכן.

עס האָט געלאַכט דער קאַפּיטאַן, עס האָבן געלאַכט די פּאָרוטשניקעס — מער טרייסלענדיק מיט די אַקסלען, ווי מיטן אויסדרוק פון זייערע פּנימער.

— עס איז דיר געלונגען, האַ, האַ! אַזאַ אַלטער און ווייס נישט דעם אונטערשייד צווישן לעבן און דיפּלאָמאַטיע. אין פּוילן וועט קיין אָרט פאַר די רויטע נישט זיין, פאַרשטייסט! — האָט אויסגעשריגן דער קאַפּיטאַן — באַמבאַרדיער, העלף דעם „חבר" זיך אויסטאָן און גיט אים דעם אַדרעס פון סאָוועטישן מיליטער־אַמט. דאָ איז דער פּוילישער מאָביליזאַציע־פּונקט, האָסט פאַרשטאַנען?! — האָט דער קאַפּיטאַן ווידער זיך צעשריגן.

כ'האָב נישט געלאָזט זיך אויסדרייען די הענט און עס מיר ווי נישט איז געלונגען אומצוּוואַרפן דעם באָמבאַרדיער אויף דער ערד.

— ער וויל אַן אַוואַנטורע. נעמט אים! — האָט באַפוילן דער קאַפּיטאַן.

אין צעריסענע וועש און אין שקאַפעטן האָט מען מיך צוגעפירט צו אַ

— וועסט וואַרטן ביז מאָרגן — האָט מיר צווישן געגעבן דער פּלאַץ־וואַכ־בארג שמאַטעס און געהייסן זיך אויסקלייבן אָנטועכץ.

מאַן. — היינט האָבן זיי נישט קיין צייט זיך צו פאַרנעמען מיט דיר.

כ'בין אַוועקגעזעצט געוואָרן הינטער אַ הילצערנעם פּלויט, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט שטעכיקן דראָט. כ'האָב קיין חשק נישט געהאַט צו וואַרטן ביז מאָרגן. נאָך האַלבער נאַכט האָט די וואַך ביים צייטווייליקן אַרעסט איבערגענומען דער זעלנער מאַזור, וועלכער איז מיר געווען באַקאַנט. ווען ער איז אַוועק זוכן שוועבעלעך צום פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס — בין איך אַרויס פון הינטערן צוים. דאָס האָט מיר געקאָסט דעם אויבערמלבוש, די הויזן און דאָס היטל, וואָס איך האָב באַקומען. כ'בין אַנטלאָפן אין סטעפּ, כדי וואָס ווייטער צו זיין פון לאַגער און פון דער סטאַציע, וואָס איז געווען באַזעצט דורך דער פּוילישער זשאַנדאַרמעריע. איך האָב נישט געפילט די קעלט פון דער נאַכט און פון עם טוי. צום גליק האָב איך געטראָפן אַ פאַראיאָריקן סטויג פאַרפוילט היי. כ'האָב אויפגעהויבן דעם פאַרטריקנטן שיכט און ווי אונטער אַ פוך־קאָלדרע האָב איך דאָ געפונען וואַרעמקייט, רו און די מעגלעכקייט צו שלאָפן.

ווען כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך לויט דער זון דערקענט, אַז ס'איז אַן ערך צען אַזייגער. אַרום איז געווען שטיל. קוים־קוים הערבאַרע גלעקלעך־קלאַנגען פון קאַראַוואַנען, וואָס האָבן זיך געצויגן איבערן סטעפּ, זענען דערגאַנ־

גען אהער, ווי דאָס גלייכגילטיקע זשומען פֿון פֿליגן. נישט ווייט אויפֿן דרום, ביי אַ ברעג, האָבן זיך געפּאַשעט שעפּסן און קעמלען. אין דער רואיקער לופֿט האָבן דאָרט זיך אויפֿגעהויבן רויך-קנוילן פֿון אַ ברענענדיקן שייטער. כ'האָב אויך דערזען אַ פּאַסטעכער-יורטע.

מיטן ברעג פֿון אַ שטראָם האָב איך פּאָרזיכטיק זיך געלאָזט אין יענער ריכטונג. הונדערטער שילדקרעטן זענען געקראָכן איבער שטיינער און דערוועקט ביי מיר אַ ציטער פֿון עקל יעדעס מאָל, ווען כ'בין אויפֿגעטראָטן אויף זייער פּאַנצער, מיינענדיק, אַז דאָס איז אַ שטיין, ווייל זיי האָבן זיך גאָרנישט אונטערגעשיידט לויטן קאָליר פֿון די שטיינער. גייענדיק, האָב איך באַמיט זיך צו פֿאָרשטעלן מיט די נישט גרויסע קוסטעס טשעליהאַ.[1] פֿיל מעגלעכקייטן האָב איך געזען אין דערקלייבן זיך צו דער יורטע. „אַ פּאַסטעך דאַרף האָבן — האָב איך זיך געטראַכט — מער קליידונג, ווי ער האָט אויף זיך. אויב עס איז אַזוי, וועל איך זיי מוזן באַקומען. איך מוז דאָך צוקומען צו עפּעס אַ גרעסערער שטאָט מחוץ דעם ראַיאָן פֿון קערמינע. איך האָב מורא געהאַט אַריינצופֿאַלן אין די הענט פֿון די זשאַנדאַרן, אָבער אויך די סאָוועטישע מיליץ האָט אין דעם פֿאַל מיר נישט געגעבן קיין מעגלעכקייט צו האָבן פֿיל האָפֿענונגען: אַלס לאַיאַלער פֿאַרבינדעטער פֿון פּוילן האָט זי אויסגעפֿירט פֿיל אויפֿטראַגן און נאָכגעקומען פֿיל פֿאַרלאַנגען פֿון די פּוילישע מאַכט-אָרגאַנען. די דאָזיקע מאַכט-אָרגאַנען האָבן געקאָנט איבערגעבן וועגן מיר, אַז איך בין אַ דעזערטיר, אַ מערדער, אָדער עפּעס אַנדערש. צוליב דעם האָב איך באַשלאָסן זיך דערווייטערן פֿון דעם ראַיאָן, וווּ עס האָבן זיך געפֿונען פּוילישע מיליטער-טיילן.

די זון איז שוין געווען אין זעניט, ווען דער אוזבעקישער פּאַסטעך האָט אָנגעזאָטלט אַ קעמל און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פֿון דער טאַרע[2] שעפּסן, וואָס האָט זיך געפּאַשעט פֿון דער ווייטנס. כ'האָב נאָך געוואַרט אַ שטיקל צייט, ביז ער איז מיר נעלם געוואָרן פֿון די אויגן. איך בין צוגעקומען צו דער יורטע און האָב דערזען, אַז דאָרט איז פֿאַראַן פֿיל פֿון די זאַכן, וואָס זענען מיר נייטיק געווען. איך האָבן גענומען אַ פּאָר הויזן, אַ וואַטענע קורטקע, שיך, אַ זעלנערישע קעסעלע, אַביסל זאַלץ, שוועבעלעך און אַ טאַשן-מעסער. איך האָב אויך גענאָסן פֿון די זאַפּאַסן קיש-מיש[3] און פֿון אַ האַלבן ווייצענעם פּלעצל.

כמעט ביזן זון-פֿאַרגאַנג בין איך געגאַנגען איבערן סטעפּ, לענגאויס דער אייזנבאַן-ליניע אין דער ריכטונג פֿון טאַשקענט. די אָנקומענדיקע נאַכט האָט מיך

---

[1] טשעליהאַ — קוסטעס וואָס וואַקסן אין סטעפּ. עס זענען פֿאַראַן צענדליקער מינים פֿון די דאָזיקע קוסטעס און פֿון פֿריען פֿרילינג ביז ווינטער בליען זיי אין פֿאַרשידענע קאָלירן. — (איבערזעצער).

[2] טאַרע — אַ סטאַדע (אויטאָר).

[3] קיש-מיש — געטריקנטע ווינטרויבן — (אויטאָר).

נישט געשראָקן מיט איר קעלט. כ׳בין איבערגעשלאָפן אויף א הויפן פארטריקנ־טער טשעליהא. דעם הונגער האָב איך נעשטילט מיט א פיינעם מאכל, וואָס כ׳האָב זיך געמאכט פון שילדקרעט און סטעפּ־קנאָבל, וואָס איז אויך געווען אָן א צאָל.

אויפן פערטן טאָג בין איך אָנגעקומען קיין טאַשקענט. דעם שעף פון דער מיליץ אויפן וואָקזאַל האָב איך איבערגעגעבן, וואָס עס האָט מיט מיר געטראָפן.

— דאָס איז א באקאנטע זאך — האָט געענטפערט דער שעף. — מיר ווייסן פון דעם פון צענדליקער אזעלכע ווי איר, אָבער צום באדויערן קאָנען מיר עס נישט ענדערן. — ער האָט געהייסן מיר ארויסגעבן אן אנדער אָנצוג, שיך, א היטל. ער האָט מיר געעצהט ארויסצופאָרן פון דער איבערגעפולטער שטאָט. — איר מוזט זיך באמיען וועגן א פערזענלעכן דאָקומענט. איך גלייב אייך, אָבער איך קאָנט עס נישט פאָרערן פון אלעמען — האָט ער געזאָגט.

אין מיינע אויגן איז נישט טאַשקענט, נאָר אקטיובינסק געווען דאן א ברויט־שטאָט.[1] איך האָב באשלאָסן וואָס שנעלער אוועק אהין אויך דערפאַר, ווייל איך האָב דאָרט געהאט א סך באקאנטע. צוויי וואָכן האָב איך פארבראכט אונטער צעווייקטע וואגאָנען און אויף זייערע דעכער. עס איז מיר א חרפה גע־ווען צו הערן די טענות פון די קאָנדוקטאָרן, פון די באן־וועכטער, וועלכע האָבן געוויינלעך, פירנדיק מיך אויפן וואך־פּאָסטן, געענטפערט אויפן וועג זייער באַ־שלום און האָבן מיך אָפּגעלאָזט, זאָגנדיק: „גיי שוין, גיי, אָבער וואַרף זיך נישט אין די אויגן".

אין אקטיובינסק איז נאָך אלץ געווען ווינטער. כ׳בין ארויסגעשטיגן פון שלאָף־וואַגאָן, אין וועלכן דער קאָנדוקטאָר האָט מיך אין די לעצטע דריי מעת־לעת געפירט אין זיין אָפּטייל. איך האָב געהאט אן ערנסטע זאָרג: וואָס טוט מען? צום גליק האָט מיר א פרוי, א קאזאכין, פאָרגעלייגט אָפּצוטראָגן צו איר אהיים א טשעמאָדאן. איך האָב מסכים געווען, האָפנדיק צו באקומען א נאכט־לעגער. נאָך א גוטן אָוונט־ברויט, וואָס איז געגעבן געוואָרן, לויט די מזרח־מנהגים, אויף מאַטעס, האָט מען מיר אויסגעבעט א קאַשמע[2] פון גרויסן פארנעם, דער־צו נאָך האָב איך באקומען צוויי קישנס און א זיידענע קאָלדרע. ערשט אויף מאָרגן נאָך פרישטיק האָט דער באלעבאָס מיך געפרעגט: „פון וואנען זענט איר בירגער?" איך האָב בקיצור דערציילט וועגן זיך. ער האָט מיר געעצהט צו גיין אין א קאָלווירט, ווו כ׳וועל באקומען ארבעט. ער האָט מיר געגעבן דעם אדרעס פון ארייגפאַר־הויז פונעם קאָלווירט „פּראָגרעס", וועלכער געפינט זיך אין שכ־נותדיקן ראיאָן.

---

[1] אַן אָנדייטונג אויף אַלעקסאַנדער ניעווייעראָווס דערציילונג „טאַשקענט — די ברויט-שטאָט" — (איבערזעצער).
[2] קאַשמע — וואַילאָק — (אויטאָר).

דאָס הויז האָט זיך געפונען אויף דער קאַליגין־גאַס נומער 121. פון דאָרט בין איך אוועק אינעם ישוב פּרינאָראָדנאָיע, ווי דאָס דאָרף האָט געהייסן. דאָרט האָט זיך געפונען די פאַרוואַלטונג פונעם קאָלווירט. געווען איז עס אַן ערך דרייסיק קילאָמעטער פון דער נאָענטסטער שטאָט — אַקטיובינסק.

צו זון־אונטערגאַנג בין איך אָנגעקומען אויפן אָרט. די ווייסע הייזער פונעם קאָלווירט, מיט די פלאַכע דעכער, אָפּגעטיילטע פון אייננאַנדער דורך הויכע שניי־אָנשיטן, האָבן מיטן ריח פון דעם רויך, וואָס האָט זיך איבער זיי געטראָגן, געלאָקט צום אָפּרוען. נאָך אַ שמועס מיטן פאָרזיצער פון קאָלווירט בין איך באַשטימט געוואָרן אין דער ערשטער בריגאַדע. דריי אַרבעטס־בריגאַדעס זענען געווען אינעם קאָלווירט. יעדע פון זיי האָט געהאַט באַזונדערע געביידעס פאַר די אַרבעטס־בהמות — פאַר די פערד און אָקסן — און פאַר דעם אַרבעטס־געצייג. צוזאַמערסטן האָט מיך פאַרוואונדערט, וואָס די פּראָדוקטן: ברויט, מילך און געקעכץ פאַר די געדונגענע אַרבעטער, זענען נישט געווען אַזוי נאָרמירט, ווי אין שטאָט. פון די פוילישע משפּחות, וועלכע זענען געווען אין קאָלווירט, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זיי פעלט דאָ גאָרנישט. זיי האָבן געהאַט גרויסע זאַפּאַסן ווייץ, וועלכע זיי האָבן פאַרקויפט אויפן קאָלווירטישן מאַרק, כדי צו קויפן פאַר זיך קליידונג, שיך און אַנדערע נייטיקע זאַכן.

איניגיכן זענען אָנגעקומען וואַרעמע טעג. דער שניי איז נאָך געלעגן אין די טיפע ראָוועס, ווען די בריגאַדעס זענען אַרויס צום פאַרזיי. אַלץ, וואָס האָט געקאָנט אויסגענוצט ווערן אַלס שלעפּ־קראַפט איז געלאָזן געוואָרן אין גאַנג, כדי צו פאַרקירצן די טערמינען פונעם פאַרזיי. „אַ טאָג שפּייזט אַ יאָר" — האָבן איבערגעחזרט די קאָלווירטניקעס, וועלכע האָבן פאָרגעלייגט אויסצונוצן אפילו זייערע אייגענע קי אין די בראָנעס און אַקער־אייזנס, וועלכע זענען באַנוצט געוואָרן צוגלייך מיט די טראַקטאָרן פון דער מאַשינען־טראַקטאָרן־סטאַנציע, מיט די קאָלווירטישע פערד און אָקסן. דער פאַרזיי איז פאַרענדיקט געוואָרן פאַרן טערמין. עס האָבן דערין זיך באַטייליקט אַלע פרויען און אפילו קינדער. קיין מענער זענען נישט געווען. זיי האָבן געקעמפט קעגן היטלעריסטישן אָנפאַלער.

צוויי וואָכן האָב איך געהאָרעוועט. דער בריגאַדיר דאַנילאָ האָט מיר איבערגעגעבן, אַז לכתחילה האָט ער געהאַט ספקות בנוגע מיין פלייסיקייט און מיינע קענטעניש אין דער לאַנדווירטשאַפט. נאָכן ענדיקן דעם פאַרזיי האָט ער געענדערט זיין מיינונג און האָט אפילו פאָרגעלייגט דער פאַרוואַלטונג פון קאָלווירט, אַז זי זאָל מיך אויסצייכענען. ער האָט מיר אויך פאָרגעלייגט פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט אַלס פאַסטעך ביי די אַרבעטס־בהמות. כ'בין הערויף מסכים געווען. דאָס איז געווען אַ געלעגנהייט צו קאָנען לייענען ביכער, זשו־

באַלן און צייטונגען, וועלכע עס האָט אין אַ גרויסער צאָל געבראַכט אין סטעפּ דער ספּעציעלער אָנפירער פון קולטור-ווינקל ביי דער בריגאַדע.

גאַנצע טעג און נעכט האָב איך איצט פאַרבראַכט אין סטעפּ. עס האָט מיך שטענדיק באַגלייט זיין שפּראַך, זיין ליד און מוזיק, זיין צאָרן אָדער שטי- לער אָפּוואַרטן. דאָ האָט אַבסאָלוט געהערשט דער ווינט. ער האָט עס געפּו- רעמט די שיינקייט פון סטעפּ. ער איז כלל נישט געקומען אַהער — ער איז דאָ געבוירן געוואָרן און דאָ האָט ער געוווינט ביי זיך. וועגן דעם האָבן דערציילט די גראָזן, וואָס האָבן לויט זיין ווילן זיך געבויגן אין איין ריכטונג; וועגן דעם האָבן דערציילט די „פּיערעקאַטיפּאָליעס“,[1] וואָס פלעגן זיך לאָזן צום ציל, וועלכן ער האָט זיי אָנגעצייכנט. וויפל מאָל איך האָב נישט געקוקט אויפן רואיקן סטעפּ, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז נישט ער דערוואַרט עס דעם ווינט, נאָר דער ווינט האָט זיך אויף אים צוגעזעצט, כדי אָפּצורוען, קומען צו זיך פאַר דער ווייטערדיקער אַרבעט.

די פּרעכטיקייט פון דער קאַזאַכסטאַנער נאַכט קאָן מען נישט פאַרגלייכן מיט דעם פּראַכט פון אַ לבנה-נאַכט ביי אונדז. דער טיפער הימל פאַרכישופט מיטן קרישטאָל-ריינעם העלן גראַנאַט-קאָליר, ווען די לבנה געפינט זיך אין זעניט. דער הימל שפּאַרט זיך דאָ אָן אויפן האָריזאָנט מיט אַ סעלעריין- קאָליר, וואָס גיסט זיך צונויף מיט אַ לייכטן נעפּל, וועלכער איז פון אונטן אַרומגעראַמט מיט טוי-פּערל אויף די געדיכטע גראָזן. דער אָפּשיין פון דער לבנה איז אַזאַ, וואָס גיט די מעגלעכקייט פריי צו לעזן. נישט שטענדיק אָבער קאָן דאָס לייענען פאַרשטעלן די פּראַכט פונעם בילד און די בייַנאַכטיקע שפּראַך פונעם סטעפּ. די אומענדלעכע ווייטקייטן טראָגן אַוועק אין אַן אַנדער וועלט. יעדער ליניע, אַפילו שאָטן, צייכנט זיך שאַרף, ווערט נישט צעשוווּמען.

עס זענען מיר שטאַרק געבליבן אין זכרון די מינוטן, ווען אין די טעג פון הייסן זומער האָב איך געקוקט פון די בערג אויף דעם פּליין, וואָס האָט זיך אויף צענדליקער קילאָמעטער געצויגן. זיינע עקן פלעגן אַנטרונען ווערן אין דעם בלויען הימל פונעם גרויסן קאַזאַכסטאַן. דער סטעפּ איז דאַן ענלעך גע- ווען צו אַ געוואַלדיק גרויסער קאַריטע, וואָס איז אָנגעפילט מיט טרוקענער און דורכזיכטיקער לופט. פון דאָרט האָט דער ווינט געבלאָזן און געשטאַרקט זיין מעכטיקן אָטעם. זיין פרימאָרגנדיק בלאָזן האָט אָנגענעם געגלעט דאָס פּנים, און ווען ער האָט שטאַרק זיך אַ באַוועג געטאָן האָט מען געהאַט דעם איינ- דרוק, אַז עס פליסט אַ וואַרעמער שטראָם וואַסער, וואָס רינגלט אַרום פון אַלע זייטן און דרינגט דורך די קליידער, ברענגט דעם ווידערשטאַנד פון די דלאָניעס און מאַכט זיי ציטערן. ער האָט געראַשט אין די האָר און זיי צע-

[2] פּיערעקאַטיפּאָליע — אַ סטעפּיש וואַלגראָז אין דער פאָרם פון אַ צוגעקוילעכ- טער קויל. נאָכן שנייען דאָס גראָז צעוואָרפּט אים דער ווינט איבערן גאַנצן סטעפּ. (אויטאָר).

פּאַטלט, ער האָט אַריינגעקוקט אין די אויגן, אָבער האָט פאַרשטעלט דעם בליק. דער דאָזיקער גערויש האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן רויש פון די גראָזן, וועלכע זענען אויף די בערג און בערגלעך געווען געל און גראָע, ווי די הויקערס פון קעמלען. די געדיכטע קאָווילעס[1] האָבן דעם סטעפּ געמאַכט ענלעך צו אַ ים האָר פון אַ געלער פרוי. כוואַליענדיק האָבן זיי חנעוודיק געגלאַנצט, אַרויסרופנדיק די גאַנצע קראַפט פון זייער לאָקנדיקער שיינקייט.

איך געדענק איינעם אַזאַ טאָג, ווען צום טויזנסטן מאָל האָב איך געקוקט אויף דעם, וואָס דער סטעפּ האָט פאַרמאָגט, מיט וואָס ער האָט זיך געגרויסט אָדער געדראָט. אין דעם דאָזיקן טאָג האָב איך געלייענט עמנואל קאַנטס „פּראָלעגאָמענאַ“.[2] איך האָב אָפט אָפּגעלייגט דאָס אין אַ זייט און געטראַכט וועגן געלייענטן. שטאַרק און פאַרשיכורנדיק האָבן געשמעקט די גראָזן און דער טימיאַן. אין דעם אָנכמאַרענדיקן הימל האָבן געקרייזט רויב־פייגל, אויסקוקנדיק פאַר זיך עפּעס צום פאַרצוקן. אַלס זייער קרבן זענען צום אָפטסטן געפאַלן די אומפאַרזיכטיקע היישעריקן, וועלכע האָבן אַ גאַנצן טאָג, אָן איבעררייס זיך צוגעפּייפט. אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך נאָענט הינטער מיר דערהערט עמעצנס טריט און אַ באָסאָווע שטים, וואָס האָט אָנגעפילט דעם אַרום:

— פיאָדר וואַסיליעוויטש! פיאָדר וואַסיליעוויטש! קומט נאָר אַהער, שנעל!

כ'האָב זיך אַרומגעקוקט, הינטער מיר איז געשטאַנען אַ שטאַרק געבויטער מאַנספּאַרשוין פון אַ יאָר פערציק. מיט זיין אויסזען האָט ער דערמאָנט אין דזשעק לאָנדאָנס אַ גאָלדזוכער. ער האָט געהאַט אַן אָנגענעם און רואיק געזיכט און דערמיט האָט ער זיך אונטערשיידט פון דעם העלד ביי דער קלאָנדיקע.[3] אין אַ ווייַלע אַרום איז אָנגעקומען אַ צווייטער מאַנספּאַרשוין.

— מיר וועלן זיגן! — האָט טריומפירנדיק אויסגערופן דער ערשטער. — די פראַגע „ווער־וועמען“ איז געלעזט. איר זעט וואָס ער לייענט? הייסט עס, אַז אונדזערע מענטשן טראַכטן וועגן לעבן. היינט האַלטן זיי נאָך מלחמה, אָבער שוין טראַכטן זיי וועגן אַ פרידלעך לעבן. איר זעט! — האָט ער טריומפירט.

פונעם ווייטערדיקן שמועס האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס זענען געאָלאָגן, וואָס זוכן מינעראַלן אינעם סטעפּ.

אין חודש אויגוסט האָט אונדזער בריגאַדע באַקומען די איבערגאַנגס־פּאָן. אונדזער בריגאַדע איז געווען די בעסטע אין גאַנצן ראַיאָן. נאָך דער רעדע פונעם סעקרעטאַר פון ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָב איך גענומען אַ

---

[1] קאָווילעס — אַ מין סטעפּ־גראָז. (אויטאָר).

[2] „פּראָלעגאָמענאַ“ — אַ ווערק פונעם דייטשן פילאָזאָף עמנואל קאַנט.

[3] קלאָנדיקע — אַ טייך אין קאַנאַדע. אין זיין צופלוס איז אין 19־טן י.ה. אַנטדעקט געוואָרן גאָלד. וועגן די גאָלדזוכער האָט פיל געשריבן דזשעק לאָנדאָן (אויטאָר).

וואָרט אין נאָמען פון דער בריגאַדע. אויף צומאָרגנס האָט דער פאָרשטייער פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און דער בריגאַדיר חאַנילאָ מיך פאַרבעטן אויף א שמועס.

— פאַרוואָס זענט איר אַזוי אָפּגעלאָזן? — האָבן זיי מיך געפרעגט. — אייער אָנצוג איז אָפּגעטראָגן, איר ראַזירט זיך זעלטן.

— א רייכער קאָלווירטניק דאַרף אויסזען רייך — האָט געזאָגט דער סעקרעטאַר. — קאָנטראָלירט. — האָט ער זיך געווענדעט צום בריגאַדיר — וויפל ער האָט אויף זיין חשבון און צאָלט אים אויס אלס קאָנטע פון די יערלעכע אָפּרעכענונגען.

אויף צומאָרגנס האָב איך זיך דערוווסט, אז איך פאַרדין אין דורכשניט 3,6 אַרבעטס־טעג אין מעת־לעת און אז איך קאָן באַקומען אז אַדערויף אין דער הויך פון פאַראיאָריקן פאַרדינסט פון די קאָלווירטניקעס, דאָס הייסט — העכער 6 קילאָגראַם תבואה און 3 רובל פאַר אַן אַרבעטס־טאָג, נישט רעכענענדיק די ערביי פּאַשע, וואָס קומט נאָך צו. איך האָב באַקומען מעל און האָב עס פאַרקויפט אויפן קאָלווירטישן מאַרק אין אַקטיובינסק. האָט געלט, וואָס איך האָב אָפּגעלייזט, האָט מיר געסטייעט אויף קויפן אן אָנצוג, שטיוול און פיל אַנדערע זאַכן. נאָך קיינמאָל אין לעבן האָב איך נישט געהאַט אַזא גרויסע סומע געלט. מיין צוריקקער פון שטאָט איז ווירקלעך געווען א צוריקקער פון א רייכן קאָלווירטניק. אפילו דער פאָרזיצער האָט מיך נישט דערקענט און די בוכהאַלטערין פונעם קאָלווירט, אַנאַסטאַזיע טראָפימאָווגע, האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער צאָל ביכער, וואָס איך פאַרמאָג.

— צי וואָס שלעפט איר אַזויפיל ביכער אין סטעפּ? — האָט זי געפרעגט.

— איך האָב נישט ווו זיי איבערצולאָזן — האָב איך געענטפערט.

— וואָס הייסט? — האָט זי זיך פאַרוווּנדערט — און ווו וווינט איר?

— אין סטעפּ — האָב איך דערקלערט.

נאָך דעם זעלבן טאָג האָב איך באַקומען א וווינונג ביים קאָלווירטניק טראָפים וואַסיליעוויטש, און אין סטעפּ בין איך אַרויסגעפאָרן אלס בריגאַדיר פון דער דרעשעריי אין דער דריטער בריגאַדע.

צום ערשטן מאָל האָב איך זיך דאַן צונויפגעטראָפן מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג — מיט די קאַזאַכן, וועלכע וווינען אין א קאָמפּאַקטער גרופּע. דאָס איז געווען די דריטע בריגאַדע אינעם ישוב אַקראַפּ, וואָס איז 15 קילאָמעטער ווייט געווען פון פריגאָראָדנאָיע. א פויערים־לעבן האָבן די קאַזאַכן אָנגעהויבן ערשט בעת דער קאָלעקטיוויזאַציע. ביז דאַן האָבן זיי געפירט א וואַנדער־לעבן, פול מיט שוועריקייטן און האָפענונגסלאָזיקייט. איצט האָבן זיי געוווינט אין ביידע, גוטע הייזער. זיי האָבן זיך אַהין אַריינגעקליבן צוזאַמען מיט זייערע אַלטע טראַדיציעס, פאַר וועלכע דאָס ליכט און די באַקוועמלעכקייטן זענען קיין שטערונג נישט געווען. לעבן דעם ישוב זענען נאָך געשטאַנען די אָרעמע, פאַרלאָזענע לעם־הייזלעך. אַמאָל פלעגן זיי דאָרט פאַרברענגען די שווערע ווינטערס.

פארשידענע חולאתן האָבן זיי געפּייניקט. קיין שום שאַמאַן, וואָס איז באַזונגען געוואָרן אין זייערע לעגענדעס, האָט נישט געקאָנט פאַרטרייבן די קרענק פון די פאַרדויכערטע, פאַרעיפּושטע און קבצנישע ליים-הייזלעך. דערגרייכט האָט עס בלויז די קאָלעקטיוויזאַציע און די קאָלווירטישע סאַניטאַרין — לידע.

דער שיינער טאָל, ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס צווייטע לעבן פון דער קאַזאַכישער באַפעלקערונג אין אַקראַפּ, איז פאַרוואַקסן געווען מיט ביימער, וועלכע זענען אַ זעלטנהייט אין די דאָזיקע געגנטן. די פרוכטבאַרע ערד האָט באַנוצט אַ קליינער וואַסער-באַסיין פון אַ קוואַל. נאָך די הייסע טעג האָט זיך אין די אָוונטן אין אַקראַפּ געפילט די שטימונג פון די מזרח-מעשהלעך. די אָנגענעמע פייכטקייט האָט געבראַכט דערפרישונג, וואָס האָט געשמעקט מיט די אַרומיקע געוויקסן. פון די אויסגייענדיקע שייטערס ביי די הייזער איז זיך צעגאַנגען אַ ריח פון געבראָטענעם שעפּסן-פלייש, פון טאַרע[1] און פון קומיס. שטילקייט האָט געהערשט איבערן דאָרף. די לבנה איז געווען שיין און אויף אַן אַזיאַטישן אופן — אַרויסרופעריש. דער איינציקער אָפּקלאַנג פון ישוב איז געווען דאָס געשמאַקע כראָפּען פון די איינוווינער, וועלכע זענען געשלאָפן אויף די שיפּע דיעכער, און דאָס פּישטשענדיקע קול פון טוסקאַנטשיק,[2] וואָס האָט זיך געטראָגן פונעם סטעפּ. זיין שטימע האָבן פאַרליבטע פּאָרלעך געהערט ביז פאַרטאָג.

אָפטמאָל פלעגט מען מיך פאַרבעטן צום טראַדיציאָנעלן ביש-באַרמאַק.[3] אַ פעטער באַראַן, גענומען גלייך פון דער סטאַדע, איז געווען דער קרבן פון דער פאָלקס-טראַדיציע. ער פלעגט אַלס גאַנצער גיין גלייך אין קעסל און מיט צוגאָבן פון שמעקנדיקע וואָרצלען פלעגט ער דאָרט זיך קאָכן אַזוי לאַנג, ביז דאָס פלייש פלעגט נישט אַראָפּ פון די ביינער. נאָכן צוגעבן צו אים פלעצלעך אָדער טאַרע פלעגט ער פאַרנעמען אַן אָרט אויף אַ גרויסער קופּערנער טאַץ, וואָס איז געווען אויסגעשטעלט אויף פיין-באַמאָלטע מאַטעס. דער באַלעבאָס און די געסט האָבן זיך אַוועקגעזעצט אַרום דער טאַץ, די באַלעבאָסטע האָט דערלאַנגט זייף, אַ האַנטעך און האָט אויפגעגאָסן די געסט וואַרעם וואַסער פון טשייניק.

דאָס דאָזיקע מאכל האָט מען גענעסן אָן לעפל. נאָכדעם האָט מען געטרונקען קומיס און מ'האָט געזונגען לידער. געזונגען האָבן די יונגע און אַלטע קאַזאַכינס. ביש-באַרמאַק, קומיס און לידער זענען געקומען נאָך דער טיי מיט טאַרע — דעם טאָג-טעגלעכן מאכל פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

די קאַזאַכינס זענען געווען זייער באַרעדעוודיקע. צום ליבסטן איז זיי געווען צו דערציילן וועגן זייערע זין — די זעלנער פון דער סאָוויעטישער אַרמיי.

---

[1] טאַרע — דאָ באַדייט עס קאַשע פון געקאָכטע הירזש. (אויטאָר).
[2] טוסקאַנטשיק — אַ סטעפּ-חיהלע, די גרויס פון אַ שמשור. (אויטאָר).
[3] ביש-באַרמאַק — אַן עסן פון באַראַן-פלייש און פלעצלעך אָדער הירזשענע קאַשע. (אויטאָר).

— סין אָרס?[1] האָט ביי מיר געפרעגט באַטימאַ אוטירגאַלי, וועלכע האָט אָנגעטריבן זעקס אָקסן בעתן פרילינגדיקן אקערן.

— ניין, איך בין א פּאָליאַק — האָב איך געענטפערט.

— פּאַלאַה, פּאַהלאַ — האָט זי איבערגעחזרט, אָבער דאָס וואָרט, ווי ס'איז קענטיק געווען, האָט איר גאָרנישט דערמאָנט. א צייט האָט זי פאַרזעבטיקט זיך צוגעקוקט צו מיר, געהויבן מיט די אַקסלען. — בעלמעי[2] האָט זי אַ רעזיגנירטע געזאָגט. אין אַ רגע אַרום האָט זי ווידער געפרעגט: — ,אַלאַ חושאַמאַן?[3]

— לאַך דושאַקסאַ[4] — האָב איך געענטפערט.

— באַיאַי... לאַכיסטאַן[5] — האָט זי זיך פאַרוואונדערט — מענעקע באַלאַ[6] וועט דאָרט זיין — האָט זי ענערגיש געזאָגט, ווייזנדיק מיט דער האַנט אויפן מערב — ער יאָגט היטלערן.

שוין לאַנג האָט באַטימאַ מיר דערציילט וועגן איר זון טולייאַן, דעם שלאָגלער פון קאָלווירט און איצטיקן זעלנער, וואָס איז אויסגעצייכנט מיט מע־דאַלן פאַר דרייסטקייט און שלאַכט־פאַרדינסטן.

אין די ערשטע מלחמה־טעג איז איר זון פאַרוואונדעט געוואָרן און האָט זיך אומגעקערט פון שפּיטאָל אין קאָלווירט. ער האָט געהאַט א באַפרייונג אויף א האַלב יאָר. ער האָט ליב געהאַט זיין מאַמען און דעם אַאול. ער האָט זיך אָבער פרייוויליק מיט זיי צעשיידט נאָך זעקס וואָכן זיין אין דער היים.

— די מלחמה קאָן זיך נאָך אמאָל ענדיקן אָן מיר, און איך וויל נישט צו־ריקקומען אין קאָלווירט אָן „בענדלער" — האָט ער זיך געחכמהט.

וועגן דעם האָב איך שוין געוווסט פון די קאָלווירטניקעס, אָבער באַטימאַ האָט עס מיר עטלעכע מאָל איבערדערציילט מיט אַזאַ ברען, אַז עס האָט גאָר־נישט געלאַנגווייליקט צו הערן איינס און דאָס זעלבע. דאַן פלעגט זי זיך נישט קלאָגן אויף ווייטיק אין די פיס, און האָט נישט געזאָגט אויסצושפּאַנען, ווען די חשבות האָט פאַרשטעלט פון אויג דאָס אויפגעאַקערטע שטיקל ערד.

אוטירגאַלי טולייאַן איז אַ צווייט מאָל צוריקגעקומען פון פראָנט אין 1944 יאָר. ער האָט שוין דאַן געהאַט בענדלער פון א יינגערן סערזשאַנט און שפּורן פון דריי וואונדן. אין צוויי יאָר אַרום האָט ער געשריבן פון בערלין.

— ער וועט חתונה האָבן מיט דער שענסטער קיזינקע[7] פון אונדזער אַאול — האָט אלעמען אָנגעזאָגט באַטימאַ.

---

[1] ביסט אַ רוס?

[2] איך פאַרשטיי נישט.

[3] די פּאַליאַקן זענען שלעכטע.

[4] די פּאַליאַקן זענען גוטע.

[5] אַהאַ... פּוילן.

[6] מיין ייִנגל.

[7] קיזינקע — מיידל.

ווינטער=צייט בין איך יעדן טאָג געפאָרן אין סטעפּ מיט א שליטן, און וועלכן עס זענען געווען איינגעשפּאַנט אָקסן. אין דער צייט איז דער גאַנצער קאָלווירטישער טראַנספּאָרט באַנוצט געוואָרן צום פירן פּאַשע, וועלכע מ'האָט זומער=צייט אָנגעזאַמלט אויפן אָרט פון ישׂגיט. דאָס איז געווען נישט קיין לייכטע אַרבעט. הונדערטער שטיק בהמות, שעפּסן און פערד האָבן פאַרלאַנגט א סך מי פון די קאָלווירטניקעס, כדי זיי צו באַזאָרגן מיט א גענוגנדיקער צאָל פּאַשע. איך האָב די דאָזיקע אַרבעט ליב געהאַט. „צאָב, צעבע" — פלעגן שרייען די מיידלעך אויף די אָקסן, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט האַלטן ביים וועג.

נישט קיין פערד, נישט קיין קעמלען און אויך נישט קיין אייזלען, וועלכע מ'האַלט דאָרט פאַר קלוגע באַשעפענישן, האָבן נישט אַזאַ חוש ביים אויסגעפינען דעם וועג, ווי עס האָט דאָס אַן אָקס, וועלכער ווערט מיט גרינגשעצונג באַצייכנט אַלס טעמפּער. צענדליקער מאָל האָב איך זיך אין דעם איבערצייגט. ווען זיי האָבן אפילו פאַרלוירן דעם פאַרשאָטענעם מיט שניי שליאַך, האָב איך אויף זיי נישט געשריגן. זייער בליק האָט בעת=מעשה אויסגעדריקט כמעט א מענטשלעכע ערנסטקייט און אומרו. זיי האָבן זיך צוגעהערט, געשמעקט אָדער מיר געקוקט אין די אויגן אַריין, אַזוי ווי זיי וואָלטן געבעטן אַן עצה. אין אַזעלכע מינוטן האָט מיין יעדע באַוועגונג אַרויסגערופן ביי זיי א פילבאַר, שטיל רעווען. זיי האָבן מיר דאַן נישט דערלויבט אָפּצוגיין אויף א טראָט, אויב איך האָב עס געפּרוווט טאָן, און זיי פלעגן בייקומען אפילו דעם שטאַרקסטן ווידערשטאַנד פון דער זאַוויערוכע.

באַזונדערס קלוג איז געווען איינער פון מיינע אָקסן, סמאַלקאָ. איינמאָל איז ער פאַרלוירן געוואָרן אין סטעפּ. איך האָב געזוכט כמעט א גאַנצע נאַכט, ביז איך האָב אים פאַרטאָג געפונען אין א שמאָלן פאַרבלאָטיקטן וואַסער=גרוב, וווהין ער איז מסתּמא אַריינגעשטויסן געוואָרן דורך זיינע קאָלעגן, וועלכע האָבן, אַזוי ווי ער, געזוכט וואַסער. ווען ער האָט מיך דערזען האָבן די אויגן אָנגעהויבן ביי אים צו גלאַנצן, און נישט געקוקט אויף דער פאַרצווייפלטער לאַגע האָט ער אָנגעהויבן לאַנג און פריידיק צו רעווען. ער האָט מיר געלעקט די הענט, ער האָט דערלויבט אַליין צו טאָן מיט זיך ביים אַרויסשלעפּן אים. אַליין האָט ער אָבער גאָרנישט געטאָן אָן מיין בפירושער אָנווייזונג — ווייזט אויס, אַז ער האָט שוין פריער אויסגעפּרוווט זיינע כּוחות. קיין סך העלפן האָב איך אים אָבער נישט געקאָנט. איך האָב פריער געמוזט ברענגען א קייט, א גראָב=אייזן און עטלעכע שטאַרקע אָקסן. ווען כ'האָב זיך אַרויפגעזעצט אויפן פערד האָט דער אָקס רואיק זיך צוגעקוקט צו מיינע באַוועגונגען. מיין צוריקקומען האָט ער שוין אויפגענומען אָן א שום פאַרווונדערונג. צו דער אַרבעט ביים גראָבן די וואַנט פון וואַסער=גרוב האָט סמאַלקאָ זיך צוגעקוקט מיט באַגייסטיקונג. פון צייט צו צייט האָט ער געקרעכצט און ווען איך האָב די אַרבעט איבערגעריסן האָט ער זיך אין מיר איינגעקוקט מיט זיינע גרויסע קאַשטאַן=אויגן. אין זיין בליק איז נישט קענטיק

געווען קיין פאָרוואורף צוליבן פארציען די ארבעט. ער האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען, אז איך האָב מיך אויך אָנגעמאַטערט.

אוודאי געהער עס נישט צו די אָנגענעמע זאכן ארויסצושלעפּן פון בלאָטע מיט א קייט, וואָס איז אָנגעטשעפּעט ביים קאָפּ. איך האָב עס געטאָן שוין אין לעצטן פאַל, און ווען דער אומגליקלעכער אָקס איז שוין געווען אויף דער הארטער ערד האָב איך נישט געוווסט, צי דער רוקן־ביין איז ביי אים אויפן אָרט. דורך דער האָזיקער אָפּעראַציע איז ער געוואָרן אזוי אויסגעשעפּט, אז אין משך פון א האלבער שעה האָט ער כמעט נישט געגעבן קיין סימן, אז ער לעבט. ווען ער איז צוריקגעקומען צו די כוחות האָב איך אים געהאָלפן אויפשטיין, אים צוגעפירט צו א הויפן היי, אים ארומגעריייניקט פון בלאָטע און געגעבן צו טרינקען. פון דאן אָן האָט דער אָקס יעדע פרייע מינוט זיך איינגעקוקט אין מיר. ס'איז קענטיק געווען, אז צייטנווייז שטראָפט ער זיך אליין, אז ער טוט שלעכט און באַוווּנדערט מיך צופיל, ווייל סוף כל סוף בין איך דאָך זיין אונטערדריקער. ער האָט האָן געדרייט מיטן קאָפּ, געבלאָזן אַזוי ווי פון פאַראַכטונג און געקוקט אויף מיר פון אויבן אראָפּ. דאָס האָט אָבער קורץ געדויערט. אפילו ווינטער, נאָך א פאָר חדשימדיקער צעשיידונג, האָט ער מיך דערקענט און האָט ווידער מאַניפעסטירט זיין פאַראינטערעסירטקייט מיט מיין פערזאָן.

„צאָב, צעבע"! — מער פון געוויינהייט איידער פון נויטווענדיקייט האָב איך אונטערגעטריבן די אָקסן בעתן אומקערן זיך פון סטעפּ. דעם צוריקקער האָב איך באַזונדערס ליב געהאַט אין שיינע פעברואַר־טעג, ווען די קאָלאָנע שליטנס מיטן אָנגעלאָדענעם שמעקנדיקן היי האָט זיך געשאַרט איבער דעם פאַרפרוירענעם שניי, וואָס האָט אָפּגעהילכט מיט כמעט א מעטאַלענעם קלאַנג. א מאָדנע געפיל האָט מיך באַהערשט. די שליטנס האָבן דערמאָנט וועגן דער צייט פון יאָר, וואָס ווערט געהאַלטן אין די שטאַרקע צוואַנגען פון דרייסיקגראַדיקן פראָסט, און איינציייטיק האָט די זון, די קאַזאַכסטאַנער זון אויף קיין רגע זיך נישט אָפּגעזאָגט פון אירע רעכט. מיט דער זעלבער קראַפט האָט זי געפאַרבט די הויט פון פּנים און פון די הענט מיטן בראָנז־קאָליר, אזוי ווי בעת די זומערדיקע היצן. דער הימל איז אויך געווען אזוי שיין און ריין — מיטן קאָליר איז ער ענלעך געווען צו אולטראַמאַרין, באַזונדערס ווען די זון האָט זיך גענייגט צום פאַרגיין. דער ריח פונעם היי האָט געשאַפן די אילוזיע וועגן זומער, וועגן היי־שניט. און נאָך ווען מען האָט זיך געדאַרפט אויפהייבן פון דער טיפעניש פון שליטן, האָט דער ווינט דערלויבט דעם פראָסט א כאַפּ צו טאָן דאָס צעוואַרעמטע פּנים און אין איין רגע זענען פאַרשוווּנדן די אילוזיעס וועגן זומער.

דער ווייסער און קרישטאָל־ריינער אויסזען פונעם סטעפּ האָט אין אַזעלכע מינוטן געהאַט דעם אָפּשיין פונעם הימל־קאָליר. דער שניי האָט ווי איינגעזאַפּט דעם טונקעלן בלוי, און ווען די זון האָט געפאַרבט דעם האָריזאָנט מיט אלע ניואַנסן פון אָראַנזש און סעלעדין, האָט דער שניי געטריי זיי אָפּגעשפּיגלט און

געמאַכט פֿונעם סטעפּ־שטח אַ פֿאַרכּישופֿטע לאַנד פֿון זיך ענדערנדיקע קאָלירן. ערשט ביים פֿולשטענדיקן פֿאַרשווינדן פֿונעם זון־אָפּשיין האָט דער סטעפּ אָנגעטאָן דעם שטרענגן ווינטער־טראַכט. זיין זילבער־קאָליר, וואָס האָט געבלאַנקט מיט אַן אומענדלעכער צאָל פֿונקען, האָט אויסגעזען צו וואָרענען קעגן יעדער אילוזיע אויף וועלכער עס איז ענדערונג. די גאַנצע שיינקייט פֿון גרויסן שטח איז דאַן ארויסגעדרינגען פֿון דעם עקשנותדיקן ענטפֿער פֿון דעם סטעפּ.

צייטנווייז פֿלעגט דער זילבער־קאָליר פֿאַרצויגן ווערן מיט אַ לייכטן נעפּל. געבראַכט האָט אים דער אַלץ שטאַרקערער ווינט. אָבער קיין שום כּוח פֿון זיין אָטעם האָט נישט געקאָנט מאַכן קיין גרויסן דורכבּרייס אין זיין ווייסן און האַרטן לײַלעך. די ארויסגעריסענע שטיקער שניי האָט דער ווינט צעבּרעקלט, צעשטויבט אָדער זיי פֿאָרויס געטריבן, קלינגענדיק מיט זיי ווי בעת אַ ווילדן שליטל־געיעג. ווען ער האָט זיי שוין ביזן סוף צעשטויבט און צעטריבן האָט ער מיט זיינע מעכטיקע פֿליגל ווילד גענומען רוישן איבערן סטעפּ. אין דעם דאָזיקן גערויש האָט זיך געהערט די שטימע פֿון זיגער, וואָס האָט זיך געשראָקן פֿאַר דער אומבאַוועגלעכקייט פֿון באַזיגטן קעגנער. אָפּט האָט דער ווינט געלאָזט פֿרעמדע כּוחות אין קאַמף מיט דעם אומבאַוועגלעכן אויבערפֿלאַך פֿון סטעפּ. געווען איז עס דער שניי, וואָס איז אַראָפּגעפֿאַלן ערגעץ הונדערטער קילאָמעטער ווייט פֿון דעם אָרט. זיין אָנקום האָט סיגנאַליזירט דער מוטנער, פֿייערדיקער נעפּל אויפֿן האָריזאָנט בעתן זון־פֿאַרגאַנג. אין דעם פֿרימאָרגן פֿון צווייטן טאָג איז נאָך געווען אַ גוטער וועטער, ער האָט זיך בלויז געקאָנט פֿילן מיט דער פֿאַרענדערלעכקייט און שטאַרקייט פֿון ווינט. צו מיטאָג־צייט האָבן זיך באַוויזן די ערשטע הויפֿנס פֿון אָנגעטריבענעם שניי. צום אָנהייב זענען זיי געווען נישט קיין גרויסע און ווי שלאַנגען האָבן זיי זיך געגליטשט איבער בערג און פּליינען. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דאָס זענען די דינער פֿונעם ווינט, וועלכע קוקן אויס אַ פּאַסיק אָרט צום אָפּלייגן טראָפּייען פֿון דער פֿרעמדער ערד. באַלד האָבן באַזונדערע הויפֿנס זיך פֿאַראייניקט אין קנוילן, נאָך דעם האָבן זיי זיך צונויפֿגעגאָסן אין גרויסע, אומצערייסבאַרע פֿלאַכן און האָבן צוגעדעקט דעם גלאַנציקן אויבערפֿלאַך מיט אַ שניי־כמאַרע פֿון אַ פֿילצענטימעטערדיקער גרעב. עס זענען געשען וווּנדער! כמאַרעס האָבן באַדעקט די ערד און פֿון לויטערן הימל האָט די זון זאָרגלאָז געקוקט אויף דער דאָזיקער געוויינלעכער דערשיינונג.

מיט יעדער שעה האָט דער שניי זיך אויפֿגעהויבן אַלץ העכער און העכער. פֿריער האָט ער דערגרייכט ביזן קנעכל, נאָכדעם ביז די קני, ביזן פּאַס — ער האָט זיך דערהויבן ביז די אַקסלען, האָט זיך אַריינגעריסן אונטערן קאָלנער, האָט מיט שאַרפֿע קרישטאָלן געשניטן דאָס מויל. אין אַזעלכע מינוטן האָט מען דעם וועג נישט געזען. אַלץ, וואָס איז געלעגן נידעריקער פֿון דעם פֿליענדיקן שניי־שיכט, איז געווען נישט צום זען. אַ באַגעגנטער מענטש איז אין אַזעלכע מינוטן געווען בלויז אַ קאָפּ. פֿערד, וואָס האָבן געשלעפּט אַ שליטן, האָבן פּרובירט אויפֿהייבן דעם קאָפּ איבערן שניי, און זענען געלאָפֿן דערשראָקענע אי־

בערן סטעפּ צו א ישוב, וואָס איז געווען קענטיק מיט זיינע נאָך נישט פאַר־שטעלטע דעכער.

בעת איינעם אזא שטורעם בין איך צוזאמען מיט אנדערע צוריקגעפאָרן מיט א טראנספּאָרט היי. מיין שליטן איז געווען דער לעצטער. דער שניי האָט זיך אויפגעהויבן העכער, ווי שטענדיק. מען האָט פון שליטן נישט געזען די אָקסן, וועלכע האָבן אים געשלעפּט. איך האָב זיך דערפאר נישט דערשראָקן, איך האָב געגלייבט, אז זיי וועלן זיכער דערגיין צום ישוב, וועלכער איז געווען א זיבן־אכט קילאָמעטער ווייט. צוגעהעקט מיט היי האָב איך זיך צוגעהערט צום אימהדיקן געוואָי פונעם שטורעם און האָב מיך געפרייט פון דער קלוגשאפט פון די אָקסן, וועלכע זענען פאמעלעך, אָבער זיכער געגאנגען פאָרויס. עס איז מיר גוט געווען. דער געדאנק וועגן אומקער אין דער ווארעמער באטע, אין וועלכער עס האָט שטענדיק געשמעקט מיט ווייצענעם ברויט, מיט מילך, וווּ די באלעבאָסטע האָט אויף אָוונט־ברויט געבאקן קנישעס אויף פוטער מיט קאַר־טאָפל אָדער קעז, האָט שוין דאָ, אין סטעפּ, צווישן שטורעם געוועקט אן אָנ־גענעם געפיל.

איך האָב ליב געהאט צו פארברענגען די אָוונטן אין שטוב, ווען נאָך א פּראָסטיקן טאָג האָט דער קערפער געפלאמט, ווי נאָך אן עלעקטרישן מאסאַזש. אומזיסט האָט דער שטורעם זיך באמיט ארויסצוציען די ווארעמקייט, צו שרעקן. דאָס הויז פונעם קאָלווירטניק איז געווען פאַר אים נישט צוטריטלעך. מיר האָט זיך אויסגעדאכט, אז די טאָכטער פונעם באלעבאָס, וועלכע איך האָב צוגעגרייט צום עקזאמען פון דער געשיכטע פון אלקפּ(ב) — זי האָט עס אלס קאנדידאט פון דער פארטיי געמוזט קענען — האָט זיך אינטערעסירט נישט בלויז מיט דער פארגאנגענהייט פונעם אייגענעם לאנד, נאָר אויך מיט מיר.

נאָכפיע האָט מיר אָפט געגעבן באוויזן פון איר פאראינטערעסירטקייט אין מיר. דאָס איז מיר שטארק געפעלן. א קליין קישעלע ביי דעם קישן אויף מיין געלעגער. א צוגעגרייט פרישטיק. אפילו אירע אָפּיציעלע באפעלן איך זאָל באצייטנס דערלאנגען ראפּאָרטן וועגן דרעשן, האָבן מיר אויסגעזען צו זיין אָנגענעמע גרוסן פון איר. איך האָב די דאָזיקע באפעלן געלייענט מער מאָל, ווי עס איז נייטיק געווען און עס האָט זיך מיר אויסגעדאכט, אז איך לייען אָרויס פון זיי עפּעס מער פון זייער בוכשטעבלעכן אינהאַלט. זי ווידער האָט מיר שפּעטער געוויזן מיינע ראפּאָרטן און לאכנדיק געזאָגט:

— דאָס איך דאָך אן אמתע ליבע־דערקלערונג, צי קאָן מען דען נאָך קלאָרער זיך דערקלערן אין ליבע צו א מיידל?

צו דעם אלעמען האָב איך געהאט אונטערגעהערט א שמועס פון אירע עלטערן. זיי האָבן נישט געוווּסט, אז כ׳בין שוין צוריק געקומען פון דער אר־בעט און אז איך רו אָפּ אין אלקער.

— ווייסט וואָס, אלטע — האָט אָנגעהויבן טראָפים וואסיליעוויטש — כ'האָב מורא פאר נאסטיען.

— צו שפּעט הייבסטו אָן צו זאָרגן פאר די קינדער — האָט זי אים געענטפערט. — האָסט געדארפט וועגן דעם טראכטן איידער דו האָסט אָנגעהויבן באלעבאטעווען אין קאָלווירט. האָן האָסטו געטרונקען און טאָן האָסטו נישט געוואָלט, און איצט? זיי זענען אויסגעוואקסן, דער קאָלווירט האָט זיי געגעבן א שול, איצט ביסטו מיט דיינע זאָרגן געקומען אויף אלעם גרייטן.

— א נאר ביסטו — האָט זיך פארטיידיקט דער באלעבאָס — ביזן טויט וועסטו מיך אליין דערמאָנען די עטלעכע זעקלעך ווייץ, וואָס איך האָב פארטרונקען. איך האָב מורא פאר נאסטיען צוליב אָט דעם פּאָליאק, פארשטייסט?

— וואָס האָט דיר אין קאָפּ א שלאָג געטאָן? ביסט שוין אין גאנצן חסר־דעה האָט אים געשטראָפט פּראסקאָוויא וואסיליעוונא. — אונדזער טאָכטער איז דאָך עפּעס א בוכהאלטער אין קאָלווירט! אזא לייטיש מיידל וועט זיך נישט פארבונדן מיט אבי וועמען. אוי, האָסטו שכל...

אפילו אזא מיינונג וועגן מיין פּערזאָן האָט מיר אויך הנאה געטאָן.

...אין א געווינסן מאָמענט איז דער שליטן שטיין געבליבן. די וויזיע וועגן דער כאטע איז פארשוואונדן. עמעצנס א קול האָט געבעטן הילף.

— אָקסן האָב איך יונגע, — האָט יענער געזאָגט. — זיי וועלן נישט דערשלעפּן.

— נעם מיינע און ברענג זיי שנעל צוריק — האָב איך פאָרגעלייגט.

עטלעכע מאָל איז צו מיר דערגאנגען דער אָפּקלאנג פון דער קייט און פון די שטאָלענע טיילן פונעם געשפאן, כ'בין אָבער נישט געווען בכוח צו דערזען, ווער עס איז דער, וואָס האָט ביי מיר די טובה געבעטן. דער טריקענער שניי האָט ארויסגעגעבן פון זיך דעם גערויש ווי פון א כוואליע זאמד. צייטנווייז פלעגט אויף אַ רגע זיך באַווייזן דער הימל אין מוטנע, פייערדיקע פארבן. די זון — שוין נישט האָבנדיק די שארפקייט, איז געגליכן געווען צו א באגילדעטן דיסק. קיין וואָלקנס זענען נישט געווען.

דאָס ווארטן אויפן צוריקקער פון די אָקסן האָט גענומען צו לאנג דויערן.

„עפּעס איז, ווייזט אויס, געשען — האָב איך געטראכט — עס האָט מער קיין שום זין נישט צו ווארטן אויפן צוריקקומען פון די אָקסן“. עס איז געווען א גרויסע ריזיקע אָפּצוגיין מער, ווי צען מעטער פונעם שליטן. מ'קאָן פארבלאָנדזשען. איך האָב דעריבער באשלאָסן צו לאָזן זיך אין וועג מיט די אָקסן, וואָס יענער האָט מיר איבערגעלאָזן. אַלע מיינע פּרוון האָבן אָבער קיין שום האָפענונגען נישט געגעבן. די אָקסן זענען בישט נאָר געווען א סך שוואכער פון מיינע, איך האָב בפירוש נישט געזען ביי זיי דעם מינדסטן ווילן בייצוקומען די שוועריקייטן ביים דערשלעפּן זיך אהיים. זיי האָבן אָנגעשטארצט די האָר פון דער פעל, זיך געפּרוווט אויסבאהאלטן פונעם ווינט, זוכנדיק א שטיל ווינקל און געציטערט ווי אין קדחת. די אויגן זענען געווען ביי זיי צוגעשמורעט און אַן

שום גלאנץ. דאָס האָט געהייסן, אַז עס איז זיי שוין געווען אַלציינס, וואָס עס וועט מיט זיי געשען, אַבי אָט די אומפאַרמיידלעכקייט זאָל נישט זיין אַזוי שרעקלעך. נישט געקוקט אויף דער אייגנשאַפט פון די אָקסן, האָב איך לאַנג, כאָטש אומזיסט, נישט געוואָלט איינגיין אויף זייער באַשלוס. איך האָב אָנגעהויבן זיי צו שלאָגן. עס האָט נישט געהאָלפן. איך האָב זיי אָפּגעגעבן דאָס עסן, וואָס כ'האָב גענומען פאַר זיך אין וועג — דער רעזולטאַט איז געווען דער זעלבער. איך האָב ווייטער געשלאָגן, כאָטש איך האָב גוט געוווּסט, אַז אַ חיה, וואָס ווערט אין אַזעלכע אומשטענדן געשלאָגן, פאַרלירט דאָס רעשט ביסל אָריענטאַציע און ווערט נאָך ווייניקער נוצלעך פאַרן בלאָנדזשענדיקן.

וואַרטן אויף אַ גוט וועטער איז געוואָרן געפערלעך, און טאָן עפּעס האָב איך געקאָנט בלויז אויפן סמך פון סברות. איך האָב אין געדאַנק אויסגערעכנט אין וואָס פאַראַ ריכטונג און ווי ווייט אויף דרום געפינט זיך דאָס דאָרף. עס האָט געקאָנט אויסמאַכן אַן ערך טויזנט — טויזנט פינפהונדערט מעטער. דער ווינט האָט געבלאָזן פון מערב זייט. „איך וועל דעם דאָזיקן מהלך דורכמאַכן אין זיין ריכטונג, נאָכדעם וועל איך זיך ווענדן מיט דער רעכטער באַק צום בושעווענדיקן ווינט און אַזוי אַרום וועל איך באַקומען די נייטיקע ריכטונג אויף דרום — האָב איך זיך געטראַכט — נאָך פינף, זעקס שעה וועל איך דערגיין צום דאָרף“.

די נאַכט, וואָס איז צוגעפאַלן האָט נישט קיין סך געקאָנט מיר שטערן, ווייל אויך בייטאָג האָט מען געקאָנט זיך רירן פון אָט דעם שניי־קעסל בלויז טאַפּנדיק און דער פינצטער. איך האָב די אָקסן צוגעבונדן צום פּאַס און האָב זיך געלאָזט אין וועג. איך האָב געציילט די טריט. „צוויי אויף צוויי מעטער“ — האָב איך געטראַכט. דער שניי האָט זיך ערטערווייז אָפּגעזעצט אין סטעפּ, באַזונדערס אין די ערטער, וואָס זענען באַוואַקסן מיט אַ טרוקענעם בוראַן און דעריבער זענען די פיס טיף איינגעזונקען. עס איז שווער געווען צו גיין. אָפט בין איך געפאַלן, פאַרשטשעפּענדיק זיך אין דעם נישט גלייכן באָדן. די אויגן זענען מיר פאַרקלעפּט געוואָרן מיט שניי. ווען עס איז פולשטענדיק פינצטער געוואָרן האָט דער פראָסט אַביסל געלאָזן און דער שניי האָט זיך גענומען קלעפּן צו מיינע מלבושים. איך האָב אַלץ מער געפילט די מידקייט. דורשט האָט געטריקנט דעם האַלדז. דער שניי האָט אים נישט געשטילט.

ווען איך האָב אָפּגעציילט די צאָל טריט, וועלכע זענען נייטיק, כדי זיך אויסצוגלייכן מיטן דאָרף, האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף הויפנס שטרוי. אין דער שטילקייט האָב איך אַביסל אָפּגערוט. די אָקסן האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס אָרט און כ'בין געווען געצוווּנגען צו פירן מיט זיי אַ קאַמף, כדי זיך לאָזן אויף דרום־זייט. נאָך עטלעכע שעה ראַנגלען זיך מיטן שניי און מיט די אָקסן בין איך געווען אַזוי אויסגעשעפּט, אַז עס האָט קיין שום רייד נישט געקאָנט זיין וועגן ווייטער גיין. בלייבן אויפן אָרט האָט באַדייט אומקומען. איך האָב וועגן דעם געוווּסט. „ווי גוט וואָלט עס געווען — האָב איך מיר געטראַכט —

ווען אָנשטאָט אָקסן זאָלן דאָ זיין קעמלען". בעת א שטורעם אין סטעפּ פּלעגן אָקסן פאַרפרוירן ווערן, קעמלען אָבער לייגן זיך אוועק איינער לעבן אַנדערן און קאָנען אויסהאַלטן אפילו א מעת-לעת זיך נישט רירנדיק פון אָרט. צווישן זיי איז וואַרעם און זיכער. אפילו הונגעריקע וועלף פלעגן זיי נישט שטאַרק אַטאַקירן.

מער לויט דער אינערן, ווי באַוווּסטזיניק האָב איך געמאַכט די לעצטע אָנשטרענגונגען, פרווונדיק זיך רוקן פאָרויס. מיין גאַנץ לעבן איז מיר אין געדאַנק פאַרביי. די מאַמע, די ברידער, די גאַנצע משפחה, אפילו דער קאָמיסאַר שיקאָרסקי און דער העניקער סוכאָדאָלסקי, אָבער די מידקייט האָט געצוואונגען איבער מיר די אייבערהאַנט. די מאַמע איז מיר פון די אויגן נישט פאַרשווונדן אפילו אויף קיין רגע. אָבער נאָסטיעס בילד איז פאַר מיר אויפגעקומען פיל בולטער און האָט זיך לענגער איינגעהאַלטן מיט זיין ווירקלעכן אויסזען.

פלוצים האָב איך דערפילט א שטאַרקן שלעפּ, וואָס האָט מיך אָפּגעצויגן פונעם שטורעם און פון די כמעט צעשטרייטע געדאַנקען. איידער איך האָב זיך אָריענטירט, האָט די זעלבע קראַפט מיך נאָך אַמאָל א שלעפּ געטאָן און איך האָב דערהערט דאָס מרוקען פון די אָקסן: „וועלף!" — ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט מיר פלוצים אומגעקערט די העלקייט פון געדאַנק. אין איין רגע האָב איך אַראָפּגענומען פון זיך דעם פאַס, צו וועלכן עס זענען געווען צוגעבונדן די אָקסן און בין געבליבן שטיין אין אַזא פּאָזיציע, ווי איך וואָלט אין די הענט געהאַט א דראָענדיק געווער און נישט קיין זעלנערישן פאַס. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז אוממעגלעך איך זאָל נישט בכוח זיין צו דערזען די אָנפאַלער און וואַרפן זיך אויף זיי.

א סך מינוטן זענען אַדורך. קיין שום קול האָט זיך אָבער נישט אַריינגעריסן אין דעם רעווען פונעם שטורעם. „הייסט עס, אַז נישט קיין וועלף!" — האָט זיך צו מיר אומגעקערט דער באַוווּסטזיין וועגן דער לאַגע. בהמות, אויף וועלכע עס פאַלן אָן ווילדע חיות, גיבן געוויינלעך אַרויס א פאַרצווייפלט קול. אפילו דער שטורעם וואָלט נישט בכוח געווען צו פאַרטויבן אַזא געשריי. איך האָב ווידער דערשפּירט א מידקייט. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפן שניי. אין א זייט האָבן זיך באַוויזן טונקעלע פלעקן. איך האָב געטראַכט, אַז דאָס זענען מיינע הענטשקעס, וועלכע איך האָב אַראָפּגעוואָרפן בעתן אַראָפּשלעפּן דעם פאַס. געווען זענען עס אָבער די נאָך נישט פאַרשאָטענע שפּורן פון די אָקסן. אויף אַלע פיר בין איך אַהין צוגעקראָכן. מיין פרייד און פאַרוווּנדערונג האָט גאָר קיין גרענעץ נישט געהאַט. איך האָב זיך אָנגעשטויסן אויף די אָקסן, וועלכע זענען געשטאַנען ביי א פאַרשאָטענעם ביזן שפּיץ סטויג היי. איך האָב זיך געוואָרפן אין ווייכן שניי און אין די געדאַנקען האָב איך זיך שוין געזען טיף אין סטויג, צו וועלכן מען האָט ערשט באַדאַרפט מיט כוח זיך דערקלייבן צוליב דעם, ווייל דאָס היי איז געווען צוגויפגעפרעסט. „כ'וועל אַביסל אָפּרוען און וועל זיך נעמען צו דער אַרבעט" — האָב איך באַשלאָסן.

עס איז גוט צו האָבן די זיכערקייט אין עפּעס, וואָס הייסט נישט פאַרלאָזן זיך אויף אומדערוואַרטע זאַכן. אין אַזעלכע מינוטן איז דאָ צייט אויף צו באַטראַכטן זיך און מ'קאָן זיין צופרידן, איך האָב אָפּגערוט. „קיין שום זאַך דראָט מיר שוין נישט. די אָקסן האָבן פּשוט דערשפּירט היי און האָבן דעריבער געפּרווט זיך צעשיידן מיט מיר. שרעק האָט גרויסע אויגן" — האָב איך זיך געפּרווט אַליין איבערצייגן. מיר האָט זיך געוואָלט שלאָפן. דאָס איז געווען אַ סיגנאַל צום ווייטערדיקן קאַמף. „מ'טאָר נישט איינשלאָפן" — האָב איך געהערט די וואָרנענדיקע רייד פון מיין מאַמען, ווען זי האָט אונדז דערציילט וועגן דעם, וואָס עס פלעגט מיט איר געשען, ווען זי פלעגט זיך לאָזן ווינטער, בעת אַ זאַווערוכע, אין וואַלד אריין נאָך האָלץ. „וועסט איינשלאָפן אויפן פראָסט, וועסטו שוין מער נישט אויפשטיין" — האָט זי געזאָגט.

איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך פאַרווונדערט, פאַרוואָס איך קאָן נישט טרעפן מיט דער לינקער האַנט צום שניי, כדי זיך אָנשפּאַרן אויף אים און אויפשטיין. אַזוי איז אויך געווען מיט דער רעכטער האַנט. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, ווי כ'וואָלט געבליבן הענגען איבער אַ תהום. כ'בין אויפגעשטאַנען אויף די קני. איך האָב נישט געפילט די הענט. בלויז אַ שווערקייט האָב איך געהאַט אין די עלנבויגנס. כ'האָב געמאַכט אַ באַוועגונג, כדי אויפצוהייבן די הענט צו די אויגן און דערפילט, ווי כ'וואָלט מיט אַ פרעמדן אבר זיך צוגערירט צום פּנים. — כ'וועל פאַרפרוירן! — האָב איך אויסגעשריגן און מיט דער זעלבער קראַפט, ווי בעת דער מורא פאַר די וועלף האָב איך זיך אַ ריס געטאָן פון דער ערד. לויפנדיק אַרום און איבערן שניי האָב איך נישט געוווּסט, וואָס איך האָב צו טאָן. די הענט זענען מיר שווער געווען און האָבן מיר געשטערט עפּעס צו טאָן. די שרעק האָט מיר פאַרטונקלט דעם באַוווּסטזיין. די אייגענע הענט האָב איך געפילט, ווי אָפּגעשטאָרבענע, פרעמדע זאַכן. כ'ווייס נישט ווי לאַנג כ'בין אַרומגעלאָפן אַרום סטויג. ווען די מורא האָט גענומען אַביסל אָפּלאָזן, האָב איך באַמערקט, אַז איך האָב מיט די הענט אָן אויפהער געקנעטן דעם שניי. שווייס האָט מיר באַגאָסן דאָס פּנים. די הענט האָב איך אָבער נישט געפילט. זיי זענען געווען פאַרשטאַרטע, טויטע, שרעקלעכע, אָבער דאָך מיינע און מ'האָט זיי געדאַרפט ראַטעווען. אַראָפּנעמען די וואַלאָקעס אין אָנטאָן זיי אויף די הענט? אָבער אָן דער הילף פון די הענט האָב איך אויך דאָס נישט געקאָנט טאָן. איך האָב זיי אַריינגעשטעקט טיף אין שניי און האָב געטראַכט, צי וועלן זיי מיר ווייטער נישט פאַרפרירן. איך האָב שוין קאָנטראָלירט מיינע האַנדלונגען, איך האָב שנעל באַוועגט מיט די אָרעמס, רייבנדיק מיט זיי דעם שניי. אין אַ צייט אַרום האָב איך דערפילט אַ שטאָך און אַ בייסעניש אין דער הויט, נאָכדעם אַ ווייטיק. איך האָב אָבער די הענט נישט אַרויסגענומען פון שניי, איך האָב מורא געהאַט פאַר זיי. ווען דער ווייטיק האָט גענומען אָפּגיין און די הענט האָבן מיר בלויז געברענט, האָב איך זיי באַטראַכט. זיי זענען געווען פאַרווונדעט און עס איז געגאַנגען פון זיי

בלוט, אָבער זייער ווארעמקייט איז מיר שוין אָנגענעם געווען. איך האָב זיך געפרייט ווי מיט א צוריקגעפונענע גליק, וואָס איך האָב געהאט פארלוירן. קיין זאך האָט מיר שוין נישט געפעלט.

שנעל האָב איך געמאכט א נישט גרויסע הייל אין דעם סטויג און האָב קודם־כל דאָרט אויסבאהאלטן מיינע פארשוויצטע פלייצעס. מיטן ארויסגעשלעפּטן היי האָב איך זיך צוגעדעקט און האָב פעסט באשלאָסן נישט איינצושלאָפן. איך האָב זיך געקניפּט אין די באקן, געריסן די ליפּן און באוועגט מיט די פינגער פון די פיס, און אזוי ארום פון זיך פארטריבן די קלעפּיקע און עקשנותדיקע שלעפעריקייט.

דער שטורעם האָט זיך איינגעשטילט. קיין שטערן האָבן נישט געלויכטן, אָבער אין דער גרויקייט האָט מען געקאָנט זען דעם ווייסן שטח. „ביז טאָג איז שוין נישט ווייט" — האָב איך זיך געטרייסט און האָב ווייטער אָפּגעטריבן, ווי זלידנע פליגן, די שלעפעריקייט, וואָס האָט מיך שלאבעריק געמאכט. פלוצים האָט זיך מיר אויסגעדאכט, ווי איך זאָל האָבן געהערט א קלאפּעריי פון פערדישע קאָפּיטעס. „צי דען זשע זוכט מען מיך אין אזא וועטער? אוממעגלעך! לאָזן זיך איצט מיך זוכן — וואָלט אנדערע געבראכט צו אזא לאגע ווי מיינע, אָן שום רעזולטאטן" — האָב איך געטראכט. די קלאפּעריי איז אויף א רגע שטיל געוואָרן און האָט זיך באלד ווידער געלאָזט הערן. איך האָב זי געהערט אלץ נענטער צו זיך. איך האָב פאנאנדערגערוקט דאָס היי און האָב זיך איינגעקוקט אין שוין כמעט רואיקן סטעפּ. מיר האָט זיך געדאכט. אז איך זע א טונקעלן פונקט. איך האָב אָבער נישט געקאָנט טרעפן, ווי גרויס ער איז. אין סטעפּ קאָן מען אפילו ביי נישט קיין שלעכטער זעעוודיקייט פארלירן די פּערספּעקטיוו. אָפט, למשל, האָב איך אָנגענומען די בוראנעס, וואָס האָבן ארויסגעשטארצט פון שניי אלס א גרויסן בוים, און די עקסקרעמענטן פון קעמלען האָבן אין דער טונקלקייט אָפט אויסגעזען ווי א פאס ערד, וואָס ציט זיך א קילאָמעטער די לענג. איצט איז קענטיק געווען, אז ווי נאָר דער פונקט איז געבליבן אומבאוועגלעך האָט די קלאפּעריי אויפגעהערט. „הייסט עס, אז דאָס איז נישט קיין מיראזש" — האָב איך געטראכט. איך האָב זיך אָבער נישט געאיילט מיט באגריסן דאָס געזעענע. „אפשר איז דאָס א וואָלף". ווירקלעך, דאָס איז געווען א וואָלף. נישט געקוקט אויף דער לייכטקייט פון זיינע טריט האָט דער סטעפּ, א באדעקטער מיט שניי, געענטפערט מיט אן עכאָ. מיר האָט זיך געדאכט, אז כ'בין פולשטענדיק רואיק. די האָר האָבן זיך מיר אָבער געשטעלט אויפן קאָפּ. דער וואָלף האָט זיך פארהאלטן ביי א צוויי צענדליק מעטער פון דעם סטויג און האָט זיך אין אים איינגעקוקט. די אָקסן האָבן זיך געפונען פון דער אנדערער זייט. איך האָב בולט געזען זיין ברוסט מיט דעם העלן ווייסן פלעק, זיין טונקעלע מאָרדע, די אָפּשטייענדיקע אויערן און פאָספאָריש־בלאנקענדיקע אויגן. „ער איז קלענער פון א וואלד־וואָלף" — האָב איך באמערקט. די הויט פונעם הינטערשטן טייל קאָפּ האָט נישט אויפגעהערט ביי

מיר שטייף צו ווערן. אומדערוואַרט פאַר זיך אַליין האָב איך אָפּגעוואָרפן דאָס
היי, וואָס האָט מיך צוגעדעקט, און האָב זיך געלאָזט פאָרויס אין דער ריכטונג
פונעם וואָלף, שרייענדיק דערביי מיט אַן אויסערגעוויינלעכער קראַפט. ער איז
אָפּגעשפּרונגען אין א זייט. א צייט געלאָפן, אויף א מינוט זיך פאַרהאַלטן
ווענדנדיק זיך מיט א זייט צו מיר. ענדלעך האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויפן
הינטן און אָנגעהויבן מוראדיק צו וואָיען. כ'בין צוריקגעגאַנגען צום סטויג. די
אָקסן, וועלכע זענען מיט א שטריקל געווען צוגעבונדן פאַר די הערנער, האָבן
זיך צונויפגעדריקט ארום מיין הייל. מיט שוועריקייטן איז מיר אָנגעקומען צו
פאַרנעמען מיין פריערדיקן פּלאַץ. אין דער מינוט האָט זיך איבערן סטעפּ
דערהערט א געוואָי פון צענדליקער וועלפישע קולות. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן
ערגעץ ווייט, אין דעם חושך פון דעם פאַרגעפלטן ארום, און האָבן זיך געענ=
דיקט דאָ, נאָענט ביי דעם סטויג. כאָטש כ'האָב געהאַט די האָפענונג, אַז די
וועלף וועלן נישט וואַגן אָנפאַלן אויפן סטויג, האָט עס מיך דורכגענומען מיט
גרויל. דאָס האַרץ האָט אין מיר געקלאַפּט אַזוי שטאַרק, אַז כ'האָב נישט גע=
קאָנט אָפּשטויסן די קעפּ פון די אָקסן, וועלכע האָבן זיך געטוליעט צו מיר.
זיי האָבן איצט ביי מיר געזוכט הילף. כ'בין אָבער נישט געווען בכוח די דאָזיקע
הילף זיי צו געבן — אַפילו די ווערלעס האָב איך איבערגעלאָזן ביים שליטן.
כ'האָב, אמת, געקאָנט אָנצינדן א פייער און פאַרברענען דעם סטויג, אָבער
דער ווערט פון היי בעת דער מלחמה איז געווען אַזוי גרויס, אַז כ'וואָלט מיט
גאָרנישט נישט געקאָנט דערנאָך קאָמפּענסירן דעם קאָלווירט. איבעריקנס,
וואָלטן די אָקסן, צעווילדעוועטע פון שרעק פאַר די וועלף, אויך פאַרברענט
געוואָרן.

אינגיכן האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. די וועלף זענען אָפּגעטראָטן אין סטעפּ.
ארום האָט זיך אויסגעצויגן א גרענעצלאָזער, ווייסער שטח. קיין שום האָרף
אָדער וועג האָט מען נישט געזען. דער טיפער שניי האָט באַדייט א שווערן
צוריקקער, אויב אַפילו מיר וואָלט זיך איינגעגעבן צום אָריענטירן זיך אין דעם
אָרט, ווו כ'האָב מיך געפונען. ווען ס'איז פולשטענדיק ליכטיק געוואָרן האָב
איך אין דעם דרומדיקן טייל פון סטעפּ דערזען א גרויסן טונקעלן פלעק. דאָס
האָט געקאָנט זיין בלויז א קוואַל. אויב דאָס איז אַזוי, איז דאָס דער קוואַל
קאַרא=בולאַק, וואָס איז פונעם קאָלווירטישן ישוב ווייט אַן ערך פינף קילאָמע=
טער. ביז צום קוואַל האָט מען געדאַרפט דורכמאַכן דריי קילאָמעטער. איך
האָב זיך געלאָזט אין וועג.

ארום דריי אזייגער בין איך צוגעקומען צום קוואַל. פונעם באַרגיקן שטח,
וואָס האָט געטראָגן דעם זעלבן נאָמען, האָב איך ווי אויף דער האַנט געזען
די קאָלווירטישע געביידעס. עס האָט פון זיי געטראָגן מיט רואיקייט, מיט דער
זיכערקייט, פון שטילן דעם הונגער און נאָך מיט א סך דערוואַרטע און אומ=
דערוואַרטע זאַכן.

דעם טיפן שניי האָב איך זיך באמיט בייצוקומען, קריכנדיק אויף אלע פיר אָדער זיך קייקלענדיק. יעדער טראָט האָט איצט מיך דערווייטערט פון דער שרעק, פון די מאטערנישן, פון דער מעגלעכקייט צו פארלירן דאָס לעבן. איך האָב ווייטער זיך געראנגלט מיטן אזוי גערופענעם געזונטן שכל. דריי קילאָמעטער בין איך בייגעקומען פון פארטאָג, דאָס הייסט פון זיבן ביז דריי אזייגער. איצט, מיט קלענערע כוחות, האָב איך געוואָלט דורכמאכן פינף קילאָמעטער ביז פיר, פינף אזייגער. עס איז מיר וואָס אן אמת געווען אביסל לייכטער. די אָקסן האָב איך איבערגעלאָזט ביים קוואל. נישט געקוקט דערויף בין איך אליץ אָפטער געפאלן און אליץ לענגער נישט אויפגעשטאנען פון שניי. בעת איינעם אזא פאלן האָב איך דערהערט זייער א בולט גערויש. איך האָב זיך אויפגעהויבן און דערזען צוויי וועלף, וואָס זענען צוגעפאלן צום שניי. זיי האָבן זיך איינגעקוקט אין מיר, ווי מיר האָט זיך אויסגעדוכט, מיט גרויס פארוואונדערונג. כ'ווייס נישט פארוואָס, נאָר איך האָב זיך פאר זיי נישט געשראָקן אזוי ווי אינדערפרי. איצט האָב איך זיי בולטער געזען. זיי זענען ווירקלעך געווען קלענער ווי וואלד־וועלף און זענען גיכער ענלעך געווען אויף פוקסן, איידער אויף וועלף. כ'בין מיט נייע כוחות געגאנגען פאָרויס. די וועלף האָבן זיך געהאלטן אויף א קענטיקן מהלך פון מיר. ווי נאָר איך פלעג אנידערפאלן פלעגט דער מהלך באלד קלענער ווערן אויף א שפּאָר ביסל מעטער. ווען כ'פלעג אויפשטיין פלעגן די וועלף ווידער איינהאלטן א דיסטאנץ. כדי פולשטענדיק זיך פילן זיכער, האָב איך געדארפט א פאָר ווירלעם.

עס האָט זיך פאמעלעך אונטערגערוקט א קלאָרער, פראָסטיקער פארנאכט. די רויטע שטראלן פון דער פארגייענדיקער זון האָבן מיט ראָזן־אָפשיין באדעקט דעם ווייסן שטח פון כמעט ביז זיינע ברעגן, אויף וועלכן עס האָט זיך אויף מזרח־זייט אָנגעשפארט דער אליץ מער טונקל־ווערנדיקער הימל. די ערשטע זילבערנע שטערן האָבן מיט זייער שיין געפרוווט דורכדרינגען דעם ראָזן ארום און פארוואנדלען די שניי־קרישטאָלן אין טויזנטער שטערן אויף דער ערד.

אין אזא נאכט האָט בלויז דער טיפער שניי מיך געקאָנט אויסהיטן פון פארפרוירן ווערן. איידער כ'האָב זיך גענומען צום גראָבן א טונעל ביי דער זייט פון א בארג, האָב איך פארפרוירענע שטיקער שניי געוואָרפן אין די וועלף, וועלכע זענען פון מיר נישט אָפגעטראָטן. זיי זענען אביסל אָפגעלאָפן אויף צוריק און האָבן זיך צוגעקוקט צו מיר און מיין ארבעט. עס וואָלט זיך געקאָנט שלעכט ענדיקן מיין נאכט־לעגער, ווען נישט דער פאל, וואָס אָפרוענדיק אויפן שניי, האָבן מיך באמערקט די קאָלווירטניקעס, וועלכע האָבן מיך געזוכט. זיך דערקלייבן צו מיר אויף פערד האָבן זיי בשום אופן נישט געקאָנט. ערשט ווען זיי האָבן געבראכט אָקסן, איינגעשפאנטע אין א שליטן, זענען זיי צו מיר צוגעקומען.

א קרבן פון די וועלף איז דעם טאָג געפאלן דער הונט, וואָס איז געקומען מיך זוכן. לעבן דעם שליטן, אויף וועלכן איך האָב זיך צוריקגעקערט, זענען

זיי אויף אים אָנגעפֿאַלן. די שרעק און פֿאַרוואונדערונג איז ביים יונגן הונט געווען אַזוי גרויס, אַז ער איז אומגעקומען, נישט אַרויסגעבנדיק פֿון זיך דעם מינדסטן ביל.

דער שולדיקער אין דעם אַלץ, וואָס איז מיט מיר געשען אין סטעפּ — אַ געדונגענער אַרבעטער פֿון קאָלווירט, איז גלייך באַפֿרייט געוואָרן פֿון דער אַרבעט פֿאַר מאַנגל אין סאָלידאַריטעט און פֿאַר פּחדנות. איך ווידער בין נאָך אַ געהעריקן אָפּרו אוועקגעשטעלט געוואָרן אַרבעטן אין דער שמידעריי. איך האָב זיך דאָרט געלערנט דאָס פֿאַך און האָב אויסגעאַרבעט 3 נאָרמעס אַ טאָג.

— שוין צייט דיר חתונה צו האָבן, ס'וועט נישט זיין קיין אָרט ביי מיר וווּ צו לייגן די תבואה, וואָס דו וועסט באַקומען — האָט מיר געגעבן אָנצוהערן טראָפֿים וואַסיליעוויטש.

עס האָט מיך אינטערעסירט דער יערלעכער אַרבעטס־בילאַנס אין קאָלווירט. איך האָב דעריבער געבעטן דער טאָכטער פֿון מיין באַלעבאָס זי זאָל מיך באַקענען מיט די יסודות, לויט וועלכע מען טיילט און מען רעכנט אויס דעם יערלעכן אַרבעטס־רעזולטאַט. און ווייל דער בילאַנס פֿאַרן 1942 יאָר איז נאָך נישט געווען געמאַכט, האָב איך זיך באַקענט מיטן חשבון פֿאַרן 1941 יאָר. די ציפֿערן, וועלכע איך ברענג זענען פּינקטלעכע און אויטענטישע. איך האָב זיי דערקענט אין רעזולטאַט פֿון דער „בייזער שעה“, ווי עס האָט געזאָגט שפּעטער מיין באַלעבאָס, ווען ער האָט מיר געעצהט חתונה צו האָבן. „עס איז מיר אויפֿן געדאַנק נישט געקומען, אַז דו וועסט אויסקלייבן מיין טאָכטער — האָט ער דערמאָנט, שוין צום צווייטן מאָל, מיט אַ כיטרען שמייכל, ווען מיר זענען אין 1946 יאָר אַרויסגעפֿאָרן קיין פּוילן.

אַלזאָ אין 1941 יאָר האָט דער קאָלווירט באַאַרבעט 2,400 העקטאַר.

די אַלגעמיינע געדעטעניש פֿון תבואה — ווייץ, קאָרן, פּראָסע, גערשטן — האָט באַטראָפֿן 22,150 צענטנער. פֿון דעם איז דער מלוכה פֿאַרקויפֿט געוואָרן פֿאַר ספּעציעלע פּרייזן 8,550 צענטנער, דער מאַשין־טראַקטאָר־סטאַציע האָט מען פֿאַר איר אַרבעט בעתן אַקערן, זייען און שניידן באַצאָלט 2,000 צענטנער; אויף זריעה צום האַרבסט און פֿרילינג־פֿאָרזיי האָט מען אָפּגעלייגט 2,270 צענטנער; אַלס רעזערוו־פֿאָנד איז באַשטימט געוואָרן 2,230 צענטנער.

צום פֿאַנאַנדערטיילן פֿאַר 100,833 אַרבעטס־טעג אין משך פֿון יאָר איז געבליבן 6,500 צענטנער; דאָס האָט אויסגעמאַכט 6,4 קילאָגראַם אויף איין אַרבעטס־טאָג: 5 קילאָגראַם ווייץ, 1 קילאָגראַם קאָרן און פֿערציק דעקאָגראַם פּראָסע. כ'רעכן דאָ נישט אַ געוויסע צאָל קאַרטאָפֿל, גרינס, רויזן־זריעה און אַנד. וועלכע מען האָט אויך געטיילט לויטן זעלבן פּרינציפּ. חוץ דעם האָט דער קאָלווירט באַקומען 324,090 רובל הכנסה פֿון דער מילך־ און שעפּס־פֿערמע, פֿונעם גאָרטן און פֿון אַנדערע קוועלן. אַזוי אַרום איז פֿאַר יעדן אַרבעטס־טאָג צוגעקומען 3 רובל מיט 20 קאָפּיקעס גרייט געלט. אַזוי ווי תבואה און געלט

האָט מען אויך געטיילט שטרוי און היי. שטרוי איז אויף אן אַרבעטס־טאָג אויסגעקומען 3 קילאָגראַם און היי — 2 קילאָגראַם.

אין קאָלווירט זענען געווען 130 משפחות. די יערלעכע הכנסה פון דער משפחה פון מיין פרוי, פונעם קאָלווירטניק טראָפים וואסיליעוויטש, נישט רעכענענדיק די הכנסה פון דער אייגענער ווירטשאפט, וועלכע איז באַשטאַנען פון א האלבן העקטאר ערד, 4 קי, 2 יאַלעווקעס, חזירים און עופות האָט באַטראָפן: טראָפים וואַסיליעוויטש האָט געהאַט 435 אַרבעטס־טעג; אַנאַסטאַזיע — 895; מאריע — 350; גריגאָרי — 270, צוזאַמען — 1,950 ארבעטס־טעג. אזוי ארום האָט די משפחה פאַרדינט אין 1941 י. 125 צענטנער תבואה, 6,240 רובל, 5,850 קילאָגראַם שטרוי און 3,900 קילאָגראַם היי. מעדיצינישע הילף, א היים פאר זויג־קינדער און אנדערע סאָציאַלע הילף האָבן די קאָלווירטניקעס באַקומען אומזיסט. אין דעם דאָרף איז געווען א מיטל־שול, אָפט פלעגן קומען טעאַטער־קאָלעקטיוון און א וואַנדער־קינאָ.

אין פרילינג 1943 יאָר בין איך צוזאַמען מיט פיל אַנדערע קאָלווירטניקעס געשיקט געוואָרן אין דער מאַשין־טראַקטאָר־סטאַציע באָגוסלאַווצי, כדי צו העלפן ביים רעמאָנטירן קאָמביינען. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען, ווי אזוי אַזעלכע מאַשינען נעמען אַראָפּ די תבואה. מיט גרויס אינטערעס האָב איך דעמאָנטירט קאָמפּליצירטע מעכאַניזמען, און נאָכדעם ווי זיי זענען קאָנטראָלירט און פאַרבעסערט געוואָרן דורך פאַך־לייט, קאָמביינער און מעכאַניקער, האָבן איך זיי צוריק מאָנטירט. נאָך זעקס וואָכן ארבעט האָט דער דירעקטאָר פון דער מאַשין־טראַקטאָר־סטאַציע דערקלערט, אז די דאָזיקע צייט איז גענוג געווען פאַר אָפּגעבן א פּראַקטישן — ווי ער האָט געזאָגט — עקזאַמען און באַקומען א דיפּלאָם אַלס קאָמביינער.

איך האָב באַקומען צוויי מעכטיקע מאַשינען און עס זענען צו מיר צוגעטיילט געוואָרן צוויי יונגע קאָמביינעריגס און א טראַקטאָריסט. נאָך איידער די תבואה איז רייף געוואָרן, זענען מיר ארויס אין פעלד, כדי נעענטער זיך באַקענען מיטן געביט פון אונדזער קומענדיקער ארבעט. ווארטנדיק אויפן שניט זענען מיר נישט געזעסן מיט קיין פאַרלייגטע הענט. נישט געקוקט אויף דער גענויער קאָנטראָל פון די אגרעגאַטן האָבן אין ווארשטאַט זיך נאָך געפונען גענוג קליינע ארבעטן ביים פאַרריכטן, ביים ברענגען אין אָרדענונג. דאָס איז באַזונדערס נייטיק געווען אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס אונדזערע מאָטאָרן, וועלכע זענען געווען צוגעפּאַסט צו לייכטע מינים ברען־שטאָף, האָבן דאָס יאָר געמוזט ארבעטן אויף נאַפט. דוניע און טאַניע (אזוי האָבן געהייסן מיינע העלפּערינס) האָבן מיר געהאָלפן טרעפן, ווי אזוי עס וועט אויסזען די ערשטע פּראָבע.

— עס האָט זיך מיר געחלומט — האָט געזאָגט די ערשטע — אז א קעמל האָט מיך געיאָגט איבערן סטעפּ.

— וועסט חתונה האָבן — האָט טאַניע געזאָגט.

— וואָס רעדסטו, דו גלייבסט דען אין חלומות? — האָט דוניע זיך געחידושט.

— גלייבן — גלייב איך נישט. אָבער די מאמע זאָגט, אז א קעמל באדייט התונה האָבן. איבעריקנס — האָט זי צוגעגעבן — דו אליין גלייבסט דאָך אויך. דו האָסט דאָך לויט חלומות געוואָלט טרעפן, ווי אזוי עס וועט זיין מיטן קאָמביין, און דאָס איז דאָך דאָס זעלבע.

אין די דאָזיקע טעג איז דער קאָמביין געווען פאר אונדז א האלב־לעבעדיק באַשעפעניש. מיר האָבן וועגן אים גערעדט, ווי וועגן א פריינד. איך האָב זיך אליין געכאפט ביים טרעפן, וועלכן פון די ביידע קאָמביינען קאָן מען מער גלייבן — דעם ערשטן, צי דעם צוגעטשעפעטן, אלע האָבן מיר געהאט גוטע חלומות. דער טראקטאָריסט האָט אונדז פארזיכערט, אז ער האָט א מזלדיקע האנט ביים פירן „סטאלינצעס“, און אויב ביידע קאָמביינערינס וועלן נאָר באנוצן וויניקער קרעם קעגן די זון־שטראלן גאראנטירט ער פארן דערפאָלג פון שניט.

און קורצן האָט אונדזער פרייד איבערגעשטיגן די שיינע דערווארטונגען. דער רעזולטאט פונעם פרוון אין משך פון א האלבן טאָג ביז זון־אונטערגאנג האָט אונדז געגעבן 24 העקטאר.

— זעקס העקטאר אויף א קאָפּ — האָט טריומפירט דוניע. — נישט אומזיסט זענען געווען אזעלכע חלומות.

מיט יעדן טאָג זענען די געהיימנישן פון דער מעכאניק, וועלכע איך האָב פון די יינגסטע יאָרן אָן באגערט צו דערקענען, געוואָרן פאר מיר אלץ אָפענער און אָפענער. דזשעק לאָנדאָן דערציילט וועגן א שטורעמדיקער נאכט, בעת ער האָט געהאט דאָס פולסטע געפיל פון אייגענער קראפט — ער האָט געפירט א מאָטאָר־שיפל אָדער א מאכט־שיף, דער שניט אין קאָלווירט האָט אויף מיר אזוי געווירקט. דער אגרעגאט איז בעת דער ארבעט געוואָרן א פאָרזעצונג פון מיין אייגענער קראפט. אויף צענדליקער העקטאר, פון וועלכע עס איז אראָפּגענומען געוואָרן די גערעטעניש, האָב איך געזען מיין ארבעט, אירע רעזולטאטן. איך האָב אין איר דערקענט זיך אליין אזא, ווי איך בין קיינמאָל ביז דאן נישט געווען. דער אינזשעניער פונעם געגנטלעכן לאנדווירטשאפטלעכן אָפּטייל האָט זיך צוגעקוקט צו די נישט גרויסע ענדערונגען, וועלכע איך האָב אריינגעטראָגן ביים באנוצן נאפט אָנשטאָט בענזין. ער האָט עס פארשריבן ביי זיך אין ראפּאָרט־בוך און מיך דערמוטיקט צו ווייטערדיקער ארבעט.

— איך שעץ דיך שטארק, ווען דו ביסט איינגעשמירט אין אייל, א פארשוויצטער און א בארעקטער מיט שטויב — האָט צו מיר געזאָגט די סימפאטישע פאָרשטייערין פונעם געגנטלעכן פארטיי־קאָמיטעט, אן אמאָליקע טראקטאָריסטקע און אָפיצער, וואָס איז געקומען פארבעטן איר געזונט נאָכן ארויסגיין פון שפיטאָל. — דו דערמאָנסט מיך מיינע אייגענע אי־

בערלעבונגען בעת עטלעכע שניט־אקציעס. — ווען מיר וועלן פארענדיקן די מלחמה, וועל איך ווידער זיך נעמען צו דער ארבעט — האָט זי צוגעגעבן מיט בענקשאַפט.

ווינטער־צייט האָב איך געאַרבעט אין דעם קוילנגרוב „קוראַסאַשאַי־אוגאָל“, וואָס איז אויפגעקומען לעבן קאָלווירט. די ארבעט האָב איך דאָרט אָנגעהויבן אלס מאשיניסט. שפּעטער בין איך געוואָרן א מעכאניק און דערנאָך האָט דער הויפּט־מעכאניק פונעם קוילנגרוב מאָיסיי מיכאילאָוויטש מיר איבערגעגעבן זיין פונקציע. דאָרט האָב איך געארבעט כמעט ביזן אָפּפאָרן קיין פּוילן. דער די־רעקטאָר פונעם קוילנגרוב אבמעד ג. האָט געוואָלט, אז איך זאָל ענדיקן א פארשנעלערטן קורס פון פּאָליטעכניקום און זאָל צוריקקומען אין דעם קוילנ־גרוב.

— בלייב ביי אונדז — האָט ער מיר פאָרגעלייגט. דאָס איז געווען אן אימפּאָנירנדיקער פאָרשלאג; אָבער קיין פּוילן האָט געצויגן דער חלום פון די פארגאנגענע יאָרן און דער אומגעדולדיקער פארלאנג צום קאמף קעגן אלץ, וואָס האָט נישט דערלאָזט, אז דער דאָזיקער חלום זאָל ווערן ווירקלעך לעבן אין דעם אייגענעם פאָטערלאנד. די צוגעזשמורעטע טאָטערישע אויגן פונעם דירעקטאָר האָבן ארויסגעלייענט מיין ענטפער. ווען ער האָט מיט מיר זיך געזעגנט, האָט ער דערמאָנט די שלאכטן ביים בוג. ער האָט מיר פעסט געדריקט די האנט און געזאָגט.

— און אפשר איז נישט נייטיק, אז דו זאָלסט דאָ בלייבן. דאָרט וועלן אויך זיין קוילנגרובנס. פאָר און פארגעס נישט.

אינעם באפרייטן פוילן

דער פאָרזיצער פון דער געגנטלעכער פארוואלטונג פון פארבאנד פון פוילישע פאטריאָטן (זפפ) אין אקטיובינסק איז פאר פיל, אזוי ווי פאר מיר, לאנג געווען א רעטעניש. ער האָט זיך „אנטפלעקט“, ווי מ'האָט געזאָגט, ערשט אויף איינער א פארזאמלונג, אויף וועלכער עמעצער האָט זיך אויסגעדריקט, אז די גוטע באציונגען צווישן פוילן און דעם ראטנפארבאנד זענען צייטווייליקע. עס האָבן נאָך נישט אָפּגעהילכט די ווערטער פונעם רעאקציאָנער, ווי די ברייטע פיגור פונעם פאָרזיצער איז אויסגעוואקסן איבערן פרעזידיום. ער האָט אראָפּגענומען די ברילן, א רגע זיך איינגעקוקט אינעם רעדנער מיט א פארוואונדערטן בליק, ווידער אָנגעטאָן די ברילן, ווי ער וואָלט מיט זיי געוואָלט צודעקן דאָס פארפלאמטע פנים און דעם שלעכטן אָפּגלאנץ אין זיינע אויגן, נאָכדעם האָט ער מיט א גרויסער קראפט אראָפּגעלאָזט זיין ביינערדיקע פויסט אויפן טיש און האָט אויסגעשריגן: — אוועק פון מיינע אויגן! א גוטער פאָליאק קאָן אזוי נישט רעדן! — ער איז אויך געווען אן אומפארטייאישער, ווי דער סעקרעטאר פון דער פארוואלטונג. דער לעצטער איז געווען א שטארק רעליגיעזער ייד, וואָס האָט געשאָטן מיט פסוקים פון דער תורה און אלעמען צוגעזאָגט עולם־הבא. אז מ'האָט געהערט זיינע רייד האָט מען געקאָנט האָבן דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט נאָר וואָס געקומען אין שליחות פונעם רבונו של עולם.

די פוילישע באפעלקערונג האָט קיינמאָל פריער נישט געלעבט אזוי מיט דער פראגע וועגן דער באפרייונג פון פאָטערלאנד און מיט דער ארבעט אין ראטנפארבאנד, ווי בעת דער טעטיקייט פון זפפ. אין דער דאָזיקער צייט האָב איך געהאט, ווי מיר האָט זיך געדוכט, א גאנץ קלאָרן קוק אויף דער זאך, פאר וועלכער איך האָב געארבעט. דאָך האָב איך אין זיך נישט געקאָנט פארטויבן די מורא פאר דער אייגענער צוקונפט, ווען איך האָב באשלאָסן זיך אומקערן קיין פוילן. ערגעץ פון דער טיף פון די ווייניקער קאָנטראָלירטע געפילן איז געקומען א וואָרענונג: פאָרזיכטיק! די בילדער פון מיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן האָבן זיך באוויזן לעבן די, וועלכע דער באוווסטזיין וועגן דער געענדערטער לא־

גע האָט געצייכנט פאַר מיר. זיי האָבן כסדר אויפגעטויכט פאַר מיר ווי א וואָרענונג פון דער מאמען. „אפשר איז דאָס נאָך נישט דאָס? וואָס וועט דעמלט זיין?“ — איז געקומען די פראַגע.

מיין פרוי האָט מסכים געווען צו פאָרן קיין פוילן. איר מוטער, זעענדיק די אנטשלאָסנקייט פון דער טאָכטער, האָט איר געגעבן א ברכה אויפן וועג.

— מיין ייִנגסטער זון, גאווריושע — האָט זי געזאָגט צו מיר — איז אויך דאָרט. ער איז אומגעקומען ביי דער ווייסל. געפין אויף זיין קבר און גיב אכטונג אויף מיינע קינדער. איך גיב דיר אוועק מיין הארץ.

דאָס איז נישט געווען דער ערשטער אויסדרוק פון איר הארציקער באציונג צו מיר. ווען איך בין אין 1944 יאָר געגאנגען אין דער ארמיי (פון וואַנען מ'האָט מיך צוריקגערופן אלס נייטיקער אין דער קוילן-אינדוסטריע), האָט זי מיך געזעגנט, אזוי ווי איר גאווריושען. פרייד האָט אָנגעפילט מיין הארץ, ווייל אויך דאָ האָב איך געפונען א מוטערלעכע באציונג.

„פוילן“ — האָב איך געטראכט און פאַר מיר איז אויפגעקומען ווי א וואָרענדיקע שטימע — זשעטשיצע. דער שנעלער באשלוס פון מיין פרוי האָט נאָך פאַרשטאַרקט אין מיר די מורא און האָט ווי זיך פאַראייניקט צום געשעעניש פון די פאַרגאנגענע צייטן, וועלכע האָבן מיך פאַרפאָלגט. כ'בין איצט א טאטע און א מאַן. אמאָל האָב איך וועגן דעם געטראכט בגנבה פאַר דעם אזוי גערופענעם געזונטן שכל: כ'בין נישט בכוח געווען אליין דורכצולעבן אויפן באַשיידנסטן אופן פון מיינע פאַרדינסטן. נאסטיע איז געווען א קאָמסאָמאָלקע און א מיטגליד פון דער פאַרטיי. זי האָט געוווסט וועגן לעבן פון דער יוגנט אין די קאַפּיטאליסטישע לענדער. זי האָט אָבער וועגן דעם געוווסט פון די ביכלעך און צייטונגען, און דאָס האָט צו איר נישט געקאָנט אזוי רעדן, ווי איך האָב עס געפילט. „צי האָב איך דאָס רעכט אויסצושטעלן זי אויף אזא געפאַר“ — האָב איך געטראכט.

דער קאָלווירט, אין וועלכן זי איז אויפגעוואַקסן, האָט געגעבן גליק די פויערישע משפחות, אזוי ווי דער הימל פון קאזאכסטאן גיט זון און וואַרעמקייט די אומענדלעכע סטעפּעס און תבואה-פעלדער. נאסטיע האָט נישט געוווסט, וואָס עס איז אזויגס דער כוח, וואָס האַמעוועט יעדן באַגער, וואָס באַדייט אזויגס ארבעט, און וועמענס רעזולטאטן מ'איז נישט פאַראינטערעסירט, ארבעט, וואָס דער מענטש טוט אָן ליבע, וועלכע ער פאַרשעלט אפילו אָפט. מ'האָט דערפאַר צו אים קיין שום טענה נישט געקאָנט האָבן, אָבער דאָס האָט זיין לעבן געמאכט נאָך מער זינלאָז.

נאסטיע האָט אָפט געזונגען וועגן דער זון פון דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע. זי האָט געזונגען און גערעדט וועגן דעם, ווי וועגן א נאַטירלעכע זאַך. „פאַר דיר איז דאָס איינפאַך“ — האָב איך געטראכט.

זי האָט געוווסט, אז אין פוילן זענען פאַראַן שיינע טעג, איך האָב איר דערציילט וועגן אונדזער גאָלדענעם הארבסט, וועגן די פרילינג-פרימאָרגנס,

וועגן פעלדער, וועלדער און וועלדלעך, פול מיט געהיימעניש פאר קינדער און פארליבטע. צום שטארקסטן האָט זי געוואָלט זען אונדזערע טייכן און שטראָמען.

— ווען אונדזערע סטעפעס האָבן עס אויפיל וואסער — האָט זי געזאָגט.

— כ'וועל זיכער ליב באקומען דיין לאנד אזוי שטארק, ווי קאזאכסטאן — האָט זי פארזיכערט.

„יאָ — האָב איך געענטפערט אין מיינע געדאנקען — דו ווייסט אָבער נישט, אז די זון, וועגן וועלכער דו זינגסט, איז די ערשטע זון פאר לעבן, ביי אייך שיינט די הייסע זון און די ערד איז דערפאר א פרוכטבארע, זי וואַרעמט די מענטשלעכע האָפענונגען און גיט א זין דעם לעבן. ביי אונדז איז די שיין פון טאָג געווען פול מיט שאָטן און קעלט. פרעג וועגן דעם אזעלכע, ווי מיין מאמע, זאָלן זיי דיר דערציילן וועגן זייערע זאָרגן, וואָס פרעסן אויף יעדן אויסדרוק פון זייער ליבשאפט. פאר זיי האָט דער מאָרגן געבראכט שרעק, אָנשטאָט האָפענונג, מורא, אז זיי קאָנען אמאָל נישט האָבן דעם ביטערן ביסן, מיט וועלכן עס האָבן געלעבט און זיך פארכמט זייערע קינדער. און דער גורל פון די, וואָס האָבן אפילו נישט געוווסט, אז זיי האָבן קיין שום באדייטונג נישט: די „רייזערס", וועלכע זענען פארסמט געווען דורכן לעבן אזוי ווי מיטן דענאטוראט, פאר וועלכן זיי האָבן געקעמפט. צי פארשטייסטו דאָס? — האָב איך געפרעגט.

— דו האָסט געלייענט וועגן פיל טאָגען ווייץ, וואָס ווערט פארטרונקען אין ים. האָסט דאָס אויך אוודאי אויפגענומען אלס א משונהדיקן אויסדרוק פון דעם פראָדוקציע-אופן אין אמעריקע. צי ווייסטו, אז אין מיין לאנד האָט דער פויער באקומען א פעקל מאכאָרקע פאר א זאק קארטאָפל, וועלכע ער האָט זיך און זיינע קינדער אין א באגרענעצטער מאָס אויסגעטיילט אויף מיטאָג?".

איך האָב אָבער נישט געוואָלט זיך לאָזן אָפשרעקן. „כ'וועל פאָרן" — האָב איך באשלאָסן נישט געקוקט אויף דער וואָרענענדיקער שטימע.

איך האָב מיט זיך מיטגענומען ביי א טאָן ווייץ און קאשע. דער דאָזיקער באגאזש האָט געהאט אין פוילן אן אנדער באדייטונג פאר מיר, ווי דאָ. אין פוילן האָט בלויז די קינדערישע פאנטאזיע געקאָנט מיר שענקען אזא פארמעגן. צוליב דעם דאָזיקן באגאזש האָב איך פון קראָקע און נאָכדעם פון קאטאָוויץ זיך נישט געקאָנט איבערזעצן אין א פאסאזשיר-צוג, וואָס איז געגאנגען קיין מעזריטש. כ'בין געווען געצוווּנגען צו פאָרן צו דער ענדע-סטאציע, כדי פון דאָרט אָפשיקן דעם באגאזש.

הארט פאר קראָקע האָט דער צוג זיך פארהאלטן אין פעלד. כ'בין אוועק אין א דאָרף, וואָס איז געלעגן ביי דעם אייזנבאן-וועג, כדי צו ברענגען פריש וואסער. איך האָב לאנג געזוכט אן עמער. כ'בין אוועק צו דער קוזשניע, ביי וועלכער עס איז געשטאנען א יונגער, פעטער מאנספארשוין מיט הענט פארלייגטע אויף דער ברוסט. ער האָט אָבסערווירט אונדזער טראנספאָרט. קיין פייער האָט אין קוזניע נישט געברענט.

— אפשר וועט איר מיר באָרגן אַן עמער — האָב איך געבעטן.

אין זיינע אויגן האָט אַ רגע אויפגעבליצט פאַרוווּנדערונג. נאָכדעם האָט ער אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט אַ טעמפּן בליק און האָט אין אַ פאַרטרוילעכן טאָן געזאָגט:

— איר האָט גליק, וואָס איר האָט באַצייטנס זיך אָנגערופן. איך האָב געמיינט, אַז איר זענט פון מזרח. נישט איינעם האָב איך שוין געגעבן צו טרינקען, אַז עס זאָל אים זיך מער קיינמאָל נישט דורשטן...

אין דער ערשטער רגע האָב איך געוואָלט רעאַגירן אויף אַזאַ אופן, וואָס שליסט אויס יעדע מין דיסקוסיע. אָבער דער פּוסטער אַרום, דער מהלך, וואָס האָט מיך אָפּגעטיילט פונעם צוג און די פעסטע מוסקולן פון דעם באַנדיט האָבן מיך געהייסן זיך אָפּזאָגן פון אַזאַ אופן רעאַגירן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז פיל אין פוילן טראַכטן נאָך אַזוי, איך האָב אָבער זיך נישט געריכט, אַז זיי האָבן די דרייסטקייט צו רעדן וועגן דעם אָפן. דאָס איז געווען מיין ערשטע באַגעגעניש מיטן שונא אויף דער פרייער היימישער ערד.

אין קורצן האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דער שונא טרעט אַרויס נישט בלויז אין דער דאָזיקער אָפן פאַרברעכערישער פאָרם. עס האָבן וועגן דעם געדעדט לאָזונגען אויף די ווענט פון הייזער און אויף פאַרקאַנעס אין קאַטאָוויץ. אין עטלעכע מינוט אַרום נאָכן אָנקומען פון צוג, האָבן זיך אַרום אונדזער טראַנספּאָרט צונויפגעזאַמלט יידישע יונגטלעכע, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו רופן מ'זאָל פאַרלאָזן דעם וואַגאָן. זיי האָבן צוגעזאָגט באַקוועם איינגעאָרדנטע אין צייטווייליקע וווינונגען און שנעל אַרויספירן קיין אויסלאַנד.

— מיר קומען דאָך פון אויסלאַנד — האָבן זיך געוווּנדערט די רעפּאַטריאַנטן — עס זענען דאָך שוין מסתמא נישטאָ קיין ענדעקעס, קיין סאַנאַציע-געזעצן, זייער פּאָליציי און באַאַמטע. צי וואָס און וווהין דאַרפן מיר פאָרן?
— האָבן זיי געפרעגט.

די רייד פון די געקומענע אַגיטאַטאָרן האָבן געוועקט אומרו און דענער-וווּרטקייט ביי די רעפּאַטריאַנטן.

— עפּעס מוז דאָ שטעקן — האָט מען זיך איינער דעם אַנדערן איבערגע-חזרט.

איך האָב באַשלאָסן זיך אָנטקעגנצושטעלן.

— וואָס זוכט איר דאָ? — האָב איך געפרעגט ביי איינעם, וואָס איז נאָענט פון מיר געשטאַנען. — אויב איר וועט זיך גלייך נישט אָפּטראָגן פון דאַנען, וועל איך רופן מיליציע — האָב איך געדראָט.

איך האָב זיך געווענדעט צו די פאַרזאַמלטע און אויף וויפל איך בין נאָר בכוח געווען, האָב איך אויפגעקלערט די לאַגע אין לאַנד און די ראָל פון די פּאַביק-מאַכער.

איינער פון דער אגיטאטאָרן=גרופע מיט א געריזרטן אויסדרוק אויף זיין פנים און מיט אויגן פול מיט פאלשע טרערן, האָט זיך ארויפגעדראפעט אויפן וואגאָן, פון וואנען איך האָב גערעדט, האָט מיט זיינע ביידע הענט מיך אָנגעכאפט פאר א האנט און זי שטארק צוגעדריקט דאנקענדיק, ווי ער האָט געזאָגט, זייער שטארק פאר די שיינע ווערטער און פאר מיין מוט.

— איך פארשטיי אייך, — האָט ער איבערגעחזרט — אָבער עס וועט קיין שום גוץ נישט זיין פון דער מסירת=נפש פון איינצלנע מענטשן. איך בין אליין א סאָציאליסט, איך האָב געהערט צום „בונד". אָט, אין מיר האָט איר א גוטן פריינד. — האָט ער פארזיכערט — היט זיך אָבער! — האָט ער פליסטערנדיק צוגעגעבן.

אונדזער ווייטערדיקע דיסקוסיע איז שוין פאָרגעקומען אָן א שום דזשענטעלמענישע אויסדרוקן, אָט אויך אַזאַ איינער ווי זיין „סאָציאַליזם" האָט עס פאַרדינט.

די קראפט, וואָס האָט פאראייניקט די רעפאטריאנטן סיי בעתן זיין אין ראטנפארבאנד, סיי בעת דער רייזע, איז געווען די בענקשאפט נאָכן היימלאנד. כמעט יעדער פון די צוריקפאָרנדיקע האָט זיך אָפּגעגעבן א דין וחשבון, אז ער וועט אין לאנד טרעפן אנדערע באדינגונגען. ווען מען דאָס האָט געפרייט און וועמען עס האָט דורכגענומען מיט זאָרג פאר דעם פארלוירענעם. אלע האָבן אָבער איבערגעחזרט: „דאָס וויכטיקסטע איז — מיר קערן זיך צוריק אום קיין פוילן".

אָבער שוין פון קאטאָוויץ אָן האָט די דאָזיקע געמיינזאמקייט גענומען שוואכער ווערן. די פיינטלעכע רייד און אָנצוהערענישן קעגן דער רעגירונג מצד די טיפן, וואָס האָבן זיך געדרייט ארום די וואגאָנען, די לאָזונגען פון פ.ס.ל., וועלכע האָבן זיך באוויזן לעבן די וועגדונגען און רופן פון דער פוילישער ארבעטער=פארטיי — דאָס אלץ האָט די אויפמערקזאמקייט פון די רעפאטריאנטן געצויגן אויף דער פראגע:

ווי אזוי איז דאָס ווירקלעך אין פוילן?

— וועמען זאָלן מיר גלייבן — האָבן זיי געפרעגט אין אָוונט, ווען מ'האָט זיך צונויפגענומען אין די וואגאָנען און זיך געטיילט מיט די איינדרוקן פון טאָג. — עס זענען פאראן אזעלכע, וואָס זאָגן — האָבן זיי געטענהט — אז דאָס אלץ איז כלומרשט צייטווייליק שפעטער וועט זיך ענדערן. אנדערע זאָגן, אז עס וועט בלייבן אזוי ווי עס איז. אָבער ווי אזוי וועט עס ווירקלעך זיין — ווייס איין גאָט. מ'דארף אליין זיך איבערציינגן.

א סך פראָבלעמען זענען געווען אין נייעם פוילן. דאָס לעבן אויף די ניידעראָבערטע געביטן איז געווען ניי און נאָענט; דער לעבנס=ריטם האָט א תל געמאכט פון דער פיינטלעכער פראָפאגאנדע. די נידערשלעזישע פעלדער האָבן

געלאָקט די פויערישע נשמות. די ארבעטער האָבן געציילט די קוימענס, וועלכע האָבן נאָך נישט געריכערט. אויף יעדער סטאציע זענען געשטאנען פוסטע וואגאָנען. ווי חוזק האָבן געסקריפעט די רייד פונעם אינזשעניער ט., וועלכן איך האָב נאָך געקענט פון דער דעלעגאטור אין אקטיובינסק, ווען מיר זענען אָנגעקומען אויפן וואָקזאל אין קלאָדזקאָ. ער האָט זיך באמיט אָפצוטויטן דעם מוט ביי די רעפאטריאנטן, וועלכע זענען געבליבן אין צוג.

— דאָס אלץ איז קריפטאָקאָמונע— האָט ער אויסגעטייטשט — נעמט זיך נישט צו קיין שום דויערנדיקער ארבעט. מ'דארף לעבן מיט היי-שעה.

דער סאנאציע-פארשווין מיט זיין שליסל („קריפטאָקאָמונע“) צום פאנאנדערשיפרירן געזעלשאפטלעכע פראגן, האָט זיך נישט דערווארט אויף מיין ענטפער. עמעץ פון די פארזאמלטע האָט צו אים א געשריי געטאָן אין אויער:

— פארמאכט אייער פרעסער! ז י י האָבן מיר צו פארדאנקען, וואָס מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אין אונדזער פאָטערלאנד.

אין א יאָר ארום האָב איך געטראָפן דעם דאָזיקן אינזשעניער. ער האָט זיך באזעצט אין יעלעניע-גורע, א דירה האָט ער געהאט אין קלאָדזקאָ און געווען איז ער דער עיקר אין קראָקע.

אויפן וואָקזאל אין קלאָדזקער ביסטזשיצע האָט אונדז באגריסט דער סטאראָסטע. קיינע אביסל אויפגעבלאָזענע רייד האָבן דאָך געאָטעמט מיטן אמת, וועגן וועמענס פארווירקלעכונג איך האָב אזויפיל געטראַכט. צום ערשטן מאָל אויף דער פוילישער ערד האָב איך געהערט א מלוכה-באאמטן, וועלכער האָט גערעדט וועגן דעם, וואָס עס ווילן די מענטשן, מיט וועלכע איך האָב פון קינדווייז אָן געלעבט. ער האָט מיט זיי גערעדט וועגן דעם אלעמען, קעגן וואָס עס איז אמאָל ארויסגעטראָטן יעדער סטאראָסטע און העכערער באאמטער. איך האָב נאָכאמאָל אנטדעקט דעם אמת, ווס איז מיר שוין באוווסט געווען: די מאכט געהער צום פאָלק, די מאכט איז אונדזערע.

איך האָב וואָס גיכער געוואָלט אָנהייבן ארבעטן. „אפשר זיך באזעצן דאָ, אין ביסטזשיצע?“ — איז מיר אדורך א געדאנק. דער שיינער אויסזען פון דער שטאָט האָט דעם דאָזיקן געדאנק געגעבן די קראפט פון א באשלוס.

— אפשר וועלן מיר אויף שטענדיק בלייבן אין דער דאָזיקער שטאָט? — האָב איך זיך געווענדעט צו מיין פרוי.

— ס'איז א שיינע געגנט — האָט זי געענטפערט.

פון דעם בארגיקן פלאץ ביים וואָקזאל האָבן מיר געקוקט אויף דער לאנדשאפט פונעם טאָל, וואָס איז פון אלע זייטן געווען פארשפארט מיט בערג. פון צפון האָבן אין א נישט-גלייכער קייט זיך געצויגן די סאָוויער בערג. פון מערב — די סודעטן. זיי האָבן דערגרייכט די בלויע, מיט א לייכטן נעפל פארצויגענע ווייטקייט פון דרום. פון דאנען האָט מען געזען כמעט דעם גאנצן שטח פונעם פאָוויאט. אדאנק דעם פריען פרילינג האָבן די ארומיקע פעלדער, לאָנקעס און

וועלדער געשאפן דעם איינדרוק פון א גאָרטן, וואָס איז באשטימט אויף אָפּצורוען. די ארבעט פון פויער האָט דאָ געהעלט מיט איידלשטיינער־גלאַנץ, האָט געאָטעמט מיטן ריח פון צענדליקער נייע תבואות, גראָזן און בלעטער, פון וועלכע עס האָבן זיך אָפּגעשלאָגן די זון־שטראַלן מיט א גאַנצער גאַמע לויטערן אָפּשיין. די באַזונדערע, עטוואָס גרעסערע און טונקעלערע יאָדלעס און סאָסנעס ביי די זייטן פון די בערג, זענען ענלעך געווען צו מעכטיקע יעזשן, וואָס גייען פּאָרזיכטיק אַראָפּ אין דער נידער צו די רוישיקע קוואַלן קאַלטן וואַסער. די רויטקייט פון די דאַכלעכעס און די ווייסקייט פון די הייזער־ווענט האָבן געוויזן אויף צענדליקער דערפער אין דעם ארום. „נישט בלויז שיין — נאָר אונדזערע איז די נידערשלעזישע ערד" — האָב איך געטראַכט.

— מיר וועלן דאָ בלייבן — האָט שטיל געזאָגט צו מיר מיין פרוי.

אויף צומאָרגנס בין איך ארוים פון דער געוועזענער רעפּאַטריאַציע־אַמט, כדי זיך צו באַקענען מיטן לעבן פון דער שטאָט. דייטשן האָב איך דערקענט נישט בלויז לויט די ווייסע אָרעמבענדער. זיי זענען געגאַנגען מיט געציילטע טריט און אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. מ'האָט געקאָנט מיינען, אז עס גייט זיי גאָרנישט אָן, אז אלץ, וואָס קומט פאָר ארום, נעמען זיי אויף גלייכגילטיק. מ'האָט אָבער בלויז געדאַרפט נעענטער זיך צוקוקן צו זייערע בליקן, כדי צו דערזען דעם אומרו, וואָס זיי האָבן מיט כוח באַהערשט . אין פּאָוויאַטאָוון קאָמיטעט פון דער פּוילישער ארבעטער־פּאַרטיי האָב איך דערלאַנגט א דעקלאַראַציע. דעם זעלבן טאָג בין איך מיטן סעקרעטאַר פון קאָמיטעט אוועק אינעם דאָרף דאָמאַשקאָוויצע אויף א גמינע־פאַרזאַמלונג וועגן אַדמיניסטראַטיווע אוןווירטשאַפטלעכע ענינים.

— דאָס דאָזיקע דאָרף — האָט מיר דערקלערט דער סעקרעטאַר — איז א טעסטונג פון פּסל־ווירקונגען. זיי קאָנען אַראָפּרייסן די פאַרזאַמלונג און נישט דערלאָזן אונדז דערליידיקן וויכטיקע ענינים. איר וועט זען, וואָס עס הייסט ביי זיי פּאָליטישע טעטיקייט — האָט ער מיך געוואָרנט. — זיי פאַררעכענען פאַר זייערע אָנהענגער אלעמען, ווער עס שטעלט זיך אנטקעגן די פאַראָרדענונגען פון דער מאַכט און שרייט „ניין".

בעתן רעפערירן די פראַגע וועגן אָפּצאָל פאַר קינסטלעכער באַמיסטיקונג און קעגן תבואה־צושטעלונגען האָבן עטלעכע פּסל־טוער אטאַקירט דעם רעפערענט.

— אמאָל האָט מען געקאָנט קויפן די פאַרשידנסטע קינסטלעכע באַמיסטיקונגען, וועלכע מ'האָט נאָר געוואָלט — האָט דעמאַגאָגיש געשריגן איינער פון זיי — און איצט, וואָס גיט איר איצט די פויערים?

— מיר גיבן אזויפיל, וויפל אונדזער לאַנד פאַרמאָגט — האָט דערקלערט דער רעפערענט. — מיר וועלן צוריקאויפבויען די חרובע פאַבריקן, דאַן וועלן מיר געבן אזויפיל, וויפל די ערד פאָדערט.

— איר וועט מאכן קאָלכאָזן! — האָט מיט א פּישטשענדיק קולכל געשריגן א פרוי.

— דאָס איז דאָס ווייב פונעם קצב — האָט מיר אָנפּארטרויט דער סעקרעטאר פונעם גמינע=קאָמיטעט פון פּפּר. — איר מאן גרייט זיך פון דער פרי אָן צו מאכן א סקאנדאל אויף דער פארזאמלונג.

עס איז געוואָרן א טומל. עמעץ האָט מיט די פינגער אין מויל אָנגעהויבן שטארק צו פייפן. צום טיש איז צוגעקומען דער שיכורער קצב בראָניסלאַוו.

— איצט לאָזט מיך! — האָט ער מיט א שרעקלעך קול אויסגעשריגן אין א זעץ געטאָן מיטן פוס אין דער פּאָדלאָגע. דאָס געשטאלט פונעם „גייסטיקן פאָטער" פון דער אָרטיקער פּסל=אָרגאניזאציע האָט דערפרייט די אוואנטורעמאכערס אויפן זאל. זיי האָבן געווארט אויף זייגע ווערטער און אָנווייזונגען. — כ'וועל נישט דערלויבן! — האָט מיט א הייזעריקער, שיכורער שטימע אָנגעהויבן דער קצב — איך וועל נישט דערלויבן צו באליידיקן דעם פּרעזעס. איך קאָן דאָ אויפן אָרט אומקומען פאר אים און איך וועל נישט דערלויבן! פארשטאנען?

— זאָל לעבן מיקאָליישיק! — האָבן אים אונטערגעהאָלפן פון זאל די זעלבע, וועלכע האָבן אָנגעהויבן די אוואנטורע.

— איך בין א פּאָליאַק — האָט ער געפּלאָנטערט מיט דער צונג. — אָט איז מיין האַרץ, קוקט — האָט ער א געשריי געטאָן און צעריסן אויף זיך דאָס העמד, וויזנדיק די פארזאמלטע זיין אָנגעפּוישטן בויך.

איך בין צוגעגאנגען צום קצב, פון וועלכן עס האָט געעיפּושט מיט אלקאָהאָל און שוויס און האָב אים אוועקגעזעצט אויף א בענקל.

— ווער ביסטו דאָס אזוינער? — האָבן מיט אמאָל אויסגעשריגן עטלעכע פּארשוינען.

— איך בין א פּאָליאַק — האָב איך געענטפערט. — עס איז מיר בלויז א חרפּה, וואָס עטלעכע כוליגאנעס באשמוצן אונדזער גוטן נאָמען. מיר זענען דאָ געקומען לעבן און בויען. קיינער האָט דאָ היינט אפילו נישט דערמאָנט וועגן קיין שום פּרעזעס. וויפל ערד האָט איר עס, וואָס איר האָט מורא פאר דער קאָלעקטיוויזאציע? — האָב איך זיך געווענדעט צום קצבס ווייב.

— זי האָט איין בלומען=טאָפּ — האָט עמעצער געענטפערט מיט א שפּאָס.

— דאָס וועלן מיר אייך אויף זיכער נישט צונעמען — האָב איך געענטפערט מיט שפּאָס. אין זאל איז געוואָרן פרייליכער — איך וויל אייך זאָגן, בירגערין, אז יעדן טאָג עסט איר איצט ברויט פון קאָלווירטישער תבואה. אונדזערע פויערים האָבן פארזייט די פעלדער מיט די קערנער פון די קאָלווירטן. איז וואָס זשע געפעלט אייך דאָ נישט?

ווייטער איז די פארזאמלונג שוין דורכגעגאנגען רואיק. דעם קצב האָט מען אוועקגעלייגט ביים פלויט. עטלעכע רייכע פויערים, וואָס זענען דורך דער אַרויסטרעטונג פון זייער גרויל פּוילישטענדיק קאָמפּראָמיטירט געוואָרן, האָבן זיך אָפּגעטראָגן פון דער פארזאמלונג.

— אויף דער שוועבעלער=פאבריק וועסטו נישט גיין ארבעטן — האָט נאָך דער פארזאמלונג זיך אָפּגערופן צו מיר דער סעקרעטאר פון פּאָוויאטאָוון פארטיי=קאָמיטעט. — וועסט ווערן אן אינסטרוקטאָר פון פּאָוויאטאָוון קאָמיטעט פון אונדזער פארטיי.

איך האָב אים פאָרגעלייגט, אז ער זאָל מיך איבערלאָזן אין דאָרף אויף נאָך א טאָג. דעם אָוונט און די נאכט האָב איך פארבראכט ביים סעקרעטאר פון אָרטיקן קרייז פון פפּר ח׳ ראָגאלסקי. פון אים האָב איך זיך דערוווּסט, אז די מערהייט אקטיווע מיטגלידער פון מיקאָלייטשיקס פארטיי זענען רייכע פויערים, וועלכע ארבעטן אליין נישט אויף דער ערד, זיי פארנעמען זיך מיט די פארשידנסטע קאָמבינאציעס, מיט בארויבן דאָס געזעלשאפטלעכע פארמעגן — מיט „שאבער“.

— עס זענען אויך פאראן געוויינלעכע פויערים — האָט ער געזאָגט. — מיט זיי קאָן מען זיך דערהרעדן.

באלד אין דער פרי בין איך אוועק אין דער פריוואטער וווינונג פונעם קצב. זיין געשעפט איז געווען פארמאכט און פיל ווייבער — ארבעטער=פרויען און דאָרפישע באלעבאָסטעס — האָבן געווארט, כדי איינצוקויפן פלייש.

— וואָס מאכט איר, מייסטער — האָב איך „באגריסט“ דעם קצב, וועלכער איז געלעגן אין בעט. ער האָט מיך מסתמא דערקענט. א שווייגנדיקער האָט ער לאנג אויסגעריבן די אויגן. — פלייש האָט איר? — האָב איך אים א פרעג געטאָן, העלפנדיק אים בייקומען די פארלעגנהייט.

— כ׳שטיי באלד אויף — האָט ער געענטפערט.

— וואָס פעלט אייך, בירגער, און ווער שטערט אייך צו לעבן — האָב איך אים געפרעגט אויפן וועג אין געשעפט אריין.

ער האָט אָנגעהויבן זיך צו קלאָגן אויף די, וואָס קאָנען יעדן אָרנטלעכן מענטש דערפירן צו אן אומגליק.

— ווער זשע זענען זיי עס, וואָס לויערן אויף אייער רו? — האָב איך ביי אים געפרעגט.

— ווער? — האָט ער איבערגעחזרט נישט קוקנדיק מיר אין די אויגן אריין — אָט די פון שטאָט, דער פּאָוויאטאָווער פרעזעס פון מיין פארטיי און דער סעקרעטאר, זיי קומען צו פאָרן, גיבן באפעלן און אליין באהאלטן זיי זיך אין דער שטאָט, און דו, מענטש, זיי פאראנטוואָרטלעך. כ׳וועל זיך אויסשרייבן פון דער דאָזיקער פארטיי — האָט ער געזאָגט — איר זייט פון ווראָצלאוו? — האָט ער מיך געפרעגט.

— ניין, נישט פון ווראָצלאוו — האָב איך געענטפערט.

— ווען מיר טראכט מען מסתמא גאָר שלעכט. אויב איר ווילט קאָן איך זיך פארשרייבן אין אייער פארטיי — האָט ער פאָרגעלייגט.

— כ׳ווייס נישט, צי ביי אונדז וועט איר געפינען פאר זיך אן אנטשפרעכנ=

דיקע באַשעפטיקונג — האָט זיך אַריינגעמישט דער סעקרעטאַר פונעם אָרטיקן קרייז פון פּפּר — צווייטנס, וואָלט איר צופיל געלעגנהייטן געהאַט צו רייסן אויף זיך די מלבושים — האָט ער צוגעגעבן לאַכנדיק.

מיט יעדן טאָג האָב איך אַלץ מער דערקענט די לאַגע אין די מענטשן, וועלכע האָבן געשאַפן דאָס לעבן אין נייעם פּוילן. דער ווילן צו אַרבעטן איז אין מיר געווען אַזוי גרויס, אַז אַפילו די פאַרנומענקייט ביי טאָג און ביי נאַכט האָט מיר נישט געקאָנט געבן קיין פולשטענדיקע באַפרידיקונג. אינגיכן בין איך געוואָרן דער צווייטער סעקרעטאַר פון פּאָוויאַטאָוון קאָמיטעט פון פּפּר, שפּעטער בין איך באַשטימט געוואָרן אַלס ערשטער סעקרעטאַר.

אומעטום, וווּ מיט אַרבעט איז געבויט געוואָרן דאָס נייע לעבן: אין די פאַבריקן, אויפן דאָרף, אין די אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס האָט מיקאָלייטשיקס פּאַרטיי, די פּסל, אַלס כלל געשטערט. איך האָב וועגן דעם גערעדט אויף די זיצונגען פון די צווישנפּאַרטייאישע קאָמיסיעס און געפאָדערט צו מאַכן אַ סוף צו אַזאַ פּראַקטיק. די פּאָוויאַטאָווע אָרגאַנען פון פּסל האָבן עס באַצייכנט אַלס „פּאָליטישע דעמאָנסטראַציע פון דער פּוילישער אַרבעטער-פּאַרטיי“. עס האָט זיך זיי אָפּט איינגעגעבן צו באַווירקן די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פון פּפּס און סל. דאַן האָט אונדז געדראָט די געפאַר צו פאַרלאַנגזאַמען דעם אַנטוויקלונגס-טעמפּ פון אונדזער לעבן.

ביידע פאַרשטייער פון דער פּאָוויאַטאָווער פאַרוואַלטונג פון פּסל זענען געווען געניטע שפּילערס: זיי האָבן אַפילו געוואָלט אָנטיילנעמען אין דער דעמאָנסטראַציע דעם 1-טן מאַי. וועגן זייער אָנטייל אין אַרבעטער-יום-טוב האָבן זיי זיך צונויפגערעדט מיטן פאָרזיצער און סעקרעטאַר פון פּאָוויאַטאָוון קאָמיטעט פון פּפּס און מיט איניקע מענטשן פון סל.

— מיט דער גאַנצער אָנערקענונג באַגריס איך דעם באַשלוס פונעם בירגער פּרעזעס פון דער פּאָוויאַטאָווער פאַרוואַלטונג פון פּסל און נעם אָן דעם באַדינג וועגן אָפּשטעלן אויף דער צייט דעם קאַמף, סיי אין וואָרט, סיי אין שריפט, קעגן דער פּוילישער פויערים-פּאַרטיי — האָט דערקלערט דער סעקרעטאַר פון פּאָוויאַטאָוון קאָמיטעט פון פּפּס אויף דער פאַרזאַמלונג, וועלכע איז געווען געווידמעט דער ענדגילטיקער פעסטשטעלונג פונעם פּראָגראַם ווי צו פייערן דעם מאַי-יום-טוב.

— פאַרשטייט זיך, — האָט מיט אַ טאָן פון דראָונג אין זיין שטימע געענטפערט דער פּרעזעס. — איך דאַרף נישט דערמאָנען, אַז פאַר די רעזולטאַטן, וועלכע קאָנען זיין צוליב עמעצנס אומפאַראַנטוואָרטלעכע מעשים, צוליב געוואָרפענע לאָזונגען, נעמט נישט די פּוילישע פויערים-פּאַרטיי קיין שום אחריות. איך וואָרן! — האָט ער צוגעגעבן, ווענדנדיק זיך צו מיר אַלס פאַרשטייער פון פּאָוויאַטאָוון קאָמיטעט פון דער פּוילישער אַרבעטער-פּאַרטיי.

איך האָב געבעטן אַ וואָרט.

— איך גלייב — האָב איך געזאָגט — אַז די שטעלונג פון די חברים פון פּפּס איז נישט קיין ענדגילטיקע און איז נישט קיין אָפיציעלע שטעלונג פון זייער פּאַרטיי. דעם דאָזיקן ענין וועלן מיר באַהאַנדלען אויף אַ זיצונג פון אונ־דזערע קאָמיטעטן. איצט וויל איך זאָגן, אַז דער אַרבעטער־קלאַס און די פּויע־רים פון אונדזער פּאָוויאַט וועלן היי־יאָר, בעתן מאַי־יום־טוב מאַניפעסטירן נישט בלויז זייער נצחון, נאָר אויך דעם ווילן צום ווייטערדיקן קאַמף מיט די שונאים פון פּאָלקס־פּוילן. זיי וועלן די דאָזיקע שונאים אָנרופן ביים נאָמען. בכדי יע־דער פּאַטריאָט זאָל זיי קאָנען שלאָגן אומעטום, וווּ ער וועט זיי באַגעגענען.

— צי איז דאָס אַן אָנצוהערעניש לגבי אונדזער פּאַרטיי? — האָט גע־פרעגט דער צעטומלטער פּאָרשטייער פון פּפּס.

— לגבי אַלע, וועלכע ווילן שטערן די יסודות און ריכט־ליניעס פון אונ־דזער רעגירונג — האָב איך געענטפערט.

— מיר האָבן אַן אַנדער קוק אויף דער אַגראַר־רעפאָרם, ווי די פּפּר, — האָט ווייטער געריירט דער פרעזעס, — און אַן אַנדער קוק אויף דעמאָקראַטיע. איך ווייס מיט וואָס דאָס שמעקט און איך פּראָטעסטיר קעגן דער שטעלונג, וואָס עס פּאַרנעמט דער דעלעגאַט פונעם פּאָוויאַטאָוון קאָמיטעט פון פּפּר. זיי מאַכן אונדז אוממעגלעך צו באַטייליקן זיך אינעם יום־טוב. איך קאָנסטאַטיר דאָס עפנטלעך.

— און איך דערקלער אין נאָמען פונעם קאָמיטעט פון אונדזער פּאַרטיי האָב איך געענטפערט, אַז מיר ווינטשן זיך נישט צו זען אייער פּאַרטיי אינעם מאַי־צוג. איר האָט דאָרט נישט וואָס צו זוכן.

די אויגן פון דער מערהייט פּאַרזאַמלטע האָבן זיך געווענדעט אויף מיר מיט פּאַרווונדערונג און פּאַרוואורף.

— איך זע — האָט אָנגעהויבן דער סטאַראָסטע — אַז אין דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי זענען געוואָרן די וואָרט־זאָגער יונגע און פּאָליטיש־אומדער־פאַרענע מענטשן. די מאַניפעסטאַציע מוז זיין אַן אימפּאָזאַנטע. איך רוף צו אַ פּאַרשטענדיקונג — האָט ער געענדיקט.

— זי וועט זיין אַן אימפּאָזאַנטע, בירגער סטאַראָסטע — האָב איך באַ־שטעטיקט — אויב די שטערערס פון פּסל וועלן זיך אין איר נישט באַטייליקן.

עס האָבן זיך אַ שיט געטאָן פּראָטעסטן מצד דער גרופּע פון פּסל. דער רעגערווירטער פרעזעס האָט מיר געדראָאַט און אַפּעלירט צו אַלע פּאַרטייען וועגן סאַנקציעס לגבי מיר צוליב מיין אויפפירונג. איינער פון די פּפּס־דעלעגאַטן האָט אָנגעהויבן צו דרשענען וועגן איידעלע פאָרמען פון קאַמף און האָט פאַרענדיקט:

— לאָמיר זיך לערנען ביי די ענגלענדער, אין וועמענס פּאָליטישן לעקסי־קאָן עס זענען נישט פאַראַן קיין אויסדרוקן, וואָס באַליידיקן דעם קעגנער. אין דעם דאָזיקן זאַל — האָט ער געזאָגט — פעלט פּאַרלאַמענטאַריזם.

אויף אַזאַ מין אופן האָט דער דאָזיקער פּאַרטייִדיקער פֿון פּסל און פֿון דער ענגלישער „דעמאָקראַטיע" זיך באַמיט צו שטיצן די, וועלכע האָבן כּסדר פּלאַנירט אַרונטערצורייסן אונדזער אַרבעט.

אויף צומאָרגנס איז דורך אַ פֿאַרשטענדיקונג פֿון די וואָיעוואָדישע אָרגאַנען פֿון פּפּר און פּפּס באַשלאָסן געוואָרן, אַז אין אונדזער פּאָוויאַט וועט פּסל זיך נישט באַטייליקן אין דער דעמאָנסטראַציע.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז די ווירקלעכע ראָל פֿון דער מיקאָלייטשיק־קליקע אין קלאָדזקער ביסטזשיצע געוואָרן קלאָר פֿאַר אַלע אַרבעטס־מענטשן פֿון אונדזער פּאָוויאַט.

נאָך דער דאָזיקער פֿאַרזאַמלונג האָב איך דעם גרעסטן ווידערווילן, איך ווייס אַליין נישט פֿאַרוואָס, געפֿילט לגבי דעם סטאַראָסטע. אין אָוונט האָב איך אויסגעפֿונען זיין פּריוואַטע וווינונג און אָנגעהויבן מיט אים אַ שמועס וועגן דער קומענדיקער צווישנפּאַרטייִשער קאָנפֿערענץ. — איך האָב אייך ליב פֿאַר אייער ענטוזיאַזם, אָבער אין פּאָליטיק דאַרף מען זיין עלאַסטיש — האָט צו מיר געזאָגט דער סטאַראָסטע. אַלס ענטפֿער האָב איך אים איבערגעגעבן וועגן דער פֿאַרזאַמלונג אין דאָמאַשקאָוויצע און וועגן אַנדערע ענלעכע פֿאַקטן. דאָס האָט אים איבערצייגט. איך האָב זיך געזעגנט מיט אים מיט אַ קעגנזייטיקן צוזאָג פֿון סאַמע נאָענטסטער צוזאַמענאַרבעט. פֿון דאַן אָן זענען מיר געוואָרן פֿריינד. אין אַלע דערפֿער, פֿאַבריקן און ישובֿים האָבן מיר צוזאַמען פֿאַרבראַכט אַ סך צייט. „דאָרט ווו עס בויט זיך, ווו עס וואַקסט און שטאַרקט זיך אונדזער לעבן, העלף און דו אַליין לערן זיך פֿון מענטשן, וועלכע בויען" — האָבן צו מיר געזאָגט יעדעס מאָל, ווען איך האָב געפֿרעגט ווי אַזוי צו אַרבעטן אינעם פּאָוויאַט, די חבֿרים — סעקרעטאַרן פֿונעם וואָיעוואָדישן פּאַרטיי־קאָמיטעט: וולאָדיסלאַוו מאַטווין און אַרטור סטאַרעוויטש.

אינגיכן נאָכן צוריקקומען קיין פּוילן האָב איך אָפּגעזוכט מיין מאַמען און מיין ברודער מאַריאַן. בעת דער אָקופּאַציע איז זי צוזאַמען מיטן שטיף־טאַטן און מיט דער שוועסטער האַלינאַ געווען אין זשעטשיצע. מאַריאַן האָט ווי אַמאָל געלאַטעט פּויערישע שטיוול און האָט זיך פֿאַרנומען מיט קליינהאַנדל. דער שטיף־טאַטע האָט געאַרבעט אין טאַרטאַק, ווו ער האָט פֿאַרדינט פֿיר קילאָגראַם ברויט אַ וואָך.

— נאָך דער באַפֿרייונג איז אונדז נישט בעסער געווען — האָט זיך געקלאָגט די מאַמע. — בעת דער אָקופּאַציע האָט די געסטאַפּאָ כּסדר דיך אַרומגעזוכט. זיי פֿלעגן קומען, וואָס אַן אמת זעלטענער ווי פֿאַרן 1939 יאָר — איינמאָל האָבן זיי אַפֿילו צוגעשטעלט דער מאַמען צו דער וואַנט און איר געגעבן פֿינף מינוט צייט אויף אָנווייזן, ווו איך געפֿין זיך. — פֿאַרן טויט האָב איך קיין מורא נישט געהאַט — האָט זי דערציילט — איך האָב זיי געזאָגט „שיסט.

ווען מיין זון זאָל זיין אין פוילן וואָלט איך זיך געפרייט, אָבער איר וואָלט זיך קיינמאָל נישט דערוווּסט פון מיר ווו ער געפינט זיך". — איך האָב דאן געוואָלט שטארבן — האָט זי זיך באקלאָגט — און דערפאר האָב איך זיי געזאָגט דעם אמת. שפּעטער איז געקומען די באפרייונג. יעדן טאָג האָב איך געוואַרט, אז דו זאָלסט צוריקקומען. איך האָב אויף אייך געוואַרט — האָט זי מיט טרערן געזאָגט — און יעדע נאכט פלעגן קומען די א.ק.-לייט און האָבן מיך ווייטער געפייניקט מיט פראַגן וועגן דיר, געניעקן און מאניעקן. אפילו דעם קאַליעקע האָבן זיי צורו נישט געלאָזט. אָרעמער מאניעק! א יאָר צייט האָט ער זיך אויסבאַהאלטן, געשלאָפן אין די וועלדער און איז קראנק געוואָרן אויף טובערקולאָז. איצט קרענקט ער. אפילו האלינקען האָבן זיי צעהרגעט. א חודש אי זי געלעגן אין בעט. דאָס האָט מען זי געשלאָגן דערפאר, ווייל זי איז אָפּט געפאָרן קיין פולאווע, ווו געניעס מאן איז דער שעף פונעם פאָוויאטאָוון זיכערהייטס-אמט — האָט זי מיר דערציילט. — ווען וועל איך שוין אויפהערן צו ציטערן צוליב אייך? ווען וועט שוין מיין הארץ האָבן א מינוט רו און איך — אָפּרו אויף דער עלטער? אָט אזוי זעט אויס פאר מיר די באפרייונג — האָט זי געזאָגט.

איך האָב זיך דאן דערוווּסט, אז די מאמע האָט פארשידענע ווידערשפּרעכלעכע ידיעות וועגן די ברידער געניעק און טאָלעק. אייניקע האָבן איר איבערגעגעבן, אז טאָלעק איז אומגעקומען אין אָשוויענטשים און געניעק איז אין ענגלאנד, אנדערע ווידער, אז ביידע זענען אומגעקומען אויף דער סאָוויעטישער ערד: זיי האָבן נישט באוויזן זיך צו עוואקואירן. אין די ערשטע מלחמה-טעג בין איך געווען אין האָמעל און האָב נישט באוויזן זיך אומצוקערן צו מיינע אייגענע. זייער גורל איז מיר דעריבער געווען אומבאוווּסט.

איך האָב זיך געפרייט, וואָס איך האָב דער מאמען געפונען. איך האָב זי מיטגענומען מיט זיך, כדי זי אויסצוהיטן פון טעראָר פון די באנדעס. מיינע ביידע קינדער האָבן באקומען א באָבע, א זיידן און א יונגע מומע. אין קאַזאכסטאן האָבן מיין פרויס עלטערן געהאט צו מיר א באציונג ווי צו אן אייגן קינד. איצט האָט נאסטיע באקומען א גאָענטע, מוטערלעכע וואַרעמקייט. דעריבער האָב איך זיך נישט געקאָנט אנטשליסן צו שיידן זיך מיט דער מאמען, נישט צו וווינען צוזאמען. ערשט ווען דער וואָיעוואָדישער קאָמיטעט האָט מיך געשיקט אויף פארטיי-ארבעט אין קלאָדזקאָ האָט דער שטיף-טאטע מיך פארבעטן, ווי ער האָט געזאָגט, אויף אן ערנסטן שמועס.

— הער זיך איין, אלבין — האָט ער אָנגעהויבן — איך האָב וואָס אן אמת צוויי און זיבעציק יאָר. אָבער כוח האָב איך נאָך גענוג. די מאמע איז אויך ייִנגער געוואָרן. דו ווייסט אליין מסתמא, אז אונדז ציט צו דער ארבעט. א גאנץ לעבן האָבן מיר געהאָרעוועט אויף יענעם, לאָמיר ארבעטן פאר זיך.

ער האָט אומבארינגט געוואָלט האָבן א באלעבאטישקייט פון עטלעכע מאָרג ערד. די מאמע האָט אויך וועגן דעם געטרוימט. זי האָט זיך בלויז נישט

אנגטשלאָסן צו רעדן מיט מיר וועגן אזא גרויס גליק, וואָס קאָן פארווירקלעכט ווערן. דער שטארקער באגער צום נייעם לעבן האָט איר אוממעגלעך געמאכט צו בארעכענען די כוחות, וואָס זענען נייטיק צו פירן אזא מין לעבנס-שטייגער. אייגענע ערד, פון וועלכער קיינער האָט קיין רעכט נישט געהאט זי אַראָפּצוטרייבן, א שטוב, א קו —. אלץ, וועגן וואָס זי האָט געטראכט, ווען זי האָט חתונה געהאט, דאָס אלץ, וואָס איז געווען איר טרוים נאָך זייענדיק א מיידל, און שפּעטער, ווען זי איז א מוטער געוואָרן, דער טרוים וועגן א בעסער לעבן האָט געקאָנט פארווירקלעכט ווערן. איך האָב פארשטאנען זייער אומרו, איך האָב זיך אָבער באמיט זי איבערצוצייגן, אז זי דארף נישט נעמען אויף זיך קיין צו שווערע פליכטן. ווען זי האָט אָבער דערזען די באלעבאטישקייט, דאָס הייסט דאָס הויז און די זעקס צענטל העקטאר ערד, וועלכע עס איז איר צוגעטיילט געוואָרן, האָט זי געוויינט פון גליק.

— ווייזט אויס, אז דאָס איז נישט אמת — האָט זי געזאָגט — אויף דיר אפילו קוק איך דאָך ווי דעמלט, ווען דו האָסט זיך געהאלטן ביי מיין פארטעך און ביסט מיט מיר אמאָל געגאנגען אין וואלד נאָך יאגדעס, אין פעלד נאָך זאנגען און אין דאָרף נאָך ברויט פאר די איבעריקע קינדער. א גאנץ לעבן האָב איך געטרוימט וועגן אַ האַלבע קערץ קאָרן אַ חודש פאַר דער גאַנצער משפחה. אזוי איז געווען, ווען איר זענט אָן א טאטן געווען, און אזוי האָב איך אויך געטראכט, ווען ער האָט געלעבט. אזוי, אזוי — האָט זי געזאָגט — ווייזט אויס, אז איך בין נישט קיין זינדיקע, אויב מיך טרעפט אזא גליק.

יעדן טאָג האָב איך איבערגעלעבט איר גליק. די פאבריקן און קוילנגרובנס פון אונדזער פּאָוויאט האָבן אָנגעהויבן איבערשטייגן די פּראָדוקציע-נאָרמעס פון יענער צייט, ווען דאָ האָבן געבאלעבאטעוועט די דייטשישע קאפּיטאליסטן. עס זענען געוואקסן נייע מענטשן. דער חבר לודוויק טורעק, א קוילנגרעבער פון נאָווע רודע, האָט יעדן חודש איבערגעשטיגן די נאָרמע: ער האָט געגעבן 230—280 פּראָצענט. די לונגען זיינע זענען געווען דורכגעפרעסן פון דער שטויב-קראנקהייט, וואָס ער האָט באקומען אין די פראנצויזישע גרובנס. ער האָט אָבער זיין אָרגאניזם אונטערגעאָרדנט דעם ווילן צו ארבעטן פאר דער פאָלקס-מלוכה. זיין ביישפּיל האָבן אנדערע נאָכגעטאָן. די יונגע אומפּארטייאישע וועבערין קאלוזשא פון דער קראסנאָוויצער פאבריק איז פיר מאָל ארויס אויפן ערשטן אָרט בעת דעם סאָציאליסטישן פארמעסט. דאָס איז נישט גרינג אָנגעקומען. הונדערטער חברטעס האָבן צוגעזאָגט זיך אויסצוגלייכן מיט איר און זי איבעריאָגן. אויף אזא אופן האָט זי געהאָלפן דעם פּאָוויאטאָוון קאָמיטעט און אין טאָג, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די פּאָוויאטאָווע קאָנפערענץ, האָט זי עפנטלעך זיך געוואָנדן וועגן ארייננעמען זי אין דער פארטיי.

מיט יעדן טאָג איז געוואָקסן די צאָל מענטשן, ביי וועלכע עס האָט זיך אויפגעוועקט דער ווילן צום שאפן. אין די אָוונטן פלעגן זיך צונויפקומען די

מענטשן, ווען די יאָרן און דאָס געזונט האָבן שוין נישט דערלויבט אָנטיילצונעמען אין דער פרייער אַרבעט, כּדי זיך צו דערווייסן, צי עס איז אמת, אַז זייערע קינדער זענען די וויכטיקסטע מענטשן אין דער פאַבריק, און דאָס בלויז דערפאַר, ווייל זיי אַרבעטן צום בעסטן. נישט קיין נייע, נאָר אַ קיינמאָל פריער נישט באַפרייטע יוגנט־בענקשאַפט האָט זיך פאַר זיי איצט אַנטפּלעקט אין דעם, וואָס איז געווען דער אינהאַלט פון לעבן און וואָס זיי האָבן ערשט צום פולסטן באַנומען אין דער אַרבעט פון זייערע קינדער. זייערע פראַגן האָבן געקלונגען, אַזוי ווי דער פרילינג־געדרייש פונעם אויפוואַכנדיקן לעבן אין אַן אור־וואַלד. קראַפט האָט געשלאָגן פון זיי און פרישקייט.

איך האָב געוווּסט, אַז די מאַמע פרעגט אָפט ביי דער שוועסטער, צי עס איז אמת, אַז צו איר זון הערט מען זיך צו אין פאַוויאַט. פאַר איר האָב איך נישט אויפגעהערט צו זיין אַ ייִנגל, ווען בלויז זי אַליין איז נישט בכּוח צו טאָן קיין שלעכטס.

— ווען איך קוק איצט אויף דיר, ווען דו האַלסט אַ רעדע פאַר מענטשן, כאַפּט מיך אַרום אַ שרעק — האָט זי זיך פאַר מיר אָנפאַרטרויט — איך וויל דאַן שרייען: אַלבין, גיי אַראָפּ פון דאָרט! אַלץ איז דאָך פאַר אייך געווען פאַרבאָטן — האָט זי ווי פאַרענטפערט זיך, — אַזויפיל יאָרן האָב איך אייך געהיט איר זאָלט חלילה אויף קיין פרעמד פעלד נישט אַרויף, איר זאָלט באַרוועס נישט לויפן איבערן שניי, די פּאָליציי זאָל אייך נישט אַרעסטירן. דאָס לעבן האָט מיך אויסגעלערנט מורא האָבן און ציטערן. אויגן האָב איך געהאַט דערצו, כּדי זיי זאָלן אויף דער וועלט אָנקוקן צרות. וווּנדער זיך איצט נישט אויף מיר, דער אַלטער — האָט זי געבעטן.

כּמעט יעדן אָוונט נאָך דער אַרבעט איז פאַר מיר אַ גליק, ווען וועלכן די מאַמע האָט קוים געקאָנט טרוימען. מיינע פיר זין — ווי זיי וואָלטן אויפגעהערט צו זיין מיינע קינדער — שטעלן מיט זיך פאָר ווי מיינע משפּחה־מיטגלידער פון די אַמאָליקע יאָרן, אַריבערגעטראָגענע אין אַ וועלט פון קינדער־חלומות. אָבער אונדזער ווירקלעכקייט איז גרעסער פונעם אמת, ווען וועלכן איך האָב געטרוימט.

אינהאַלט:

זייט

אויף דער פאַרשטאָט און אויסער איר 5

אינעם פריצישן הויף 41

קולאַקישע גוטהאַרציקייט 58

זעלבשטענדיק 63

אין אַרעסט און אין תפיסה 82

אויף דער פריי 105

אין ראַטנפאַרבאַנד 133

אינעם באַפרייטן פוילן 170